ווען איך בין אַלט געווען צען יאָר, איז מיין פאָטער ע״ה אַריבערגעפאָרן קיין ווילנע, ווו ער האָט זיך באַ־שעפטיקט מיט ליפערונגען פאַרן רוסישן מיליטער. פון דאַן אָן פלעגט ער צו אונדז אין באָברויסק קומען נאָר פון צייט צו צייט. זיין שטענדיקער וווינאָרט איז געווען אין ווילנע. מיין מוטער ע״ה, זייער אַ פעיִקע, קלוגע און ענערגישע פרוי, האָט צו דער צייט געמוזט אַליין אויך שטאַרק צואַרבעטן, כדי צו קענען מפרנס זיין אונדזער גרויסע משפחה.

ביז 10 יאָר בין איך געווען דער גרעסטער שטי־פער אין שטאָט, פאַר וועמען קיין מעשה איז ניט געווען צו קליין. פון דאַן אָן אָבער בין איך אַרונ־טערגעפאַלן אונטער דער אויסערגעוויינלעכער השפעה פון מיין נייעם רבין אברהם בער ירמיהוס, אַ געניאַלער תלמודיסט און אַ בקי אין קבלה, וועלכער איז געווען בלב ונפש איבערגעגעבן דער שיטה פון „דעם רבין״. אברהם בער איז געווען אַ נזיר אין פולן זין פון וואָרט; ער איז געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אירע הבלי־הבלים און אין גאַנצן אַריינ־

געטאָן אין דער תורה און קבלה. אין די ביידע וועלטן האָט מיך אבֿרהם בער טיף און ברייט אַריינגעצויגן... ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַן עילוי, ער האָט מיך אָפּגעריסן פון דער וועלט און געמאַכט פאַר אַ בעל־חלומות פון חסידיש־קבלהדיקן שניט, ער האָט אָבער אין מיר אַזוי טיף פאַרפּלאַנצט די יידישקייט, אַז קיין שטורעם און קיין „סיטרא אחרא" האָט זי נאָך דעם ניט געקענט אין גאַנצן בייקומען...

ווען איך בין אַלט געווען עלף יאָר, האָט מיין פאָטער, וועלכער איז דאַן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון השכלה, אָנגעהויבן צו שיקן מיר השכלה־ביכער מכל המינים. דאָס האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע ווירקונג אויף מיין גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ ביסל דייטש פון משה מענדעלסאָנס חומש מיט דעם תרגום אשכנזי. ווייטער האָב איך זיך אַליין אָדער כמעט אַליין אויסגעלערנט רוסיש. ניט קיין פולע פערצן יאָר אַלט, האָב איך דערקלערט, אַז איך וויל אָנקומען אין גימנאַזיע. נאָך קנאַפּע. אַנדערטהאַלבן יאָר צוגרייטן זיך, האָב איך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען צום פינפטן קלאַס קלאַסישע גימנאַזיע אין מאַריאַמפּאָל (סוואַלקער גוב.).

ניסן קצנלסון

ניסן קצנלסון, אחד מפעילי התנועה הציונית ברוסיה, נולד בבוברויסק בשנת 1862 לאביו יוסף ולאמו פייע ברײנה פאלטיס. קיבל חינוך תורני וכללי בבית אביו, שהיה סוחר־עצים אמיד, וגילה כשרונות גדולים במתימטיקה. הוא יצא ללמוד למרות רצון הוריו לגרמניה



ד"ר תיאודור הרצל וד"ר ניסן קצנלסון בפטרבורג (1903)

והשתלם במדעי המתימטיקה, הפיסיקה והפילוסופיה באוניברסיטת ברלין, שם עבד כעוזרו המדעי של הפיסיקאי הנודע הלמהולץ. ב־1887 קיבל ניסן קצנלסון את התואר ד"ר על מחקרו בענין „השפעת מידת החום על גמישותן של מתכות". אם כי מורו פרופ' הלמהולץ דיבר על לבו שימשיך בעבודתו המדעית, קיבל ניסן קצנלסון את עצת הוריו וחזר לבית אביו לעזור לו במסחרו. לרגל העסקים העתיק ניסן קצנלסון את מושבו לעיר־הנמל ליבאו, בה עסק במסחר ובבנקאות. הוא לקח חלק נכבד בחייה הציבוריים של עיר מושבו החדשה. הצטרף לעבודת „חברת מפיצי השכלה" ולאחר מכן — לחברת יק"א, וכן היה פעיל בחברות צדקה רבות בעיר.

עם ראשית התנועה הציונית הצטרף ניסן קצנלסון אליה, ובקונגרס השלישי (1889) נבחר לחבר הועד הפועל הציוני ולמנהל „אוצר התישבות היהודים". הוא הפך לאחד מעוזריו הקרובים של ת. הרצל, הכין את מסעו של הרצל לרוסיה בקיץ 1903 וליוהו במסעו זה. הרצל מינה אז את קצנלסון לנציגו האישי בכל הנוגע למשא־ומתן עם השלטונות הרוסיים הגבוהים.

ב־1906 נבחר ניסן קצנלסון כצירם המשותף של היהודים והלַטים בפלך קורלאנד לדומה הממלכתית הראשונה והצטרף לסיעת הקדיטים. כבא־כוחה של סיעה זו נשלח לועדת הכספים של הדומה. עם פיזור הדומה היה קצנלסון בין החותמים על הכרוז שקרא למרי אזרחי נגד הממשלה ולאי־תשלום מסים („כרוז ויבורג") ונידון על כך לשלושה חדשי מאסר, אותם בילה, לפי בקשתו, בכלא שבמבצר בוברויסק. עם שחרורו ערכו לו ראשי עדת בוברויסק קבלת־פנים חגיגית. בבית־הסוהר כתב קצנלסון את זכרונותיו על

מסעו של הרצל ברוסיה, שחלק מהם הדפיס בעתו־נות היהודית.

לאחר שחרורו התרכז קצנלסון בעבודה ציבורית מקומית והיה יושב־ראש ועד ההגירה בליבאו, שהיתה אחד מנמלי ההגירה הגדולים ברוסיה. בשנות מלחמת־העולם הראשונה עבר קצנלסון לפטרוגראד והשתתף בעבודת העזרה לפליטי החזית היהודית.

בסתיו 1918 חזר קצנלסון חולה ורצוץ לליבאו ובה נפטר בא׳ בכסליו תרפ״ד (9 בנובמבר 1923).

י. תירוש

ר׳ יצחק ניסנבוים

„מתנגד" ממשפחת חסידים, קלט יצחק ניסנבוים בילדותו (נולד בכ״ה בתשרי תרכ״ט — 1868 — בבוברויסק) את גרעיני הציונות הראשונים מפי אשה ירושלמית לבית פְּרוש, האנטי־ציוני, שבאה לבקר את קרוביה בחוץ־לארץ ונקלעה גם לבית הוריו. בסיפוריה על המקומות הקדושים, הקשורים בזכרונות־קדומים, עוררה את הדמיון ואת לב הילד לאהבת ארץ־ישראל. יצחק הקטן היה יושב לרגלי אמו ושומע בהתרגשות רבה את הדברים הנפלאים ואת הזכרונות



ר׳ יצחק ניסנבוים

היקרים. „ומי יודע אם לא האשה הזאת — כה כתב ברבות הימים — היא היא שזרעה גרעיני הציונות הראשונים על תלמי לבבי הרך. וההשגחה חפצה, כי דווקא בנה של האשה הזאת, ר׳ עקיבא פרוש, יצא להפריע את דרשתי הציונית, בהיותי כעבור שנים רבות בירושלים עיה״ק".

הוא עצמו כותב על חינוכו לאמור: „מעולם לא חשבתי שיש לי ,רבי׳, לא בתורה ולא ביראת שמים, לא בספרות העברית החדשה ולא בציונות. ה,רביים׳ שלי היו הספרים בה״א הידיעה, ספרי הקודש, ולא אנשים, אפילו בה״א הידיעה".

הוא הכשיר עצמו להיות רב ומורה הוראה בישראל, כי ראה בתפקיד זה גם מטרה לאומית ציו־נית: לחנך את העם לאהבת הארץ ולבנינה. הוא היה גם מוכשר ומוכן לכך: שנים מרובות שקד על תלמודו, מתוך חיי צער ועוני, כדרך כל בני התורה, בישיבות וולוז׳ין וב„קלויזים" שבוילנה ובמינסק. בוו־לוז׳ין שמע שיעורים בתורה מפי הנצי״ב (אביו של הרב מ. בר־אילן ז״ל) ור׳ חיים מבריסק ז״ל. במשך שנים עבר כמעט בכל שנה על כל הש״ס, עד שהיה בקי גדול בסדרים אחדים, גם כוח הדיבור היה בפיו, וכן שימוש חכמים היה לו: בעבדו במחיצתו של ר׳ שמואל מוהילבר בביאליסטוק בעניני ציון, התבונן לדרכי הרבנות בכלל, התרגל בהוראה הלכה למעשה, והיה כותב מפי ר׳ שמואל תשובות לרבנים בעניני דת ודין.

אולם משנוכח לדעת, למראה עינים ולמשמע אזנים, את דלות עמידתה ועלבון עמדתה של הרבנות, הנתונה למרותם של התקיפים בקהילותיהם, הסיט את עצמו לנופים אחרים: לדַּבְּרוּת ולדברנות ציבורית, אם כי הרגיש עצמו בה תמיד כ„אורח נטה ללון", ולא חלם על כך מעודו. והואיל וכולו היה כבוש לרעיון מרכזי אחד, לשאיפה גדולה יחידה, שהרנינה את חייו, בה ראה חזות הכל — רעיון התחיה הלאומית בארץ התורה וברוח התורה — לכן נראה לו כדבר מובן מאליו שעבודה ציבורית פירושה — עבודה ציונית. כה נעשה בעל ההלכה לבעל הגדה: מגיד מישרים לבנין הארץ, מטיף לציון ולתחיה הלאומית בעל־פה ובכתב.

אותה הדרך עבר גם בעבודתו הספרותית. הוא

התחיל בהערות תורניות ב„המליץ" ובמאספים „כנסת הגדולה" ו„תלפיות" ועבר לפובליציסטיקה ודברי ספרות כלליים, רובם, כמובן, על נושאים ציוניים ועבריים. הוא השתתף בכל העתונים, שיצאו לאור באותן השנים בוארשה רבתי: „הצופה", „הצפירה", „היום" ועוד. הוא פירסם מאות מאמרים, רשימות ופיליטונים, בכל מיני כינויים ספרותיים ובשמו המפורש. באחדים מאותם עתונים היה הוא גם חבר המערכת, ועתים אף עורך („הצפירה" השבועית בתקופת הכיבוש הגרמני), ליד האריות שבחבורת הסופרים והעתונאים: נחום סוקולוב, דוד פרישמן, ח. ד. נומברג, ובמחיצה עם פישל לחובר ויוסף הפטמן ועוד. ב„הצפירה" מימי סוקולוב היה הוא מזכיר המערכת. כן השתתף ב„העברי", שהרב מאיר ברלין (בר־אילן) ז"ל הוציא בבירת אשכנז, וערך את „המזרחי", השבועון העברי של אותה מפלגה בפולין. בעתון זה הוטלה כמעט כל העבודה על שכמו, ועתים קרובות היה ממלא את כל הגליון בעצמו, כנחום סוקולוב בשעתו ב„הצפירה".

הוא שכתב — בעילום שם — חוברת התעמולה העברית הראשונה לקרן הקיימת לישראל בשם „הקופה הלאומית". בזכותו יצא הספר הראשון בתולדות הציונות של ד"ר יוסף ספיר מאודיסה, שזכה בפרס של ציוני מויטבסק, ר' שמעון ווליקובסקי. חלק של אותו פרס בא מהכנסות ספרו של הרב ניסנבוים „דרושים וחומר לדרוש", שיצא אף הוא בעידודו ועל חשבונו של אותו ציוני נדבן.

בעריכתו יצאו מטעם „הצפירה", בספריית „תבונה", שהעתון הקים כפרס לקוראיו, כרכים אחדים של כתבי שד"ל („מחקרי היהדות", „כנור נעים"), שי"ר („תולדות", „ערך מלין") וז. פרנקל („דרכי המשנה"; זו יצאה במהדורה שניה, מתוקנת, בוארשה בהוצאת נ. ציילינגולד).

אכן, לפי תכונות נפשו וסגולותיו לא התאים הרב ניסנבוים לשררה ולרבנות, משום כך ברח כל השנים מנשיאות ומהתנשאות. ואפילו כשקיבל עליו בשנים האחרונות את עול המנהיגות ב„המזרחי" בפולין, נטל עליו משימה זו כתפקיד כבד ואחראי, אולם בהווייתו נשאר האיש העני והצנוע, בעל זיקה חיה לפשוטי־עם, שאינו מתנשא על אחיו ואינו פוסע על ראשי עם קודש. מוצאו העממי עמד לו שיישאר עממי כל ימיו — באורח חייו, בשיחתו, בהליכותיו. משום כך אהב את איש־העבודה וחיבב את „החלוץ" העולה ארצה לעבדה ולבנותה. הוא עשה הרבה למען החלוצים בשנים הראשונות אחרי מלחמת־העולם הראשונה, עת זרם עליה גדול מעולי פולין ופליטי רוסיה וניצולי אוקראינה עבר דרך וארשה, והוא אז חבר המשרד הא"י ובידו לעשות. ומשקמה תנועת „תורה ועבודה" בגולה ו„הפועל המזרחי" בארץ־ישראל, מצאו בו שתי תנועות אלה ידיד נלהב, מדריך נאמן וחבר־מורה מסור. ולא להן בלבד, אלא אף לנוער מיסוד „השומר הדתי" שמר אמונים והטה חסד אהבתו ואור חכמתו.



אולם לא רק נאה דורש היה הרב ניסנבוים, אלא גם נאה מקיים. הוא תכף כל ימיו מעשים לדברים וסמך פעולה לאמירה.

את פעולתו הציונית התחיל באגודת „חובבי־ציון" במינסק, בה קבע מושבו בשנת תרמ"ט (1889) והתחיל להטיף לציון. כשנסגרה ישיבת וולוז'ין בחורף תרנ"ב (1892), נמסרה לו ע"י ח. נ. ביאליק וחבריו, הנהלת האגודה „נצח ישראל", שמטרתה היתה „ישוב ארץ־ישראל על טהרת הקודש" ותפקידה להכשיר לבבות של אנשי־רוח ליעוד זה, מתוך התעלות מוסרית עצמית. הוא עמד בראש „מסדר" זה שנים אחדות, עד שעבר לביאליסטוק, בה שימש ארבע שנים מזכירו ויד־ימינו של ר' שמואל מוהילבר, ראש „המרכז הרוחני" („המזרחי") לחובבי־ציון.

אחרי פטירתו של ר' שמואל מוהילבר ולאחר ביטול המרכז בביאליסטוק, נעשה הרב ניסנבוים מרצה ומטיף נודד מטעם הועד האודיסאי של חובבי־ציון.

הוא היה אחד משד"ריה הראשונים של הציונות. הוא עבר בסערת הצלחה מאות ישובי ישראל בגלות רוסיה ופולין, ליטא וקורלנד. הוא היה נואם בחסד עליון, בעל שאר־רוח. מילדותו נמשך אחרי סיפורי התורה ומאמרי ה„זוהר", שאמו קראה לעצמה באידית והלהיטו את דמיונו. ומשגדל היה כרוך אחרי „מגידים" ולהוט לשמוע דרשותיהם. הוא נתרשם ביותר מ„המגיד מקֶלם", בעל כשרון התיאור הנפלא. ברם, על דרכו העתידה בהטפה ועל צורתה השפיעו, ביודעים ובלא יודעים, כמה אישים, שהוא למד את אורח הדרוש והמדרש אם מפיהם ואם מתוך כתביהם: ר' יעקב חריף, מגאוני המוסר והתורה, ר' צבי מסליאנסקי, המטיף הלאומי בה"א הידיעה, והד"ר אהרן ילינק, איש המערב. ואכן, דרשותיו־הטפותיו של ר' יצחק

בתקופת השלטון הסוביטי שימש לוזינסקי כמרצה להיסטוריה כללית בבתי־ספר גבוהים בלנינגרד, מינסק, רוסטוב. בשנות העשרים, כאשר השאירה הממשלה



שמואל לוזינסקי

הסוביטית פתח כל־שהוא לעבודה מדעית חפשית — לקח לוזינסקי חלק פעיל בעבודתם של החוגים המצומ־צמים שניסו לשמור על גחלת מחקר ההיסטוריה היהו־דית. הוא ערך את קובץ התעודות לתולדות בתי־הספר הממשלתיים היהודיים, שיצא בפטרוגרד ב־1920. השת־תתף כעורך וכמחבר בקבצים ההיסטוריים שיצאו אז („ייבריסקאיה סטארינה" ו„ייבריסקאיה ליטופיס"). בימים ההם ובימים שלאחר מכן עסק בחקר תולדות הנצרות בימי־הביניים, ושני ספריו „האינקביזיציה הקדושה" (1927) ו„תולדות האפיקורות" (1934) יצאו לאור בהוצאת האקדמיה למדעים של ברית־המועצות.

בשנת 1945 מת שמואל לוזינסקי במוסקבה. ייתכן שבעזבונו המדעי שמורים מחקרים ועבודות הנוגעים לתולדות ישראל. אף הוא יימנה עם אותם אנשי המדע היהודים שתנאי המשטר הסוביטי מנעו מהם את האפשרות לתת ידם לביצורה ולהתפתחותה של החקירה המדעית היהודית.

יצחק קצנלסון



יצחק קצנלסון

המשורר והסופר יצחק קצנלסון נולד בקארליץ׳, הסמוכה לנובוגרודק, בשנת 1885 ואת רוב ימיו בילה כמורה ומחנך עברי בלודז׳.

אולם שרשיו של יצחק קצנלסון בבוברויסק היו. שם התגוררה משפחת סבו האהוב עליו, ופעמים רבות, בפרט בימי הפגרה בקיץ, היה בא, לעתים עם בן־דודו יצחק טבנקין, לבלות בין בני משפחתו בבוברויסק.

קצנלסון נודע בספרות העברית והאידית כמחבר הפואימה בפרוזה „בגבולות ליטא" (1904), המחזה התנ"כי „הנביא" ויצירות פיוטיות ודרמתיות אחרות. הוא היה מיוצריו של התיאטרון העברי. שירי הילדים שלו בעברית ובאידית היו חביבים על ילדי ישראל בגולה ומנגינות חוברו להם. מהם שהושרו גם בארץ־ישראל, כמו השיר „יפים הלילות בכנען".

את שנות חייו האחרונות חי קצנלסון בצל השואה בפולין. בין חומות גיטו וארשה לימד ילדים ועודד רוחם של חלוצים ולוחמים. כאן הושמדה משפחתו. לאחר מרד הגיטו הצליחו ידידיו לחלצו מתוכו בעזרת תעודת נתינות של מדינה דרום־אמריקאית. הוא נשלח למחנה נתיני־חוץ בצרפת. שם כתב את יצירתו הגדולה „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" („השיר של העם היהודי שנהרג"), ומשם הובל באביב 1944 עם בנו, ששרד לו מכל בני משפחתו, אל מחנה־המות באושביץ.

אנו מביאים כאן שני קטעי זכרונות, בהם מספרים אחותו של המשורר וידידם מנוער, המשורר דוד שמעוני, על ביקורו של יצחק קצנלסון בבוברויסק.

צפורה קצנלסון

„הבמה העברית" באה לבוברויסק *

(ב־1912 הקים יצחק קצנלסון בלודז' תיאטרון חובבים עברי בשם „הבמה העברית", והעלה על הבימה את המחזה „אוריאל אקוסטא" לגוצ'קוב. בקיץ 1912 יצאה „הבמה העברית" לסיבוב בערי תחום המושב והגיעה גם לעיר מוצאו של המשורר — בוברויסק. אחותו צפורה, אף היא אחת השחקניות שלקחו חלק במחזה, מספרת על סיבוב זה, והרי הקטע על הביקור בבוברויסק.)

מברנוביץ נסענו לבוברויסק. היינו מתוחים מאד. יצחק אמר כמנהגו, ספק ברצינות ספק בהיתול:

— הנה באים אנו לערש משפחתנו, הקצ־נלסונים התרבו כל כך כאן, בלי עין הרע, עד שאומרים, שכאן בבוברויסק לכשזורקים אבן נופלת היא או על קצנלסון או על חזיר, להבדיל...

בתחנת הרכבת נראה מחנה של אנשים שציפו לבואנו **.

שמח וצוחק החל יצחק ברחבת הרכבת במעשי הקונדס שלו:

— הבה ונראה מי מכם פה בן משפחתי הוא? הקצנלסונים, „רוקי וו'ווערח"... (הידים למעלה!). לגודל תמהונו הורמו עשרות ידים... ברל (אחי) ואני הבטנו בהשתוממות איש אל רעהו:

„האם יתכן שיש לנו בבוברויסק מספר כה רב של קרובים?..."

לאחר מכן התברר שלבוברויסקאים יש חוש הומור, הם שילמו בבדיחה על בדיחה, לאחר שיצחק הגזים כל כך במספר בני משפחתו. אם כי אין לשער עד כמה רבה היתה אהדתם של אנשי בוברויסק לקצנלסונים, וגאותם בד"ר קצנלסון (בוקי בן־יגלי) היתה לבלי־גבול.

ואין לך בדיחה בלי יסוד של אמת; ואמנם התיצבו לפנינו קרובים על־גבי קרובים: דודים, דודות, בני־דודים ואחיינים — —

הכרטיסים להצגה כבר נמכרו כמה ימים לפני בואנו. על־יד הקופה נאבקו אנשים לקבל לכל הפחות מקום עמידה. הסיבוב הראשון של התיאטרון העברי היה נצחון גדול.

---

* צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו, יצחק קאַצענעלסאָן, בוענאָס־איירעס 1948, עמ' 195—196.

** וכן מספר מ. גנסין, אף הוא חבר להקת „הבמה העב־רית": „קהל עצום נושא פרחים לרוב, מחכה לצאתנו מהקרון" („דרכי עם התיאטרון העברי", עמ' 87).

על יצחק קצנלסון

בקראי את היומן ראיתי לפני את יצחק העלם הרך, את יצחק מלפני ארבעים שנה. הוא בא אז יחד עם יצחק טבנקין, בן־דודו, לעיר מולדתי בעניני „פרי־זיב", כלומר, התיצבות לצבא, והוא התגורר שם איזה זמן בבית סבא שלו, זקן יקר אשר פניו קרנו תמיד מחיוך מקסים, חיוך ידידות וחיבה לכל הבא בד' אמותיו. גם אמו של יצחק, אשה טובת־לב להפליא, באה עמו. היחס של קצנלסון לאמו ולזקנו התמיהני. סוף סוף היה כבר בן עשרים, אדם מבוגר, ואולם על אמו וזקנו התרפק ממש כתינוק. יש שהבחין בתמיהה שלי, ואז היה כאילו מתבייש קצת ומחייך לעומתי מתוך מבוכה והתנצלות, אבל לא עברו רגעים מועטים והוא מתחיל שוב להתרפק על אמא וסבא, מחבקם ומנשקם, מלטפם, כשכולו נוהר בשפע אור, אור אהבה.

אך ביחוד זכור הוא לי בפגישתנו הראשונה הזאת מטיול אחד בסירה על פני הנהר ברזינה. זה היה בקיץ, לפנות ערב. הנהר הרחב זרם בנגוהות השקיעה בין גדותיו הירוקות, בין אפָרים, שדות, חורשות. הסירה היתה מלאה צעירים, בחורים ובחורות, ששמחו מאד לחברת האורח־המשורר. יצחק הראה את כוחו בחתירה במשוטים תוך כדי שירה וצהלה ומעשי קונ־דסות, כמו התזת רסיסי מים על השכנים, שגם הם,

כמובן, לא טמנו יד בצלחת, ולבסוף הושבנוהו, כמעט בעל כרחו, על חרטום הספינה, שינוח קצת. פניו היו מופנים לשמש והוא זרח כולו, אבל לא כל־כך מהשמש, כמו מאיזו עליצות שופעת, שפרצה מתוך עיניו, מתוך גומות־החן שבלחייו, מתלתליו המקורזלים, מצחוקו, מזמרתו. כמו שהפליאני ביחסו לאמו ולזקנו כן הפליאני גם עכשיו בשפע הכביר של חדוה, של גיל נעורים, של שמחת החיים, של אהבת החיים, יותר נכון, של אהבה לחיים, של אהבה לכל, ודמותו זו באותו ערב קיץ, כסמל הנעורים, כסמל חדות ההוויה, כסמל אביב־האדם, ריחפה לפני בלי הרף בקראי את הדפים התהו־מיים של יומניו.

(ד. שמעוני, מעל הדוכן, תל־אביב תשי״ז, עמ׳ 201)

צלה (ציליע) דראפקין*

צלה דראפקין נולדה בבוברויסק בשנת תרמ״ט (סוף 1888). אביה יוסף־יונה לווין, סוחר יערות, נפטר בצעי־רות ממחלת השחפת, וצלה עם אחותה האהובה סימה התחנכו בהשגחת אמם, ממשפחת גולודץ המפורסמת בעשרה.



ציליע דראפקין

צלה למדה בבית־הספר לבנות בבוברויסק, אחר כך בגימנסיה לבנות בנובוזיבקוב. לאחר סיום לימו־דיה נסעה לוארשה והתפרנסה מהוראה ושיעורים פר־טיים. בגיל רך ביותר החלה כותבת שירים ברוסית. בת שבע־עשרה הגיעה צלה לקיוב להמשיך בלימודיה. היא היתה מדוכאה והפסיקה בכתיבת שיריה, לאחר שאחד ממכריה, גימנזיסט, מתח עליהם ביקורת קשה. בקיוב נפגשה עם הסופר העברי הנודע אורי ניסן גנסין, היא קראה לפניו את שיריה והוא עודד אותה, הבטיח לה כי היא מוכשרת מאד ועליה להמשיך בכתי־בתה, אף תירגם את שירה „הנשיקה״ לעברית והזכיר בכתביו את צילי „ריבה קטנונית ומזורזת מבנות בוברויסק השחרחרות״ („אצל״).

מתוך געגועים לאמה ולאחותה חזרה לבוברויסק. בבוברויסק הכירה את העסקן הבונדאי, איש הומל, שמעיה דראפקין, ונישאה לו בשנת 1909. אולם ידי־דותה עם גנסין לא נפסקה והיא הוסיפה להתכתב עמו עד פטירתו בסוף 1913.

אגב, לאחר שנים רבות התברר לצלה דראפקין כי שירה „הנשיקה״ שולב בסיפורו של גנסין „אצל״ מבלי שיוזכר שם הכותבת אותו. יש לשער כי מוציאיו לאור של סיפור זה, שהופיע בשנת פטירתו של גנסין, לא ידעו מי היתה המחברת ועל כן לא הזכירו את שמה.

שמעיה דראפקין נאלץ להימלט מרוסיה כחשוד בעבירות מדיניות והגיע לארצות־הברית. ב־1912 נסעה צלה אל בעלה ובזרועותיה בנה הבכור, בן השנתיים.

שנים קשות עברו על המשפחה, שארבעה ילדים נוספים נולדו לה בארצות־הברית. צלה הוסיפה לכתוב ברוסית, אולם לאט לאט התקרבה אל חוגי הסופרים הכותבים אידיש בניו־יורק, ובעידודם של ליעסין ולאדק החלה לכתוב ב־1917 אידיש, תחילה בעתונים הספרותיים „אנהייב״, „די נייע וועלט״, „פאָעזיע״, „אין זיך״, ולאחר מכן ב„צוקונפט״. היא כתבה שירים ורשי־מות ספרותיות, שכמה מהם נושאים אופי אוטוביוגרפי.

בשיריה נשמעה נימה חדשה בספרות היהודית, נימה ארוטית־דרמתית, שלא חרגה מעבר לעדינות הרר־חנית. ב־1935 יצא לאור קובץ שיריה הראשונים „אין הייסן ווינט״.

* לפי הלכסיקון של א. רייזין ורשימתו של ס. דילון (בשולי ספרה של צלה דראפקין, אין הייסן ווינט, ניו־יורק 1959).

צילה דראפקין היתה חביבה ומקובלת בחוגים הספרותיים בניו־יורק. היא היתה אמנית גדולה לא רק בשיריה, אלא בכל אורח חייה. בסוף ימיה עסקה בציור והגיעה במהרה להישגים חשובים ונאים. היא נפטרה שלוש־עשרה שנים לאחר מות בעלה, בשנת 1956.

שנים מספר לאחר מותה נחלצו בניה וידידיה להוציא קובץ של שיריה, סיפוריה וציוריה. הספר יצא במהדורה מהודרת בניו־יורק, 1959, ושמו כשם הקובץ הראשון: „אין הייסן ווינט".

אנו מביאים את שירה של צילה דראפקין „מיין מאַמע" ואת רשימתה „ביי רייכע קרובים אויף דער אימעניע", שפורסמה ב„צוקונפט" 1932, ובאה גם בספר כתביה האחרון.

ציליע דראַפּקין

מיין מאַמע

מיין מאַמע,
אַ צוויי און צוואַנציק יאָריקע,
אַן אַלמנה מיט צוויי קלייניניקע קינדער געבליבן
צנועתדיק האָט זי באַשלאָסן צו קיינעם אַ ווייב
מער ניט ווערן.
שטיל האָבן זיך אירע טעג און יאָרן געצויגן,
ווי פון אַ קאַרגן וואַקסענעם ליכט באַלויכטן.
מיין מאַמע איז צו קיינעם אַ ווייב ניט געוואָרן,
נאָר אַלע פּילטעגיקע,
פּיליאָריקע, פּילנעכטיקע זיפצן
פון איר יונגן און ליבנדן וועזן,
פון איר בענקנדיקן בלוט,
האָב איך מיט מיין קינדערשן האַרצן פאַרנומען,
טיף אין זיך איינגעזאַפּט.
און מיין מאַמעס פאַרבאָרגענע הייסע בענקשאַפט
האָט זיך, ווי פון אַן אונטערערדישן קוואַל,
פרי אין מיר אַריינגעגאָסן.
איצט שפּריצט פון מיר אַפן
מיין מאַמעס הייסער, הייליקער
טיף־פאַרבאַהאַלטענער באַגער.

ציליע דראַפּקין

ביי רייכע קרובים אויף דער אימעניע

מאַדאַם ראַבינאָוויטש האָט געשריבן צו איר שוועסטער: „איך האָב שוין געהערט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן אייער שטאָט. פונקט אַזאַ שריפה האָט פּאַסירט, ווען איך בין אַ קליין קינד געווען און דו ביסט נאָך דאַן געלעגן אין די וויקעלעך. אָבער זאָרג זיך ניט, טייערע פייגל, איך וועל אַלצדינג טאָן, דו זאָלסט ניט דאַרפן ליידן. איך בעט דיך דערוויל קומען צו אונדז אין דער „אימעניע"...

פייגל האָט ניט געקענט ווייטער לייענען. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן. נאָך דער שריפה האָט פייגל צוזאַמען מיט איר איין־איינציקער פערצן־יאָריקער דינהן זיך געפונען אין שכנות מיט אַן אַנדער אָרעמער משפחה אין עק פון שטאָט, וווּ דאָס פייער האָט ניט געהאַט דערגרייכט.

אין אַ פינצטערן צימערל, וווּ עס האָט געקענט שטיין נאָר איין בעטל, איז געלעגן דינה. זי האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ווען פייגל איז אַריין מיטן בריוו.

— דינהלע, טאָכטער מיינע, זע וואָס די מומע שפרה שרייבט. זי בעט אונדז צו זיך אויף דער אימעניע.

דינה האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל:

— צו דער מומע שפרה? קיין מאָל ניט!

— וואָס עפּעס, וואָס האָט זי דיר געטאָן?

— צו אַזעלכע גבירים פאַר איך ניט — האָט דינה אַ בריקע געטאָן מיט איר באָרוועסן פיסל די קאָלדרע.

— אָבער זי בעט אונדז קומען צו גאַסט פאַר אַ ווײַלע — האָט פייגל געטענהט. — זע סאַראַ בריוו, סאַראַ אײדלקייט. מיר וועלן דאָך אָפּלעבן דאָרטן.

— אָבער וואָס וועל איך טראָגן, אַז אַלץ איז פאַרברענט? ווי וועל איך זיך צייגן צווישן דער מומעס קינדער?

פייגל האָט געהאַט מורא אויסצוזאָגן, אַז אין דעם בריוו איז אויך געלעגן אַן אָנווייזונג אויף געלט, גאַנצע צוואַנציק רובל. דינה, ווייסט זי, קען ניט פאַרטראָגן, אַז איר מאַמע זאָל נעמען הילף פון די רייכע קרובים.

— מען וועט מיר באָרגן אין שניט־קראָם און חנה דער נייטאָרקע וועל איך באַצאָלן שפּעטער, ווען עס וועט צוריק ווערן אַ ביסל פּרנסה — האָט פייגל געזאָגט.

דינה איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און אָט איז זי שוין פאַרטיק צו גיין אין שניט־קראָם.

זי האָט זיך אויסגעקליבן אַ בלויען סאַטי־נעט און אַ ווײַסן באַטיסט און האָט שטיל געשמייכלט, פאָרשטעלנדיק זיך, ווי זי וועט אויסזען אין דעם.

*

ראַבינאָוויטשעס אימעניע איז געלעגן אין דער טיף פון די פּאָלעסיער וועלדער. פאָרנדיק פון סטאַנציע, האָבן פייגל און דינה טיף אײַנ־געאָטעמט אין זיך דעם זיסן ריח פון סמאָלע פון די סאָסנע־נאָדלען.

עס איז געווען פאַרטאָג.

וועלדער און ערשט־פאַרזייטע פעלדער האָבן זיך געטראָגן אַנטקעגן דער בריטשקע און האָבן פאַרטריבן פון זכרון די פאַרברענטע חורבות מיט די איבערגעבליבענע הויכע שוואַרצע קוי־מענס, די שטאָט, וואָס זיי האָבן ערשט פאַר־לאָזן, און אָט פאָרן זיי אַרײַן אין אַ הויף, וואָס זעט אויס ווי אַ גרויס פעלד, נאָר מיט ריינע, ברייטע סטעזשקעס און דאָ און דאָרטן מיט קיילעכדיקע בייטן פאַר בלומען.

פון ביידע זייטן הויף אויסגעשטעלט, ווי אין אַ גאַס, שטייען הייזער.

דאָ וווינט ראַבינאָוויטשעס משפּחה.

נאָר זומער וווינען זיי דאָ. ווינטער פאָרן זיי צוריק אַוועק אין גרויסע שטעט און אין אויס־לאַנד.

אַלע זענען נאָך, קענטיק, געשלאָפן. די לאַדנס זענען געווען פאַרמאַכט. נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן מיטן געשיר און טעפּ. מען האָט שוין געגרייט אָנבייסן פאַר די באַלעבאַטים. אַ וועכטער איז צו זיי צוגע־גאַנגען.

— וווּ איז דאָ חיים ראַבינאָוויטשעס הויז? — האָט אים פייגל געפרעגט.

ער האָט אָנגעוויזן גראָד אויף דעם ערשטן הויז, וואָס האָט זיך ברייט פונאַנדערגעשפּרייט מיט זײַנע ווערענדעס און זיך געבאָדן אין מאָרגן־פרישקייט. פייגל מיט דינהן זענען פאַר־בייגעגאַנגען די פאָדערשטע טיר, וואָס איז, קענטיק, פאַרשפּאַרט געווען, און אויפגעזוכט דעם אַרײַנגאַנג צו דער קיך.

טייבע, אַ פעטע קעכין מיט רויטע באַקן און אַ ווײַסער פאַטשיילקע אויפן קאָפּ, פאַר־בונדן הינטערן קין, איז שוין געשטאַנען בײַ דער פּליטע.

פייגל האָט געקענט טייבען. זי, פייגל, פלעגט געוויינלעך צושיקן איר שוועסטער דינסטן. טייבע איז אויך געווען צוגעשיקט דורך איר נאָך מיט אַ יאָר צוריק.

זיי האָבן זיך דערפרייט שטאַרק איינע מיט דער אַנדערער.

— וואָס מאַכן אַלע?

די מאַדאַם איז ערשט נעכטן אַוועקגעפאָרן אין קאַרלסבאַד. דער דאָקטער האָט איר גע־הייסן.

— טאַקע?

פייגלען איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. וועמען האָט זי דאָ חוץ שפּרהן, שפּרהס מאַן? איז דאָך פאַראַן אַ ווערטל, אַז אַ מאַן האָט ליב אַ געזונטע פרוי און אַ רייכע שוועסטער.

— דער הער איז אויך מיטגעפאָרן — האָט

טייבע גערעדט ווייטער, איבעררייסנדיק פייגלס שווערע טראַכטונגען.

— יע? — האָט איבערגעפרעגט פייגל.

— נאָר אויף אַ ווײַלע. ער וועט צוריקקומען אין גיכן און איבערלאָזן דאָרט די מאַדאַם.

— וואָס מאַכן די קינדער? סאָניעטשקע, ליזאָטשקע, אַלעטשקע, דאַווידקע, קיוועלע?

— וואָס פעלט זיי? — האָט טייבע אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. — אָט אייערע איז בלייך און דין — האָט זי אַ קער געטאָן אירע אויגן אויף דינהן.

— זי איז מיד פון וועג, אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן — האָט זיך פייגל ווי פאַרענט־פערט. — און דערצו — וואָס מיר זענען אויסגע־שטאַנען שרעק. אַ האַלבע שטאָט אַוועק!

טייבע, דערהערנדיק פון דער גרויסער שרי־פה, האָט אָנגעהויבן שאָקלען מיטן קאָפּ און ווישן די אויגן. ס'איז געווען פאָרט איר אייגענע שטאָט. זי האָט זיך ענדלעך געכאַפּט:

— איר זייט ביידע מיד. כ'וועל רופן דאָס שטוב־מיידל, זאָל זי אייך צייגן דעם צימער, וואָס מ'האָט פאַר אייך צוגעגרייט. די מאַדאַם האָט מיר געהייסן גוט אויפפּאַסן אויף אייך.

דאָס שטוב־מיידל נאַסטיע, אַ פאַרשלאָפענע הויכע שיקסע, האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן ליכטיקן צימער, וואָס איז קענטיק ערשט ניט לאַנג צוגעבויט געוואָרן צום הויז.

עס האָט געשמעקט פון די ווענט מיט סמאָלע.

דינהן האָט זיך לייכט פאַרדרייט דער קאָפּ און באַלד איז זי שוין געשלאָפן מיט אַ טיפן, זיסן שלאָף.

*

ווען די זון איז הויך געשטאַנען אין הימל, האָט דינה אויפגעעפנט אירע אויגן. דער קלאַנג פון אַ גלעקל האָט זי אויפגעוועקט.

פייגל איז אַריין אין צימער. נאָך איר איז נאָכגעגאַנגען נאַסטיע מיט אַ קרוג וואַסער און אַ שיסל. דאָס גלעקל האָט ווידער געקלונגען.

— מען רופט צו מיטאָג — האָט געזאָגט נאַסטיע.

דינה האָט אויסגעשטעלט אירע הענט איבער דער שיסל, און פייגל האָט געגאָסן אויף זיי פריש קאַלט וואַסער.

— סאַראַ מחיה דאָס איז! — האָט פייגל דערוויילע גערעדט און זי האָט אַ זיפץ געטאָן. — פונקט ווי גאָר ביי אונדז אין שטעטל, מישטיינס געזאָגט — דו דאַרפסט נאָר עסן און וואָס מער, זאָלסט מיר גאָרנישט איבערלאָזן.

— איך וועל עסן ניט מער ווי אַלע מאָל — האָט דינה איינגעשפּאַרט געזאָגט און האָט דערפילט אַ שאַרפן הונגער.

פייגל איז אַרויף מיט דינהן אויף אַ ברייטער וועראַנדע, וווּ עס איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש מיט בענק. די וועראַנדע איז געווען געשיצט פון זון מיט לייוונטענע שטאָרן.

די קינדער זענען שוין געווען אויסגעזעצטביים טיש. מען האָט זיי פריילעך באַגריסט אין רוסיש:

— גוט מאָרגן, מומע! גוט מאָרגן, דינה!

די עלטערע, ראָזע, האָט זיי גרויסמוטיק אָנגעצייגט אַ פּלאַץ ביים טיש.

דינה האָט זיך געפילט אומבאַקוועם צווישן אירע קוזינס און קוזינעס, וועגן וועלכע זי האָט אַ סך געהערט, נאָר געזען האָט זי זיי ווייניק. זי האָט אויך געפילט, ווי איר קוזין, קיווע, קוקט אויף איר זייער אויפמערקזאַם. די אויפמערקזאַמקייט פון קיווען, וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון איר, האָט געבראַכט די גאַנצע פאַרב צו איר פּנים.

דער טיש איז געווען אויסגעשטעלט מיט קאָנסערוון, אייער, אַלערליי קעזן און אַלדאָס גוטס.

ניט קוקנדיק אויפן הונגער האָט דינה, צו פייגלס גרויס עגמת נפש, זיך קוים צוגערירט צום עסן.

נאָכן עסן איז קיווע צוגעגאַנגען צו איר.

— קום צום פּאַווילאָן, אַלע גייען מיר איצט אַהין.

און ער האָט אָנגעצייגט אויף אַ קיילעכ־דיקער, גלעזערנער געביידע, וואָס איז געשטאַנען הויך ווי אַ טראָן ביים אָנפאַנג הויף.

דינה האָט דערפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו קיווען, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אַ סך איינ־פאַכער פון זיינע שוועסטער.

מיט אַן אומדערוואַרטער פריידיקייט אין איר דינעם קערפּערל איז זי צוגעלאָפן צום פּאַוויליאָן. קיווע — נאָך איר.

אין פּאַוויליאָן איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ, און אויף דער פּיאַנאָ האָט זיך געפונען אַ ברוין, פיין געשניצט קעסטל, מיט אַ טרובע. דינה האָט אַזאַ זאַך פריער קיין מאָל ניט געזען.

— וואָס איז דאָס? — האָט זי געפרעגט איר קוזינע סאָניטשקע.

— ווייסט גאָר ניט? — האָט סאָניטשקע פאַרריסן איר נעזל — דאָס איז אַ גראַמאָפאָן.

דינה האָט זיך טיף פאַרשעמט פאַר איר אומוויסנקייט. זי האָט געזוכט מיט די אויגן קיווען, נאָר ניט געקענט אים געפינען.

דער פּאַוויליאָן איז געווען אָנגעפילט מיט יונגוואַרג פון ראַבינאָוויטשעס משפּחה, קוזינס און קוזינעס, אַלע אָנגעטאָן אין שיין געניייטע קליידער פון די זומערדיקע פיינסטע שטאָפן.

צווישן די בחורים זענען געווען אַ פּאָר סטודענטן אין טוזשורקעס מיט עפּאָלעטן.

דינה האָט מעלאַנכאָליש געטראַכט, אַז זי האָט דאָ נאָר צוויי נייע קליידלעך און אויך די זענען ניט פון די זעלבע סאָרטן, ווי די ראַבינאָוויטשעס טראָגן.

זי האָט דערזען זייערע, פון דינעם לעדער, געלע אָדער שוואַרצע לאַקירטע שיכלעך און האָט עס פאַרגליכן מיט אירע האַמעטנע שיך פון גאַנץ גראָבן לעדער. זי איז געווען אין כעס אויף זיך און דער מאַמען, וואָס זי איז אַהער געפאָרן.

באַלד אָבער האָט זי דערהערט טיפע זאַפּ־טיקע פּיאַנאָ־קלאַנגען. עס האָט געשפּילט אַ קוזינע פון אירע קוזינעס, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף. אַלע האָבן איר אַרומגערינגלט, אפילו דאָס דערוואַקסענע יונגוואַרג. אַז זי האָט געענדיקט, האָבן אַלע שטאַרק אַפּלאָדירט. דינה האָט געזען, ווי זיי שטאָלצירן אַלע מיט דער יונגינקער פּיאַניסטין, וועלכע האָט געהאַט גרין־בלויע טיפע אויגן, אַ טונקעלע הויט און אַ פּאָר מעכטיקע הענטלעך, וועלכע האָבן געקעניגט איבער די ווייסע און שוואַרצע פּיאַנאָ־ביינדלעך.

דער פּיאַניסטינס מוטער איז פון קינדהייט אָן געווען טויב, און דער ווונדער, וואָס די קליינע רעבעקאַ האָט געהאַט אַזאַ שאַרפן אויער צו מוזיק איז געווען נאָך גרעסער, פּונקט ווי די מוטער וואָלט איר אָוועקגעשענקט איר געהער און אַליין געבליבן טויב, און איצט הערט די טאָכטער פאַר צווייען...

דינה איז געווען באַצויבערט און ערגעץ אין איר האַרצן האָט זיך געוועקט אַ קנאה צו רעבעקאַן. דינהן האָט זיך אַזוי געוואָלט זיין גרויס און גוניאַל!

נאָך דעם ווי אַלע זענען אַוועק, איז דינה געבליבן אַליין אין פּאַוויליאָן. זי האָט אומ־מעכטיק געקלאַפּט איבער די פּיאַנאָ־ביינדלעך און אין איר האַרצן האָט געברענט אַ ווונטש, אַז עס זאָל געשען אַ ווונדער און פון אונטער אירע פינגער זאָל זיך פלוצלונג אַ גאָס טאָן אַזאַ מעלאָדיע, אַז די, וואָס וועלן עס דערהערן, זאָלן פאַלן אויף די קני און קוקן אויף איר, ווי אויף אַ מלאך, געשיקט פון גאָט.

אַן אומעטיקע איז דינה אַרויס פון פּאַווי־ליאָן. זי האָט דערזען האַמאַקעס צווישן די ביימער, האָט זי זיך געלייגט אויף איינעם פון זיי, און ווען דער בלויער הימל האָט אַ שפּראָץ געטאָן צווישן די געדיכטע, גרינע צווייגן, האָט דינה ווידער דערפילט די פּשוטע פרייד פון זיין צווישן וועלדער און פעלדער, ווייט פון דעם אָפּגעברענטן שטעטל, ווייט פון איר צימערל אָן פענצטער.

*

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג איז קיווע ווייטער געלאָפן מיט איר צום פּאַוויליאָן, נאָר ניט דערגרייכנדיק דעם פּאַוויליאָן איז ער פאַר־שוווּנדן. — וואָס איז מיט אים? ווו באַהאַלט ער זיך? — האָט דינה געטראַכט. זי האָט געוואַרט, טאָמער וועט רעבעקאַ שפּילן.

רעבעקאַ איז אָבער געשטאַנען צווישן די קינדער, זאָרגלאָז געלאַכט און ניט געגאַנגען צו דער פּיאַנאָ.

— קוקט, קוקט! — האָט אויסגעשריען איינער פון דער גרופּע קינדער.

אַלע האָבן געווענדעט זייערע אויגן צום פענצטער.

אַ צוויי טוץ גויים, אָנגעטאָן ווי אַרבעטער, אָדער אין גראָבן לייוונט, ווי פּויערים, האָבן

געשפּאַנט צום פּאַוויליאָן, און קיווע איז געווען מיט זיי.

אין פּאַוויליאָן איז געוואָרן אַ גרויסער טומל.

אַ מיידל מיט אַ געזעצטן, זאַטן פּנים, האָט אויסגעשריען:

— עס איז אוממעגלעך! ער ברענגט ווייטער די אָבאָרוואַנצעס אַהער. מיר וועלן שוין קיין רו ניט האָבן דעם זומער!

— איך פּאָר אַוועק פון דאַנען, מיר האָט עס שוין דערעסן — האָט געזאָגט אַ צווייטע.

די בחורים האָבן אין פאַרלעגנהייט געשמייכלט.

איינער האָט אָבער פּלוצלונג געמאַכט אַ שטרענג פּנים און אָנגעשריען אויף די מיידלעך:

— דאָס זענען דאָך די אַרבעטער פון אונדזער זאַוואָד. זיי גיבן אייך די גאַנצע רייכקייט, אָן זיי וואָלט איר ניט געקענט עקזיסטירן. איר זייט פּאַראַזיטן, וואָס זיצן אויף זיי און זויגן זייער בלוט...

אָפּגעזאָגט דאָס, איז ער אַרויסגעלאָפן צו דער גרופּע, וועלכע האָט זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן דער אָפענער טיר פון פּאַוויליאָן.

קיווע האָט זיי געבעטן אַריינגיין אינעווייניק.

די מיידלעך, מיט פאַרשעמטע ליפּלעך, אויסמיידנדיק, אויף וויפל מעגלעך, צו גיין נאָענט פאַרביי די אַרבעטער, זענען אַוועק ברוגזע. די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענקלעך פון פּאַוויליאָן.

קיווע האָט דאַן אָנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן און מיט גרויס באַוואונדערונג האָבן זיך די אַרבעטער צוגעהערט צו די קלאַנגען פון דעם קעסטעלע.

— „קום צו מיר אין פּאַלאַץ“ — האָט געהילכט דער גראַמאָפאָן.

— „אַך דו נאַכטעלע, דו שוואַרץ נאַכטעלע“ — האָט עמעץ געקלאָגט פון גראַמאָפאָן.

און דערנאָך האָט קיווע געפּרוּווט זיי געבן צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס אַ גראַמאָפאָן איז.

ווען די אַרבעטער זענען אַוועק, איז קיווע לאַנג געשטאַנען אין אַ ווינקל און זיך געשושקעט מיטן בחור, וועלכער האָט אָנגערופן זיינע קוזינעס פּאַראַזיטן — יאָזעף איז געווען זיין נאָמען.

*

קיווע איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און שטענדיק זיך געסודעט מיט יאָזעפן.

דינה האָט זיך געוווּנדערט, וואָס איז מיט אים.

שטאַרקע שטימונגען, ניט בלויז נייגעריקייט, האָבן באַהערשט דינהן. עפּעס האָט אין איר אויפגעוואַכט. נייע געפילן האָבן זיך דאָ אין איר פונאַנדערגעבליט. די פאַרנאַכטן האָבן איר אָנגעפילט מיט אַן אומבאַגרייפלעכער בענקשאַפט.

אַ בריקל, וואָס איז געלעגן איבער אַ שוואַך פליסנדיקן, כמעט אויסגעטריקנטן טייכל, האָט געפירט צום גרויסן וואַלד. ווי די זון האָט זיך נאָר אָנגעהויבן בויגן צום מערב, און די לופט אַרום וואַלד איז נאָר ראָזיק געוואָרן, האָט מען געהערט דעם עכאָדיקן קוואַקען פון זשאַבעס.

דינה איז דאַן געלאָפן צום בריקל, און ווערנדיק ווי פאַרשיכורט פון דעם „קוואַ־קוואַ“ האָט זי דורשטיק געאָטעמט און עפּעס געזוכט, עפּעס געמאַנט מיט די אויגן.

יאָזעף איז איר איין מאָל פאַרבייגעלאָפן און אַ צי געטאָן זי פאַרן צאָפּ. איר האַרץ האָט אַ שפּרונג געטאָן.

יאָזעף האָט געהאַט רויטע באַקן, פולע ליפּן און ברענענדיקע, שיינע אויגן. ער איז געווען אַ טיפּישער מיטגליד פון ראַבינאָוויטשעס גוט אויסגעפּאַשעטער משפּחה. דינהן איז ער ניט געווען געפעלן. אָבער, ווען אין דער זעלבער נאַכט האָט יאָזעף אָפּגעטיילט זיך פון אַ בוים ביים הויז, צוגעגאַנגען צו איר און גענומען איר האַנט, האָט זי איר האַנט ניט אַוועקגענומען.

אין דער זעלבער נאַכט — אַ הייסע נאַכט איז עס געווען — האָט דינה געכאַפּט אויף דער וועראַנדע איינעם פון די קליינע ראַבינאָוויטשעס, אַ קוזין פון אירע קוזינס, אַן עלף־יאָריקן ייִנגל און געקושט אים הייס אין זיינע פּוכקע ליפּעלעך.

דאָס ייִנגל האָט זי צוריקגעקושט.

דינהן האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געדאַכט, אַז

שוואַרצער, הייסער פעד קלעפּט זיך צו איר, ווו זי טוט זיך נאָר אַ קער, און אַפילו אין אַ רויִקערן אָוונט פלעגט איר פלוצלונג פאַר־קלעמען דאָס האַרץ.

דינה איז געוואָרן אומרויִק, קאַפּריזנע.

זי האָט זיך געטשעפּעט צו פייגלען; זי וויל אַוועקפאָרן. וואָס האָט זי דאָ צו טאָן?

נאָך אַזאַ קריג איז זי איין מאָל אַנטלאָפן אין וואַלד, פּונקט אין דער צייט, ווען מען האָט זיך געדאַרפט זעצן צום טיש.

קיינער איז אין וואַלד ניט געווען, ווייל אַלע זענען אין דער צייט געגאַנגען עסן.

אַ פּאָר האַמאַקעס זענען געהאָנגען צווישן די ביימער. דינה האָט זיי אויסגעמיטן.

זי איז געווען אַ ביסל הונגעריק און יעדע ווײַלע זיך געבויגן נאָך שוואַרצע יאַגדעס, וואָס זענען אין קליינע קופּקעלעך געוואַקסן ביי די סאָסנעס. אויך ברוסניצעס האָבן געפלאַמט אומעטום. דינהס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַנטציקונג: ווי שיין דער וואַלד איז!

זי האָט דערהערט טריט.

קיווע איז צוגעגאַנגען צו איר.

— איך האָב דיך געוואָלט זען, דינה.

דינה האָט זיך אָפּגעשטעלט. קיווע האָט צו איר געשמייכלט.

— דו פאַרשטייסט, דינה, — האָט ער אָנ־געפאַנגען — איך האַלט דיך פאַר קליגער און געבילדעטער פון מיינע שוועסטער, דערפאַר וויל איך דיך עפּעס בעטן, אָבער דערווייל לייען אי־בער דאָס און זאָג, וואָס דו טראַכסט דערפון.

קיווע האָט אַרויסגענומען אַ צונויפגעלייגט בלעטל. דינה האָט עס פונאַנדערגענומען און איבערגעלייענט דאָס קעפּל:

„פּראָלעטאַרי וסיעך סטראַן, סאָיעדינאַי־טעס" (פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַר־אייניקט אייך).

דינה האָט פאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט. יע, זי ווייסט, וואָס דאָס באַדייט. זי האָט שוין אויך פריער געלייענט אַזעלכע בלעטלעך. מ׳פלעגט עס פונאַנדערוואַרפן אין איר שטאָט און זי פלעגט עס געפינען. אָבער ווי קומט עס דאָ צו אים?

זי פרעגט אים:

— ווו האָסטו דאָס געפונען, קיווע?

— געפונען גאָר! איך האָב עס אַליין גע־דרוקט... איך טרעט אַרויס קעגן מיין פאָטערס עקספּלואַטאַציע. — און ער האָט שטאָלץ פאַר־געזעצט: — כל זמן איך בין דאָ, וועל איך אָרגאַניזירן זיינע אַרבעטער אין אַ באַוווּסטזי־ניקע מאַסע.

דינה האָט דערפילט אַ הייליקן ציטער אין זיך. זי האָט באַוווּנדערט קיווען, וואָס האָט מוט זיך צו שטעלן קעגן די אייגענע ראַבינאָ־וויטשעס.

— וואָס זאָל איך טאָן, קיווע? — האָט זי שטיל געפרעגט, און געפילט ווי איר האַרץ קלאַפּט.

— דו פאַרשטייסט? פּאַפּאַ קומט מאָרגן צו פאָרן. ער וועט זיכער אַריינגיין אין מיין צימער און דערזען די געהיימע דרוקעריי. דאַן וועט זיין שלעכט. צו דיר אין צימער וועט ער ניט קומען. איך וועל עס אַוועקשטעלן אין דיין צימער.

— זיכער, קיווע, — האָט זיך דינה אָנגע־כאַפּט — דאַרפסט גאָרנישט צווייפלען, אַז ביי אונדז וועט זיך קיינער פון דעם ניט דערוויסן.

— גוט, דינה, פון דיר וועט אַרויסקומען אַ רעוואָלוציאָנערקע.

קיווע האָט איר אַ דריק געטאָן די האַנט און איז אַוועק.

זי האָט זיך אומגעקערט צו דער וועראַנדע. די מאַמע האָט מיט כעס אויף איר אַ קוק געטאָן:

— ווו ביסטו געווען?

— אין וואַלד — האָט זי נאַכלעסיק גע־ענטפערט.

עס זענען געלעגן אויפן טיש וואַרעניקעס. דינה האָט אויפגעגעסן איינעם און האָט זיך אויפגעהויבן.

— וווּהין לויפסטו? ס׳זענען נאָך דאָ גע־בראָטענע שוועמלעך.

געבראָטענע שוועמלעך האָט דינה זייער ליב געהאַט, נאָר דאָס מאָל האָט זי זיך ניט אָפּגע־שטעלט אַפילו צו ענטפערן דער מוטער. זי איז געלאָפן צו זיך אין צימער, פאַרמאַכט די טיר און באַטראַכט גוט דעם פּלאַץ.

דער ווינקל נעבן איר בעט איז, נאָך איר מיינונג, געווען דאָס בעסטע אָרט אַוועקצו־שטעלן אַזאַ צירונג, ווי די געהיימע דרוק־מאַשין איז. זי איז ניט אַרויס פון צימער און געוואַרט אויף קיווען. קיווע איז געקומען און אויך באַטראַכט דעם פּלאַץ. שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זענען שוין געשלאָפן, האָבן קיווע און יאָזעף אַוועקגעשטעלט די מאַשין און זענען שטיל, אָן ווערטער אַרויס פון צימער.

דינה איז שלעכט געשלאָפן די נאַכט. קאָש־מאַרן האָבן איר געדריקט און ניט איין מאָל האָט זי זיך אַ דערשראָקענע אויפגעכאַפּט. זי פלעגט כאַפּן אַ קוק אויף דער דרוק־מאַשין ווי אויף אַ לעבעדיקן נפש און פאַרדעקן מיט דער קאָלדרע איר קאָפּ, זי זאָל עס ניט קענען זען.

*

ביים אָנבייסן האָט זי דערזען קיווען און זי האָט זיך גלייך דערפילט מוטיק און בראַוו. די געהיימעניש, וואָס זי האָט איצט געטראָגן צוזאַמען מיט אים, האָט איר אויפגעהויבן איי־בער די איבעריקע, וואָס זענען ביים טיש גע־זעסן. זי האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטאָלצן בליק אויף אַלע די, פאַר וועלכע זי האָט זיך פריער אַזוי געשעמט מיט איר אָרעמקייט.

קיווע האָט אָנגעשטעלט אויף איר די אויגן. דינה האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק, ווי אַ גע־האָרכזאַמע שילעריו, און דערזען, ווי ער מאַכט איר עפּעס אַ צייכן מיט די פינגער. זי האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין, באַגאָסן זיך אַזש מיט שווייס און ניט געקענט פאַר־שטיין, וואָס ער מיינט. זי האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן צו זיך אין צימער.

— וואַרט, טרינק אויס דיין קאַקאַאָ! — האָט די מאַמע געשריען.

דינה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעטל און געפרווט מיט די פינגער מאַכן דעם זעלבן צייכן, וואָס קיווע האָט צו איר געמאַכט. איר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז קיווע האָט הנאה געהאַט דערפון, וואָס זי פאַרשטייט ניט.

קיווע איז באַלד אַריינגעקומען.

— איך האָב טאַקע געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיין איצט ביי זיך אין צימער, איידער עס זיינען אַלע פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן — האָט קיווע געזאָגט — יאָזעף גייט איצט ברענגען צו דיר אַ גאַנצן פּאַק פאַרבאָטענע ליטעראַטור. אַ בראָ־שורע איז אַריינגעפאַלן צו זיינער אַ שוועסטער. זי האָט אים געסטראַשעט, אַז זי וועט מאַכן אַ הויז־זוכונג ביי אים און אַלץ פאַרברענען. זי איז אַ גרויסער פייגלינג, די אַניטאַ. איצט, ווען זיי עסן, קען ער לייכט אַריבערפירן די ליטעראַטור. אָבער זיי פאַרזיכטיק מיט נאָס־טיאָן, ווען זי וועט קומען ריינקן דיין צימער.

— איך דאַרף זי דאָ אין גאַנצן ניט האָבן — האָט דינה געענטפערט — איך קען אַליין ריי־ניקן מיין צימער. איך טו דאָס שטענדיק אין דער היים.

און דינה איז רויט געוואָרן, ווי זי וואָלט זיך מודה געווען אין אַ גרויסער זינד.

נאָך אַ שטילן קלאַפּ אין טיר איז אַריינ־געקומען יאָזעף, האַלטנדיק אין האַנט אַ שטאַרק אָנגעפּאַקטן טשעמאָדאַן.

ער האָט באַטראַכט דעם צימער.

— אונטערן בעט איז דער איינציקער פּלאַץ פאַר דעם — האָט ער געזאָגט.

— קען איך עפּעס איבערלייענען פון די זאַכן, וואָס איר האָט דאָ? — האָט דינה פאַר־שעמט געפרעגט.

יאָזעף האָט איר אַ ברען געטאָן מיט זיינע אויגן.

— זיכער. אָבער ווי אַלט זענט איר, דינה?

— איך בין שוין פופצן — האָט דינה גע־זאָגט אַ קליינעם ליגן, וואָס פרויען זאָגן גע־וויינלעך ניט, ווייל זי האָט געדאַרפט ווערן פופצן ערשט אין דריי מאָנאַטן אַרום.

— הייסט עס, אַז מען קען שוין מיט אייך פירן אַ ליבע — האָט יאָזעף געזאָגט און האָט אָנגעהויבן בייסן זיין אויבערשטע ליפּ, אויף וועלכער עס האָט זיך שוין דייטלעך געוויזן אַ שפּראָצונג.

דינה איז געוואָרן רויט איבער די אויערן.

קיווע האָט אַ קוק געטאָן אויף יאָזעפן מיט אַ ניט־באַהאַלטענעם כעס.

— דיינע דאָן־זשואַנישע שטיק מעגסטו פאַר־וואַרפן. מיר האָבן וויכטיקערע זאַכן פון וואָס

צו טראַכטן. קום, איוואַן וואַרט אויף אונדז ביי דער „ליעסאָפּילנע".

ביים אַרויסגיין האָט קיווע לענגער ווי אַלע מאָל אָפּגעשטעלט אויף איר זיינע אויגן, און דינה האָט געפילט, אַז זיין קוק האָט איצט קיין שייכות ניט מיט געהיימע צייכנס פון אונטערערדישער אַרבעט. זי איז צוגעלאָפן צום שפּיגל און לאַנג אויף זיך געקוקט.

נאַסטיאַ איז אַריין אין צימער.

— איך רוים היינט אַליין אויף, נאַסטיאַ.

— אָ, באַרישנע, מיט אייערע הענטלעך, ווי קענט איר?

דינה האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע קליי־נע, ווייסע הענט, וואָס זענען דאָ אויף דער אימעניע נאָך מער פאַראיידלט געוואָרן.

אירע הענטלעך זענען איר דאָס מאָל שטאַרק געפעלן געוואָרן און זי האָט אויפגעהויבן אין דער לופטן דאָס קליינע פינגערל, ווי ראַבינאָ־וויטשעס טעכטער האָבן עס געטאָן.

נאַסטיאַ האָט דערווייל געכאַפּט פאַרבעטן דאָס בעט. זי האָט דערזען אין אַ ווינקל נעבן בעט די געהיימע דרוקעריי.

— וואָס איז דאָס, באַרישנע? — האָט זי מיט גרויס נייגעריקייט אין אירע לוסטיקע בלויע אייגעלעך געפרעגט. — איך האָב דאָס ערשט נעכטן געזען ביי דעם יונגן באַרין אין צימער. נאָר ביי אים האָב איך מורא געהאַט צו פרעגן. ער איז אַזאַ שטרענגער. אָ, דער באַרין יאָזעף איז גאָר אַן אַנדערער — און זי האָט זיך מיט אַ קוויטש פונאַנדערגעלאַכט.

דינה האָט געהאַפּט, אַז זי וועט שוין פאַר־געסן צו פרעגן וועגן דער דרוקעריי, און זי האָט דערווייל געטראַכט, וואָס פאַר אַ ליגן איר צו זאָגן.

— נאַסטיאַ, נאַסטיאַ! — האָט זי דערהערט אַ קול נעבן פענצטער.

— די באַרישנע ראַזאַ רופט אייך — האָט דינה געזאָגט.

נאַסטיאַ איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

„דאַנקען גאָט" — האָט דינה לייכט אָפּגע־אָטעמט.

*

די געהילץ־מיל האָט זיך געפונען אַ וויאָרסט פון דעם פּלאַץ, וווּ די ראַבינאָוויטשעס האָבן געוווינט. הינטער דער ליעסאָפּילנע, אין אַ גאַס פון קליינע שטיבלעך, האָבן געוווינט די אַר־בעטער. די שטיבלעך האָבן ניט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין געוויינלעכן רוסישן דאָרף. זיי זע־נען געווען געבויט פון די ראַבינאָוויטשעס, כדי די אַרבעטער זאָלן זיך געפינען באַלד ביי דער ליעסאָפּילנע, ביז די פרעסט קומען. זיי האָבן אויסגעזען מער ווי קאָרטן־שטיבלעך, איידער ווי רוסישע „איזבעס". זיי זענען געווען צונויפ־געשטעלט פון ברעטלעך און געשטאַנען אויף אַ נידעריקן, ליימיקן פּלאַץ.

ניט נאָר אויף דער ליעסאָפּילנע, נאָר אַפילו אין דעם געסל האָט מען ניט געזען קיין ביסל גרינס. הינטער די הייזלעך איז געווען וווּ ניט וווּ אַן אָרעם קליין גערטנדל.

מען איז געקומען אַהער פון די נאָענטע דערפער צו דער ליעסאָפּילנע, און ניט פאַרזייען שטרעקעס ערד, וואָס האָט צו זיי ניט באַלאַנגט, נאָר צו דעם „זשידאָווסקי באַרין".

דינה פלעגט אָפט זען באָבעס אויף די פריז־בעס מיט זייגקינדער אויף די שויסן און קינ־דער אַרום זיי.

די באָבעס זענען געווען דאַר און קליין, טיפּישע „פּאָלעסיער" באָבעס; די קינדער זייערע זענען געווען מיט אָנגעבלאָזענע בייכלעך, דינע פיסלעך, מיט שמוציקע פלאַקסענע קעפּ־לעך.

„קאָלטון" (אַזאַ קראַנקהייט פון די האָר) האָט געהערשט אין יענער געגנט, און ביי אַנ־דערע קינדער זענען די האָר געווען שרעקלעך צעפּלאָנטערט. אַלע באָבעס האָבן געטראָגן גראַ־בע טיכלעך אויף די קעפּ. ווען דינה האָט אַ מאָל דורכשפּאַצירט מיט קיווען דורכן געסל, האָט זי געפילט דעם טעמפּן קוק, וואָס די איינוווינער האָבן געוואָרפן אויף זיי ביידן, נאָר מיט אַ געמיש פון פאַרדאַכט. זיי האָבן, קענ־טיק, ניט געגלייבט קיווען און איבערהויפּט ווייניק פאַרשטאַנען אים. קיווע איז אָבער גע־ווען ענטוזיאַסטיש און ער האָט ניט באַמערקט זייער אומצוטרוי און ניט זייער טעמפּקייט.

נאָר איין קליינע געשעעניש האָט אַרויס־גערופן ביי אים פאַרביטערטקייט קעגן זיי.

עס איז געווען אויגוסט. קיווע מיט דינהן האָבן שפּאַצירט איבערן וואַלד. קיווע האָט צונויפגעשטעלט אין קאָפּ אַן אינהאַלט פון אַ נייער פּראָקלאַמאַציע און עס איבערגעגעבן דינהן. זי האָט געהאָלפן אים צוטראַכטן שטאַר־קע, שיינע זאַצן. זיי האָבן געוואָלט זיך צוזעצן אויף אַ באַנק, נאָר די באַנק איז אין גאַנצן געווען באַשריבן מיט אַ בלייפעדער. דינה און קיווע האָבן ניט ווילנדיק זיך איינגעבויגן עס איבערצולייענען, און ביידע זענען זיי געדיכט רויט געוואָרן און, ווי אַ שלאַנג וואָלט זיי אַ ביס געטאָן, האָבן זיי אויף גיך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ניט קוקנדיק איינער אויפן צווייטן.

די באַנק איז געווען באַשריבן מיט נישט־אָנשטענדיקע, מיאוסע ווערטער און גראַמען. אירער און זיין נאָמען זענען געווען אַריינגע־פּלאָנטן אין דעם. ווען זיי זענען געקומען צו זיך, האָט קיווע אַ שפּיי געטאָן און עס האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן: „אָט וואָס זיי זענען, די פּאָדליעצעס!" און ער האָט גערעדט ווייטער:

— איך האָב מורא, אַז מיין גאַנצע אַרבעט דאָ איז אַרויסגעוואָרפן. איך קען נאָר צוויי, וואָס ווייסן ווי צו שרייבן. די אַלע איבעריקע זענען כמעט בעזגראַמאָטנע. אויב יענע צוויי קען איך ניט גלייבן, איז נישטאָ דאָ וועמען צו גלייבן. אַ פּאָר גוים האָבן מיר געזאָגט, אַז צווישן זיי איז דאָ אַ פאַררעטער, וואָס קלייבט זיך צו פאָרן אין שטאָט אָדער אין דאָרף מסרן אויף מיר. איך האָב ניט געוואָלט גלייבן. איצט גלייב איך. — ער האָט איר אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און גערעדט מיט אַן אומדערוואַרטעטער ווייכקייט אין זיין קול: איך וואָלט וועלן דו זאָלסט אַוועקפאָרן פון דאַנען, דינה. מאַלע וואָס עס קען זיך טרעפן. עס איז נאָך צו פרי פאַר דיר צו זיין אַ מאַרטירערין פאַר דער רעוואָלוציע. דו מוזסט פריער אויסוואַרטן און אויפטאָן גוטע אַרבעט, איידער עס איז דיר באַשערט צו פינצטערן ערגעץ אין געפענגעניש. אויב מען זאָל געפינען אין דיין צימער די דרו־קעריי, קומט דיר סיביר.

דינה האָט געקוקט אויף אים. איר פּנים איז געווען בלייך; אין איר האַרצן האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט ניט פאַרלאָזן איצט דעם פּלאַץ.

— איך וועל ניט פאָרן, קיווע — האָט זי מיט ציטערדיקע ליפּן אַרויסגערעדט.

קיווע האָט זיך פּלוצלונג צוגעבויגן צו איר און איר אַ קוש געטאָן. נאָר גלייך איז ער רויט געוואָרן און זאָגנדיק אויף גיך: „צום ווידער־זען", איז ער אַוועק פון איר.

דינה איז ווי אין אַ חלום אַהיים דערגאַנגען. זי האָט מיט שוועבנדיקע טריט דאָס בריקל דורכגעשפּאַנט, עס איז געווען פאַרנאַכט, די זשאַבעס האָבן געקוואַקעט. זי האָט זיי ניט געהערט. נאָר זי האָט זיך צוגעהערט צו אַן אַנדערער מעכטיקער מעלאָדיע אין איר האַרצן.

ווען דינה איז אויף מאָרגן געקומען צום אָנבייסן, האָט זי ביים טיש באַגעגנט אַ בליק, פון וועלכן עס איז איר געוואָרן קאַלט. און דער שטאָלץ פון אַן אָרעמער קרובה האָט שטאַרק געליטן אין איר.

דער בליק האָט באַלאַנגט צו איר פעטער, חיים ראַבינאָוויטש. שוין אַ דריי וואָכן ווי ער איז געקומען פון קאַרלסבאַד, וווהין ער האָט באַגלייט זיין פרוי.

דינה פלעגט זיך אויף אים ניט אומקוקן, און ניט ער אויף איר.

ווען ניט ווען פלעגט ער ביים טיש אָנצייגן מיטן קאָפּ אויף עפּעס אַ מאכל, אַ זאָג טאָן: „נו!" און צורוקן דאָס טעלערל נענטער צו פייגלען און דינהן, ניט קוקנדיק אַפילו אויף זיי. פייגל האָט ניט איין מאָל געזיפצט, וואָס איר שוועסטער שפרה איז דאָ ניטאָ; ניט איין מאָל גערעדט צו דינהן:

— ווייסט, טאָכטער, מען דאַרף זיך שוין קלייבן אין וועג.

— וואָס האָסטו קיין צייט ניט, מאַמע? וואַרט כאָטש ביז ענדע אויגוסט.

ווען דינה האָט דערזען דעם פעטערס בליק, האָט זי דערפילט, אַז זי איז דאָ טאַקע צו לאַנג.

נאָר קיוועס בליק האָט איר באַלד פאַר־שטעלט דעם פעטערס, אָבער אָנשטאָט אַרויס־

גיין מיט קיווען, ווי אַלע מאָל, האָט זי פּלוצלונג פאַרהאַלטן נאַסטיע:

— דער באַרין בעט דיך קומען צו אים אין קאַבינעט.

דינה האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי אַ געליימטע. אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך, האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט קיווען מיט די אויגן, און, אַ פאַרווונדערטע, אים אין ערגעץ ניט געזען.

זי האָט זיך געלאָזט צום קאַבינעט.

— אַריין! — האָט דינה דערהערט, ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט.

ראַבינאָוויטש האָט איר אָפּגעמאָסטן מיט אַ קאַלטן בליק. דינה האָט דערזען דאָרטן אויך קיווען. ער האָט זיך געבראַוועט צו שמייכלען צו איר און איז, קענטיק, געווען זייער אויפגעבראַכט.

ראַבינאָוויטש האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ פּראָקלאַמאַציע.

— דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט וועגן דעם — האָט ער שטרענג געזאָגט צו דינהן.

— זי ווייסט גאָרנישט וועגן דעם. איך וויים — איז קיווע צוגעשפּרונגען צום טיש.

— שווייג! — האָט ראַבינאָוויטש אַ שטופּ געטאָן קיווען מיט אַזאַ כוח, אַז ער איז געפלויגן צו דער וואַנט.

אַ היץ האָט געשפּאַרט פון דינהס פּנים. אירע ליפּן און אויגן האָבן, דאַכט זיך, געברענט.

— נו, וואָס וועסטו זאָגן דערצו? — האָט ראַבינאָוויטש געצויגן די ווערטער. — דער אופראַווליאַיושטשי (דער פאַרוואַלטער) האָט געזען, ווי דו האָסט ביינאַכט אַ גאַנצן פּאַק אַזאַ געבראַכט צו קיווען ביי דער ליעסאָפּילנע; ער האָט געזען ווי קיווע האָט עס פונאַנדערגעוואָרפן אין געסל ביי יעדער שוועל.

דינהס ליפּן זענען געווען פאַרשטשעמעט; אין מויל ביי איר האָבן אַ קריץ געטאָן די ציינער. זי האָט געפילט, אַז ווען מען וועט אַפילו מיט צוואַנגען שלעפּן איר צונג, וועט זי אַ וואָרט ניט זאָגן.

— איך האָב געזאָגט דיין מומען, איך וויל דאָ ניט קיין אָרעמע קרובים, אַז די קינדער וועלן זיך נאָך אָננעמען שלעכטע זיטן. געלט שיק, אָבער זיי שלעפּ ניט אַהער. אָבער זי האָט מיך ניט געפאָלגט. „דער קייסער אפילו האָט געהאַלפן די יידן אין דער פאַרברענטער שטאָט, טאָ ווי זאָל איך ניט העלפן מיין שוועסטער?" — האָט זי געוויינט. נו, אָט האָסטו דיר אַ דאַנקבאַרקייט.

איצט האָט שוין קיווע געשריען, ווי ניט מיט זיינע כוחות: „שווייג!" און ראַבינאָוויטש האָט אים געהערט, ווי די וואַנט, און געוואָרפן צו דער פאַרשטיינערטער דינהן איין באַליידיקונג נאָך אַ צווייטער.

ער האָט אַרויסגענומען אַ רויטן קרעדיט־בילעט פון קעשענע און אויסגעשטרעקט דאָס צו איר:

— אויף באַן־געלט — האָט ער קורץ געזאָגט.

דינה האָט געפילט קיוועס בלייכקייט, ווי אַ ווייסן שטראַל. זי האָט פּלוצלונג אַ שמייכל געטאָן צו אים, אומגעקערט זיך צו ראַבינאָוויטשן מיט דער פּלייצע און געלאָזט אים מיט דער קרעדיטקע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

— מאַמע, פּאַק זיך! — האָט זי געזאָגט צו פייגלען מיט טויטע ליפּן.

— וואָס? וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מיינע, וואָס האָט געטראָפן?

און זי האָט אונטערגעכאַפּט דינהן אויף אירע הענט.

— געוואַלד, מענטשן, ראַטעוועט! דינהלע האָט געחלשט.

דאָס איז געווען נעבן די טרעפּ פון דער וועראַנדע. די ראַבינאָוויטשעס זענען זיך צונויפגעלאָפן פון זייערע וועראַנדעס. עס איז געקומען פון קיך מיט קאַשקע־טריט טייבע און האָט געבראָכן די פינגער.

יאָזעף האָט אויפגעהויבן דינהן מיט זיינע געזונטע הענט, זי געטראָגן צו דער וועראַנדע. דאָרט האָט מען דינהן אַריינגעזעצט אין אַ טיפער וויגשטול, געשפּריצט אויף איר מיט וואַסער, געגעבן איר שמעקן וואַלעריאַן, און זי איז געקומען צו זיך.

קיווע איז געשטאַנען נעבן איר און זיינע

אויגן האָבן געברענט מיט סימפּאַטיע צו איר. ראַבינאָוויטש איז אויך געווען דאָ, מיט אַ שול־דיקן פּנים.

— מ׳דאַרף רופן דעם זאַוואָד־דאָקטער — האָט ער געזאָגט.

— איך וויל ניט קיין דאָקטער! — האָט דינה מיט אַ דערוואַכטן כעס צו דעם מענטשן אויסגעשריען. זי האָט זיך אויפגעהויבן, ניט געלאָזט קיינעם איר העלפן און געגאַנגען מיט וואַקלענדיקע טריט צו איר צימער. זי האָט פאַרקייטלט די טיר, געפאַלן אויפן בעט און לאַנג געוויינט. זי האָט ניט געלאָזן פייגלען אַריין אינעווייניק, וויפל יענע האָט זיך ניט געבעטן.

אויך קיווע האָט אומזיסט געקלאַפּט אין טיר.

דאָ האָט דינה געהאַט אַ קליינע אויסרע־כענונג: זי האָט געוווּסט, אַז זי איז ניט שיין, ווען זי וויינט. דינה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דערזען, אַז די זון שטייט הויך אין הימל, און זי האָט געוווּסט, אַז היינט וועט מען שוין ניט קענען פאָרן, נאָר אין דער פרי גייט אַוועק די באַן.

דינה האָט זיך גוט אַרומגעוואַשן און איז אַרויס פון צימער. אַלע האָבן זיך מיט איר דערפרייט. אַחוץ קיווע און ראַבינאָוויטש האָט קיינער ניט געוווּסט די אמתע סיבה פון דינהס ניט פילן זיך גוט. נאַסטיאַ האָט עפּעס געדרייט אַ קאָפּ אין קיך, נאָר וואָס־ווען, האָט זי ניט געוווּסט. נאָך ווייניקער האָט געוווּסט פייגל.

נאָך דינהס חלשן האָט ראַבינאָוויטש ניט געוואַגט, ווי ער האָט פריער גערעכנט, זיין גראָב צו פייגלען.

ער האָט אַריינגערופן פייגלען אין קאַבינעט און געזאָגט צו איר מיט אַ גוטן שמייכעלע, אַז ער מיינט, אַז פאַר דינהן איז דער קלימאַט דאָ ניט גוט און אַז מאָרגן פאָרט זיין ברודער, יעקב ראַבינאָוויטש, צו דער סטאַנציע, און זיי קענען מיט אים מיטפאָרן. און ער האָט אַריינ־גערוקט פייגלען אין האַנט אַ גאַנצן פּופּציקער.

— זייט געזונט און לעבט אויס אייערע יאָרן מיט שפּרהן — האָט פייגל זיך געווישט די אויגן — אָבער אסור מיר, אויב איך וועל נעמען מער ווי אַ העלפט דערפון.

— עס וועט צו נוץ קומען נאָך אַזאַ שריפה. דערציילט אָבער ניט דינהן און היט אירע ביי־נער. זעט, אַז זי זאָל זיך ביי אייך אין שטעטל ניט פאַרדרייען מיט דער רויטער חברה, די סאָציאַליסטלעך...

— גאָט איז מיט אייך, שוואָגער — איז פייגל געוואָרן אויסער זיך — וואָס מיינט איר, דינה איז עפּעס אַבי ווער? מען בענטשט זיך מיט איר. שטיל ווי אַ טויב.

— פיין, זייער פיין — האָט פאַרקרימט גע־שמייכלט ראַבינאָוויטש, און האָט געטראַכט: „דער קליינער טייוול האָט אַראָפּגעפירט קיווען פון וועג. מ׳וועט שוין דאַרפן געבן כאַבאַר רעכטס און לינקס. די אַרבעטער האָבן שוין מסתמא געמסרט״.

— נו, זייט געזונט. מיר וועלן זיך מאָרגן אין דער פרי ניט זען, און היט דינהן. געדענקט, וואָס איך זאָג אייך.

פייגל האָט פאַרשטייפט דאָס געלט אין האַנט און גייענדיק צו זיך אין צימער גע־טראַכט: „אַ רובל דאַרף מען לאָזן טייבען און אַ רובל נאַסטיען, אַ פּופּציק קאָפּיקעס דעם קוטשער. מיט אַזוי פיל געלט קען מען שוין מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מ׳איז אַ רייכע קרובה״... און זי האָט צופרידן געשמייכלט.

אין צימער האָט זי געטראָפן קיווען. ער איז געזעסן צוזאַמען מיט דינהן אויפן בעטל.

— דאַרפסט זיך ניט ערגערן, וואָס דו וועסט דאָ פאַרברענגען נאָך אַן אָוונט — האָט ער שטיל גערעדט צו דינהן — דערצו וועלן מיר היינט ביינאַכט לייענען פּיסאַרעוון פאַר אונ־דזער קרוזשאָק (קרייז). דו ווייסט דאָך, אַז מיט אַזעלכע, ווי מיינע קוזינעס, קוזינס און שוועסטער, קען מען ניט אָנפאַנגען פון אַן אומלעגאַלער ליטעראַטור. מ׳מוז זיי ביסלעכ־ווייז אַרויספירן אויף אַ ריכטיקן וועג.

— וואָס וועט איר זיי לייענען פּיסאַרעווס? — איז דינה לעבעדיק געוואָרן.

— וואָס דענקסטו? „פּטשאָלי״ (בינען). דאָס איז אַ גוטע לעקציע וועגן אַרבעטער־קלאַס און פּאַראַזיטן?

דינה האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט פון אַנטציקונג.

— איצט קום שפּאַצירן — האָט זיך קיווע אויפגעהויבן.

פייגל האָט אַ זיפץ געטאָן נאָך זיי : אַ טייע־רער בחור, קיווע. זי האָט אָנגעפּאַנגען זיך פּאַקן.

*

עס איז געווען אַ ליכטיקע שטערן־נאַכט פון מיטן אויגוסט. דער פּאַוויליאָן איז געווען באַלויכטן. די קלענערע קינדער האָט מען שוין געשיקט שלאָפן און יונגוואַרג פון צווישן 14 און 20 יאָר, שפּראָצנדיק מיט געלעכטער און מיט אַ פרײלעך־דורכגעלעבטן זומער, האָט זיך געזעצט אויף בענקלעך, טישלעך, אָדער גאָר אויפן דעקל פון פּיאַנאָ ; אַנדערע האָבן זיך פּאָמיעשטשעט אויף די טרעפּ, ניט האָבנדיק אין זינען אַפילו די פּאָרלעזונג. מען קומט דען צוליב דער פּאָרלעזונג ? מען שטיפט, מען קנייפּט זיך, און אָפּט מאָל ווערט מען פאַר־כאַפּט און מען הערט זיך טאַקע צו.

דאָס מאָל איז די פּאָרלעזונג אַ גרויסער דער־פּאָלג. די מיידלעך און בחורים האָבן געזען אין פּיסאַרעווס „בינען" ניט אַ סימבאָל פון אַרבע־טער־קלאַס און רייכע פּאַראַזיטן, נאָר זיי האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דער קעניגין און אירע צאָלרייכע געליבטע, די טרוטנעס. מען האָט געקוויטשעט, געלאַכט, זיך געקושט. די בחורים האָבן, ניט ווילנדיק, אָנגעריזט די הוי־כע בוזעמס פון זייערע קוזינעס. עס איז געווען פרײלעך.

דינה אַליין איז געזעסן אַ בלייכע, מיט ברענענדיקע אויגן.

זי האָט זיך געפילט עלטער און ערנסטער ווי אַלע מאָל. זי האָט זיך צוגעהערט צו פּיסאַ־רעווס „בינען", וועלכע זי האָט שוין געהאַט פריער געלייענט.

קיווע האָט עס איצט פאָרגעלייענט.

זיין געזיכט איז געווען צעפלאַמט. די פּאַסן ליכטיקע האָר האָבן געפלאַטערט איבערן הויכן שטערן.

דינה האָט ניט געקענט אָפּרייסן פון קיווען די אויגן. זיינע אויגן האָבן זיך אויך באַגעגנט אָפּט מיט אירע און זיין קול פלעגט ווערן דער־ביי היציקער און שטאַרקער.

אַז קיווע האָט געענדיקט און אַלע זענען מיט אַ ליאַרעם אַרויס פון פּאַוויליאָן, איז ער צוגעגאַנגען צו דינהן.

— ווי פילסטו זיך ? — האָט ער זי גע־פרעגט. — דו זעסט אויס מיד. קום, איך וועל דיך צופירן צום הויז.

אויפן וועג האָט קיווע אָנגעקלאַפּט אין יאָזעפס פענצטער. יאָזעף איז ביי דער פּאָר־לעזונג ניט געווען. ער האָט זיך געגרייט צו עק־זאַמענס.

יאָזעף איז אַרויס פון זיין צימער, און אַלע זענען זיי אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין צי־מער, ווו פייגל איז געשלאָפן. יאָזעף מיט קיווען האָבן אַרויסגעטראָגן די דרוקעריי. קיווע איז אין גיכן אַריין צוריק.

— ווו וועסטו באַהאַלטן די דרוקעריי ? — האָט דינה צו אים שטיל געשעפּטשעט, אַז די מאַמע זאָל זיך ניט אויפכאַפּן — איך האָב אַזוי מורא, נאָך דעם ווי דיין פּאַפּאַ האָט גערעדט...

— האָב פאַר גאָרניט קיין מורא. ער האָט גענוג געלט מיך אויסצוקויפן, אויב עס וועט עפּעס טרעפן.

קיווע האָט גענומען דינהס האַנט אין זיי־נער און באַרויקנד געשמייכלט : — און דערצו גייען מיר דאָס אין גיכן אַוועקשיקן אין שטאָט צו דער אָרגאַניזאַציע. דער פּאַפּאַ ווייסט נאָך ניט, אַז איך האָב אַ געהיימע דרוקעריי, איז בעסער, אַז ער זאָל ווייטער אויך ניט וויסן.

אין צימער איז געווען ליכטיק פון דער פו־לער לבנה. אין דעם ליכט איז דינהס פּנים געווען דורכזיכטיק־ווייס, די אויגן האָבן גע־שיינט מיט אַ רעליגיעזער שיינקייט.

— נו גיי, קיווע — האָט זי געזאָגט — דיין פּאַפּאַ וועט דיך זוכן.

— רייד ניט פון אים, דינה !

— זיי געזונט, קיווע !

— זיי געזונט, דינה !

און ער איז, ווי אַ פאַרכישופטער, שטיל אַרויס.

*

דורך סוף־זומערדיקע פעלדער האָט זיך אין דער פרי געטראָגן אַ פּאַטאָן צו דער סטאַציע. דער פאַעטאָן איז געווען אַ נייער, און דריי פערד זענען געווען איינגעשפּאַנט אין אים, ווייל אַחוץ פייגלען מיט דינהן איז צו דער סטאַציע אויך געפאָרן יעקב ראַבינאָוויטש, חיים ראַבי־נאָוויטשעס ברודער.

יוסף טונקל („דער טונקעלער")

יוסף טונקל, הסופר ההומוריסט, שנודע בקרב המוני היהודים ברוסיה, פולין ואמריקה בכינויו „דער טונקעלער", נולד בבוברויסק בשנת 1881. אביו היה מלמד עני והילד, שהיה חולני, צולע וקצר־רואי, משך את עיני המבוגרים בכשרונותיו לציור. בהתאמצות חוג האינטליגנציה המקומית נשלח יוסף טונקל בהיותו



יוסף טונקל

בן 16 לבית־הספר לציור בוילנה, אותו סיים בשנת 1899. משום קוצר ראייתו לא יכול היה טונקל לעסוק בציור והתמסר כליל לעבודה ספרותית, כשהוא נודד מעיר לעיר וסר לפרקים לעיר מולדתו. ב־1901 נדפסו שיריו הראשונים ב„דער יוד" ליוסף לוריא, ומאז כתב בלי הפסק שירים, סיפורים, פיליטונים, רשימות הומור, מחזות וסיפורים לילדים באידיש. רובם התפרסמו בעתונות האידית באירופה ובאמריקה, שימשו חומר לקריינים ומדקלמים והועלו על הבמה. בשנות 1906—1910 נסע טונקל לראשונה לארצות־הברית ויסד שם כמה עתונים הומוריסטיים, מהם האריך ימים — גם לאחר שחזר טונקל לרוסיה — „דער גרויסער קונדס". מ־1911 השתתף טונקל בקביעות ב„מאָמענט" הוארשאי וערך בו את המדור ההומוריסטי השבועי „דער קרומער שפיגל". בשנות מלחמת־העולם הראשונה יצא יוסף טונקל לבוברויסק וממנה עבר לקיוב ולאודיסה, ועם בוא השלום חזר לעבודתו בוארשה. באביב 1931 ביקר „דער טונקעלער" בארץ־ישראל, ותיאר את נסיעתו בספרו „פאַרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל" (וארשה, 1932). ב־1939 יצא „דער טונקעלער" לסיור בבלגיה ושם מצאה אותו מלחמת־העולם השניה. עם פלישת הנאצים לבלגיה נמלט טונקל לצרפת, בה נעצר על־ידי ממשלת וישי והושם במעצר ליהודים בני חוץ־לארץ. מן המעצר עלה בידיו של טונקל לברוח ובאביב 1941 הגיע לארצות־הברית בשנית, השתתף בקביעות ב„פאָר־ווערטס". בשנות חייו האחרונות היה חולה ועיניו כהו מאד. נפטר בניו־יורק בי"ד באב תש"ט (9.8.1949).

בשנות ישיבתו בבוברויסק הוציא טונקל לאור עלים הומוריסטיים, ששיקפו את חיי העיר ומעשיה, אלא שאלה לא הגיעו אלינו. תיאור הומוריסטי של פני העיר בוברויסק בשנת 1910 בא בעמ' 600 בספר זה. להלן קטע מרשימתו האוטוביוגרפית של „דער טונקעלער" על נסיעתו בהיותו בן 16 שנה מבוברויסק לוילנה.

דער טונקעלער

ז כ ר ו נ ו ת

שוין אין מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך געמאָלט מענטשעלעך, הייזעלעך, פערדעלעך וכדומה. מיינע חברים־יינגלעך זענען געווען נתפעל, אָבער ביי די גרויסע בין איך נאָך ניט געווען פּאָפּולער.

ערשט איין מאָל האָב איך אויסגעמאָלט אַ גרויסע „קאַרטינע" [1], נעמלעך: אַ טערק פאַרט רייטנדיק אויף אַ פערד און האַלט אַ „שאַבלע" [2]. דאָס בילד האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם און צו גלייך אַרויסגערופן גרויסע חילוקי־דעות. זלמן איטשע, דער לערער פון „טשיסטאָפּיסאַניע" [3] פון אונדזער תלמוד־תורה, וועל־כער האָט באַטראַכט דאָס בילד דורכן פּויסט, האָט אויסגעפונען, אַז דאָס בילד, כאָטש עס קוקט אויס ווי לעבעדיק, איז דאָך ניט „פּראַווילנע" [4], מחמת דער טערק האָט איין אויג, איין אויער און איין פוס. דאָס נעמלעכע ס׳פערד.

אונדזער שטאָטישער פאָטאָגראַפּשטשיק, גאָספּאָדין רענד, האָט אפילו געטענהט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין, מחמת עס איז געמאָלט אין פּראָפיל. אָבער דער לערער פון „טשיסטאָפּיסאַניע" האָט געטענהט: פּראָפיל־שמאָ־פיל, די נאַטור פון דער „פּריראָדע" [5] האָט אַזאַ טבע, אַז אַ מענטש, מעג ער אפילו זיין אַ טערק, מוז האָבן צוויי אויגן, צוויי פיס און צוויי אויערן.

האָב איך צוגעמאָלט דעם טערק, און, להבדיל, צום פערד, נאָך אַן אויג, נאָך אַ פוס און נאָך אַן אויער. און אַלע האָבן דאַן באַשטימט פה אחד, אַז איך האָב אַ גרויסע „תשוקה" צו „כודאָזשעסטוואָ" [6] און ווען איך זאָל די דאָזיקע תשוקה „ראַזוויוואַיען" [7], קען איך אַרויסוואַקסן אַ גרויסער „כודאָזשניק" [8].

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן דערוועקן אין באָברויסק אַ גרויסע קולטור־באַוועגונג. אויף דער באָברויסקער אַרענע זענען אַרויסגעטראָטן אַ סך קול־טור־טרעגער. דעמאָלט האָבן זיי געהייסן „אינטעלי־גענטן" אָדער „אידעאַליסטן". זיי האָבן געבילדעט צוויי קרייזן צו „ראַספּראָסטראַניאַיען פּראָסוויעשטשעניע" [9] — אַ צווייג פון דער חברה צו פאַרשפּרייטן בילדונג, וואָס איז געווען אין פעטערבורג — און צו „ראַזוויוואַיען איסקוסטוואָ וואָאָבטשע" [10] און וואָס פאַר אַ ליבע, איבערגעגעבענע אידעאַליסטן דאָס זענען געווען, מיט וואָס פאַר אַ האַרציקער איבערגעגעבנקייט יעדערער האָט געטאָן זיין מלאכת הקודש. סטודענטן פלעגן געבן אומזיסטע לעקציעס, טיילן ביכער צו לייענען, שטיצן מיט מאַטעריאַל די „כודאָזשניקעס". אַ וואַרעמע ליכ־טיקייט איז געשטאַנען איבער דער שטאָט. דער פאָר־זיצער פוןביידע קרייזן, דער דענטיסט געצאָוו, וואָס אַלע האָבן מודה געווען, אַז ער איז אַ גרויסער אידע־אַליסט און אינטעליגענט, האָט געהאַלטן אַ שטורמישע רעדע, אַז ביי אונדז יידן ווערן אַ סך טאַלאַנטן פאַר־לוירן. ווען ניט די נאַכלעסיקייט, וואָלט יעדער איינער געקאָנט ביי אונדז זיין אַן אַנטאָקאָלסקי, אָדער אַ מאָלער ווי וואָראָבייטשיק (וואָראָבייטשיק איז ביי אונדז געווען דער שילד־מאָלער, וואָס האָט זיך אַליין, מיט זיין אייגענעם קאָפּ אויסגעלערנט שילד־מאָלעריי).

דער קונסט־קרייז האָט באַשלאָסן צו שיקן מיך קיין ווילנע, ווו עס געפינט זיך אַ שול אַזאַ, וואָס הייסט „ריסאָוואַלנאַיע אוטשילישטשע" [11]. מען האָט איינגעאָרדנט פאַר מיר אַ ווילטעטיקן אָוונט, כדי איך זאָל האָבן אויף הוצאות הדרך. קרעפּטן און אָנטייל־נעמער האָבן מיר געהאַט אומזיסט. איינער אַ סטודענט האָט דעקלאַמירט אַפּוכטינס „דער משוגענער" און גאָרקיס „בורעוועסטניק". די אַקושערקע סענדעראָ־וויטש האָט געזונגען לידער פון נאַדסאָן, „דרוג מאָי, בראַט מאָי, אוסטאַלי, סטראַדאַיושטשי בראַט" [12] און פּרוגס „אונעסי מאָיו דושו וודאַל" [13], און עס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דער אָוונט האָט אַריינגעבראַכט

1. בילד.
2. שווערד.
3. קאַליגראַפיע.
4. ריכטיק.
5. נאַטור.
6. מאָלעריי, קונסט.
7. אַנטוויקלען.
8. קינסטלער.

9. פאַרשפּרייטן בילדונג.
10. אַנטוויקלען קונסט אין אַלגעמיין.
11. צייכענונג־שול.
12. „פריינד מיינער, ברודער מיינער, פאַרמאַטערטער, ליידנדער ברודער".
13. „טראָג אָוועק מיין נשמה אין דער ווייט".

6 רובל. 5 רובל האָט מען מיר געגעבן אויפן וועג און דעם איבעריקן רובל האָט מען פאַרהאַלטן פאַר די הוצאות פון אוונט.

אַ מיידל פון „קרוזשאָק" [14], שרה אריהס, האָט מיר געגעבן אַ בריוו צו איר מוטער קיין ווילנע, וואָס האָט געהאַט אַ קרעמל פון מילכיקס אויף דייטשישער גאַס.

אויפן וואָקזאַל איז געווען פריילעך. אַחוץ מיינע היימישע, זענען געקומען מיך אַרויסבאַגלייטן חברים פון „קרוזשאָק". איך געדענק, ווי דער פאַרזיצער, דער דענטיסט געצאָוו, האָט מיר געבראַכט דאָס געלט, מזומנע 5 רובל. אַ צווייטער מיטגליד האָט מיר איבערגעגעבן אַ קעסטל מיט קאַלירטע בלייפעדערס.

14. קרייז.

מיין שכן מייטין [15] האָט מיר געשענקט אַ באַנד „ניוואָ", דער פאָפּולערסטער רוסישער אילוסטרירטער זשורנאַל אין יענער צייט. דער העברעיִשער לערער האָט געהאַלטן אין טרייסטן און מוטיקן מיין פאָטער און מיך אַרויס־באַגלייט מיטן פסוק:

— אל תתן חילך לזרים! — דאָס הייסט, אַז ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער מענטש, זאָל איך ניט אָוועקגעבן מיין קראַפט און מיין טאַלאַנט צו פרעמדע אומות, נאָר איך זאָל זיי אָוועקגעבן דעם יידישן פאָלק.

און דאָס פּופּצן־יאַריקע בחורל האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט — קיין ווילנע.

15. הלל מייטין, „אַרבעטער רינג"־לערער, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, 1947.

ד"ר מרדכי רבינזון

מרדכי רבינזון, ששימש רב מטעם הממשלה בבוברויסק מ־1912 עד פרוץ המהפכה ברוסיה, היה סופר עברי. הוא נולד ב־1877 בנוֹבוֹגרודק (פלך מינסק), בן למשפחת רבנים מדורי־דורות. אביו, ר' מאיר, שימש רבה של ראדושקיביצי (עיר מולדתו של המשורר מרדכי צבי מאנה). מרדכי רבינזון נדד בישיבות ליטה השונות ובהיותו בן 21 קיבל סמיכה לרבנות. הוא נשא לאשה את בתו של הגביר ר' עקיבא גולדברג ממיר, נכדתו של ר' אליהו גולדברג, רבה של בוברויסק באמצעה של המאה הי"ט.

לאחר מכן יצא מרדכי רבינזון ללמוד באוניברסיטאות ברן (שוייצריה) ופאריס וקיבל תואר דוקטור בסוֹרבּוֹנה על חיבורו „הרעיון המשיחי בתלמוד ובמד־רשים". מנעוריו החל רבינזון לקחת חלק בעתונות העברית והאידית. הוא כתב פיליטונים ב„הצפירה", מאמרים ב„השילוח" וב„הדור", תירגם ספרי מדע, אולם עיקר עבודתו היתה כתיבת דברי ביקורת ומסות על סופריה של הספרות העברית החדשה, שמהם נכנסו לספרו „דיוקנאות" (ירושלים 1932). ספר מסותיו „ספרותנו החדשה ממאפו עד פיארברג" יצא ברוסיה בחמש מהדורות.

אולם העבודה הספרותית לא יכלה לקיים את בעליה, ומרדכי רבינזון נאלץ לקבל עליו את משרת הרב־מטעם בבוברויסק, משרה שבעת ההיא ירד חנה עד מאד בעיני בני הדור החדש. בשבתו בבוברויסק המשיך מרדכי רבינזון בעבודתו הספרותית, כן קירב אליו את בני הנוער הציוני בעיר וסייע להם בכל מעשיהם.

עם המהפכה הסוביטית נאלץ מרדכי רבינזון לעזוב את בוברויסק, שהרי בתור פקיד של המשטר הקודם היה חשוד בעיני השליטים החדשים. הוא נדד כמה שנים בערי דרום רוסיה, עד שעלה ארצה ב־1925 עם בני משפחתו.

בארץ עסק בעבודה ספרותית וניהל למעלה ממח־צית יובל שנים את הספריה העירונית בירושלים, ובה נפטר בי"ח אדר תשי"ג (1953).

מנחם מנדל עלקין

מנדל עלקין, איש התיאטרון היהודי ועסקן התרבות האידית ברוסיה, פולין ואמריקה, נולד ב־1874 להורים עניים בכפר ברוז׳ה סמוך לבוברויסק. בימי נעוריו למד ב„חדר״, אף נדד ללמוד בישיבה בבוברויסק. בהיותו בן 12 כבר הוטל עליו לקחת חלק בפרנסת המשפחה העניה, והוא נדד במקומות שונים, עבד



מנדל עלקין

ולמד בעצמו כאֶכסטרן, ולאחר עמל רב סיים ב־1902 את חוק לימודיו בחארקוב כרופא־שיניים. במקצוע זה מצא פרנסתו כחמש שנים, עד ששלח ידו במסחר העצים והפך לאחד מעשירי העיר. עלקין היה חבר ה„בונד״ מנעוריו, אולם עיקר אהבתו ומסירותו היו נתונים לתיאטרון. תחילת עבודתו התיאטרונית כשחקן־חובב וכבמאי בלהקה המקומית, שהתקיימה בבוב־רויסק בסוף שנות התשעים, והעלתה מחזות בשפה הרוסית. רק ב־1907, בהשפעת התנועה האידישיסטית, החל עלקין לפעול בבוברויסק למען התיאטרון היהודי, כשהוא חותר להקמתו של תיאטרון אידי משובח ואמ־נותי ונאבק בנטיות לשונד וסנסציה, שליוו תיאטרון זה מראשית הקמתו. בשנת 1912 הוציא עלקין לאור וערך את השבועון „באָברויסקער וואָכענבלאַט״, כשהוא מתאמץ להוציאו מכלל שבועון פרובינציאלי ולשתף בו את מיטב הסופרים האידיים. אותן שנים שקד על השכלתו התיאטרונית, ערך טיולי־לימוד בגרמניה, תמך בשחקנים ואנשי ספרות יהודים, אף יסד הוצאת־ספרים מיוחדת בשם „מנחם פאַרלאַג״, שהוציאה לאור את כתבי פרץ הירשביין וספרים אחרים.

עם פרוץ המלחמה שקע עלקין במסחרו, עבר לפטרוגראד והגיע במסעותיו למרחקי סיביר (את נסי־עותיו בסיביר ואת אשר ראו עיניו בה תיאר בספרו „קאיבאלער סטעפעס״, שיצא לאור בוילנה, 1934).

לאחר שרות קצר בצבא חזר עלקין לפטרוגראד ויסד בראשית 1918, ביחד עם אל. גראנובסקי, את „התיאטרון הקאמרי היהודי״. הרעב שהשתרר בעיר עם מלחמת־האזרחים הביא לחזרתו של עלקין לבוברויסק. השלטון הסוביטי בבוברויסק הטיל עליו את הנהלת מחלקת התיאטרון והאמנות בקומיסריון ההשכלה. הוא הקים כעשרה תיאטראות קטנים באיזור: יהודים ורוסים. כן היה מארגן הופעות ומסיבות המוניות, שהיוו חלק מעבודת התעמולה של המשטר החדש. עם כיבוש העיר על־ידי הפולנים נאלץ עלקין, כמי ששיתף פעולה עם המשטר הסוביטי, לברוח מבוברויסק לוילנה, ומיד נרתם בעבודה התיאטרונית בעיר זו, ובעת כיבושה הקצר של העיר ע״י הסוביטים נתמנה שוב למנהל מחלקת התיאטרון בעיר והקים תוך זמן קצר תיאט־רונות יהודי, פולני ורוסי וגם קונסרבטוריום. עם נפילת המשטר הסוביטי עבר עלקין לוארשה ואף בה תפס מקום חשוב בחייה הספרותיים והתיאטרליים של האינ־טליגנציה היהודית, בהיותו במאי ב„להקה הוילנאית״ ובהיבחרו לנשיא אגודת השחקנים היהודים בפולין.

בראשית 1923 היגר עלקין לארצות־הברית ולקח חלק פעיל במאבק האחרון לשמירת קיומו של התיאט־רון היהודי האמנותי. מיד עם בואו הקים את התיאט־רון הנסיוני „אונדזער טעאַטער״, ערך, ביחד עם א. מוקדוני, את הירחון הספרותי־תיאטרוני „טעאַליט״ והיה בין מיסדיה ומדריכיה של הסטודיה התיאטרונית היהודית. זמן־מה ניהל את תיאטרון הילדים, שהיה מסונף לתיאטרונו של מוריס שוארץ.

עם היוסד „הספריה והארכיון המרכזי היהודי״ בניו־יורק היה עלקין למזכירו של המוסד החדש, וב־1940, כאשר הועבר מרכז ייוו״א מוילנה לניו־יורק, היתה ספריה זו לספריית ייוו״א, ועלקין הקדיש את שנותיו האחרונות לטיפוחה ולגידולה של הספריה, שהפכה לאחת הספריות היהודיות הגדולות והחשובות בעולם כולו.

עם קום מדינת ישראל שינה עלקין את יחסו לארץ־ישראל ולעניניה. בשנת 1954, והוא זקן ובא בימים, בא לבקר בארץ־ישראל ומאז היה קשור בקשר אמיץ עם מוסדות תרבות וחינוך בארץ. בסוף ימיו היה עלקין קשור בתכניות לכתיבת ספרנו זה — ספר בוב־רויסק, ומותו — אבידה גדולה למפעלנו.

בחול־המועד פסח 1962 מת עלקין בניו־יורק והוא כבן 89 שנה. בתולדותיו הטרגיות של התיאטרון האידי, במלחמה העזה שניהל בכל שנות קיומו מבפנים, עם מבול תיאטרונות השונד וקלקול הלשון, ומבחוץ — עם אויבים ועם אדישים לגורלו — מקום נכבד שמור יהיה למנחם מנדל עלקין, השחקן, המתרגם, המחבר, הבמאי, המארגן ולוחם מלחמתו של תיאטרון זה.

להלן רשימה אוטוביוגרפית של מ. עלקין וקטע מזכרונותיו של פ. הירשביין עליו.

מענדל עלקין

פון מיין לעבן

א

געבוירן געוואָרן אין יאָר 1874 אין דאָרף בראַזשע נעבן באָברויסק. עלטערן: בעלי־בתישע מענטשן. דער פאָטער הירש בראַזשער — אַ ייד אַ בעל־תורה, זייער פרום. אין 1892 טרייבט מען אונדז אַרויס פון דאָרף. די פאַמיליע קלייבט זיך אַריבער קיין באָברויסק און דאָס ברענגט צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין אונדזער לעבן: דער פאָטער ווערט „וועלטלעכער", די לאַנגע קאַפּאָטע ווערט ביסלעכווייז פאַרביטן אויף אַ מאָדער־נעם ראָק. אין הויז הייבט אָן אַלץ אויסזוען „אייראָ־פעיש". די מוטער, בכלל אַ פריידענקערין, האָט זיך שטאַרק גענומען צו „בילדונג". אין דער באָברויסקער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק איז ניט געבליבן קיין בוך (חוץ שטרענג וויסנשאַפטלעכע), וואָס זי זאָל ניט האָבן געלייענט. זי איז געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, פלעגט זיך חברן בלויז מיט דער „שטורעמדיקער" יוגנט, און איר פרייער גייסט האָט באַהערשט אונדזער הויז, ווי נאָר מיר זענען אַריבערגעקומען קיין באָברויסק.

ייִנגלווייז האָב איך געלערנט אין חדר, אין דאָרף, ביי גוטע מלמדים. דאָס האָט מיך אָבער ניט באַפרידיקט און צו 10½ יאָר בין איך אָנגעקומען אין אַ באָב־רויסקער ישיבה. „געגעסן טעג", געווען „אַ גוטער בחור", געלערנט אין „גרויסן טיש". מיין פרייע צייט האָב איך געווידמעט בשתיקה צו לערנען זיך רוסיש און תנ"ך. ווען איך בין אַלט געווען קאַרגע 12 יאָר בין איך אַוועק פון טאַטנס הויז „זוכן אַ שטיקל ברויט" — די עלטערן זענען געווען זייער אָרעם. צו 18 יאָר האָב איך זיך שוין גוט „אַרויפגעאַרבעט", האָב שוין געשטיצט די עלטערן און זיך אַלץ געלערנט בתורת עקסטערן. שפּעטער וואַרף איך מיינע פרנסות, פאָר אַוועק מיט צוויי חברים קיין אָדעס און מיר ווערן עכטע עקסטערנס, מיט עקזאַמענס, מיט אומצאָליקע צרות און דורכפאַלענישן א. אַ. וו. צוליב פאַרשידענע סיבות קענען מיר זיך קיינער ניט דערשלאָגן אַפילו צום אָדעסער אוניווערסיטעט (וועגן מאָסקווע, קיעוו א. אַ. איז אָפּגערעדט) און מיר צעפאָרן זיך: ווער קיין לייפּציג, ווער קיין דעסאַו. איך האָב אָנגעהויבן שטודירן צאָן־אַרצט. אין יאָר 1902 האָב איך פאַר־ענדיקט דעם פאַקולטעט פון דענטיסטיק ביים כאַרקאָווער אוניווערסיטעט. פאַרנומען זיך מיט דער פּראָפעסיע פינף יאָר. שפּעטער אויפגעגעבן די ניט אינטערעסאַנטע פאַר מיר אַרבעט און זיך גענומען צו זשורנאַליסטיק. בין געווען קאַרגע צוויי יאָר רע־דאַקטאָר פון אַ ראַדיקאַלער רוסישער צייטונג אין מינסק („Голос провинции"), געאַרבעט אין אַנדערע צייטונגען אין מאָסקווע און פּעטערבורג. במשך פון יאָרן געאַרבעט אין קוגלס „Театр и искусство", אין בעסקינס „Рампа" און אַ לאַנגע צייט געווען אַ „סוחר".

ב

מיט טעאַטער־טעטיקייט האָב איך זיך פאַראינ־טערעסירט אין יאָר 1896. איבער שטעט און שטעטלעך פון „תחום" איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ טעטיקייט לטובת די יידן פון בעסאַראַבער געגנט, ווו עס האָט געהערשט צו יענער צייט אַ הונגער און אויך אין באָברויסק זע־נען איינגעאָרדנט געוואָרן פאָרשטעלונגען רוסישע, נאַטירלעך, לטובת די הונגעריקע. אין דער ערשטער פאָרשטעלונג בין איך אויפגעטראָטן מיט גרויס דער־פאָלג אין אַסניצקי'ס קאָמעדיע „דער האָז".

די אָרטיקע דראַמאַטישע געזעלשאַפט האָט מיך

איינגעלאַדן אַלס מיטגליד, און איך בין באַלד אויסגעווילט געוואָרן אויך אַלס סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט. צו יענער צייט האָבן אין באָברויסק געשפּילט די בעסטע פּראָווינציעלע רוסישע טרופּעס. זומער פלעגן קומען די באַרימטע טרופּעס פון די הויפּטשטעט. אין יענע יאָרן האָט דאָרט געשפּילט (די זומער־סעזאָנען אין משך פון 5־6 יאָר) דער באַרימטער רעזשיסער און שוישפּילער גריגאָרי מאַטקאָווסקי מיט אַ גרופּע קינסטלער (אָלגאַ ראַכמאַנאָוואַ, נאַזימאָוואַ — איצט אין אַמעריקע, לאַנסקאָי, מאַטורין, קראַמאָוו, גאַידאַ, א. אַ.). אָט די טרופּע איז געוואָרן מיין טעאַטער־שול; מאַטקאָווסקי און ראַכמאַנאָוואַ זענען געוואָרן מיינע לערער. דער ערשטער: רעזשי און שוישפּיל־קונסט, די צווייטע — דיקציע און דעקלאַמאַציע. אין צוויי יאָר אַרום בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס רעזשיסער אין דער אָרטיקער דראַמאַטישער געזעלשאַפט, ווו איך האָב אָפּגעאַרבעט מיט אַ זעלטן גוטער טרופּע פון אַמאַטאָרן כמעט פיר יאָר, שפּילנדיק יעדע צוויי וואָכן. דער דערפאָלג איז געווען זייער אַ גרויסער און איך בין אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס רעזשיסער אין מינסקער קונסט־געזעלשאַפט. דאָרט האָב איך געאַרבעט אַרום 2 יאָר.

ג

סוף 1902 בין איך אַריבערגעפאָרן אין דער שטאָט בעלי (ביי מאָסקווע), ווו כ'האָב פאַרנומען אַ פּאָסטן אַלס צאָן־אַרצט ביים גימנאַזיום, פּראַקטיצירט פּרייוואַט, באַשטימט געוואָרן אַלס רעזשיסער פון אָרטיקן דראַמאַטישן קרייז. די געשעענישן פון 1905 טרייבן מיך צוריק אין תחום. די צייטווייליקע „פרייהייטן" האָבן מיך אַ שטויס געטאָן צום יידישן טעאַטער און איך האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. צום ערשטן מאָל בין איך אויפגעטראָטן אויף דער יידישער בינע אין יאַנואַר 1908, ווידער אַ מאָל אין באָברויסק, מיט יעקב בן־עמי, לייזער פריד, נערא־לאַלסקאַיאַ, סעם אַדלער, טייטלמאַן א. אַ. אין דעם מאָסקווער „סקירמונט פאַרלאַג" איז דערשינען דעמאָלט דער ערשטער אַלמאַנאַך, אין וועלכן ס'איז געווען געדרוקט אַ דראַמע פון דוד בן־אריה "Жизни" („לעבנס". לעצטנס איבערגעאַרבעט געוואָרן און געווען געדרוקט אין „צוקונפט" אונטערן נאָמען „צוויי דורות"). איך האָב די דאָזיקע דראַמע טאַקע אויפגעפירט מיט דער אויבנדערמאָנטער טרופּע. שוין דער ערשטער אויפטריט אויף דער יידישער בינע איז געווען אַ דערפאָלג. די טרופּע פאָרט אויך קיין קיעוו און אין עטלעכע חדשים אַרום ווער איך איינגעלאַדן אַלס רעזשיסער קיין קיעוו אין טעאַטער „בערגאָניע" און שפּעטער אין זומער־טעאַטער „שאַטע דע פלער".

„געשפּילט" האָבן דאָן אין קיעוו 2 „יידיש־דייטשישע" טרופּעס — סעם אַדלערס, און וועלכער איך האָב געאַרבעט, און אברהם פישזונס. איך האָב זיך דאָן פאַרבונדן מיט שלום אַש, פרץ הירשביין, א. וויטער, און גענומען זיך ערנסט צו רעפאָרמירן דעם „יידיש־דייטש" און גענומען איינפירן נייע מעטאָדן, אָבער... צו פרי איז עס, משמעות, געווען, — נאָכן אָפּאַרבעטן בלויז אַ קורצע צייט האָב איך דאָס טעאַטער פאַרלאָזן, ניט קוקנדיק אויף דער גוטער באַציִונג צו מיר מצד אַלע חברים און מצד דעם דירעקטאָר סעם אַדלער, וועלכער האָט מיך בשום אופן ניט געוואָלט אָוועקלאָזן. איך האָב אָבער דאָרט ניט געהאַט וואָס צו טאָן... און זיך אומגעקערט אַהיים, ווו כ'האָב אָרגאַניזירט פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען פון דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע איך אַליין האָב געגרינדעט און אַנטוויקלט. אין יענער צייט האָב איך אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט א. פיינשטיין און אַנדערע אַ וואָכנשריפט („באָברויסקער וואָכנבלאַט"), וועלכע האָט געווידמעט גרויס אויפמערקזאַמקייט טעאַטער־פראַגן (אין דער וואָכנשריפט האָבן זיך באַטייליקט: ש. אַנסקי, ש. אַש, פּ. הירשביין, א. וויטער, ד"ר מוקדוני א. אַ.), באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון דעם טעאַטער־פאָנד, וועלכן ס'האָבן געגרינדעט י. ל. פרץ, ה. ד. נאָמבערג, פאַדלישעווסקי, ש. ראָזענפעלד, ז. רייזען, ד"ר מוקדוני, א. וויטער א.אַ. בכלל, אַזוי לאַנג ווי איך בין געזעסן אין באָברויסק און אין מינסק, האָט זיך ביי מיר געשאַפן אַ מין פּראָווינציעלער טעאַטער־צענטער. מיין הויז איז געווען אַ עיר מקלט פאַר אַ פשיטא קלענערע שטעט, פלעגן זיך כסדר ווענדן צו מיר וועגן טעאַטער־ענינים, וועגן אָרגאַניזירן טרופּעס א. אַ. וו. איך בין שטענדיק געווען פאַרבונדן מיטן אַלרוסישן אַרטיסטן־פאַרבאַנד.

אין די יאָרן 1910 — 1914 געמאַכט ספּעציעלע רייזעס איבער דייטשלאַנד, זיך באַקענט מיט דער טעאַטער־קונסט דאָרט: ריינהאַרדט, פוקס, די „פאָלקס־בינע". זייער אַרבעט האָב איך שטודירט לאַנג.

ד

די וועלט־מלחמה ברענגט אונטער יעדע טעטיקייט אויף דעם געביט. איך ווער פאַרוואָרפן אויפן ווייטן מזרח צו די סאַיאַנען. אין יאָר 1916 ווער איך מאָ־ביליזירט אין דער אַרמיי און פאַרוואָרפן אויפן מערב־פראָנט, ווו כ׳געפין זיך ביז אַפּריל 1917. נאָך דער רעוואָלוציע ווער איך באַפרייט פון מיליטער, פאָר צוריק אַהיים (קיין פּעטערבורג, ווו כ׳האָב געוווינט פון יאָר 1915) און וואַרף זיך אַריין אין דעם שטראָם פון „באַפרייונגס־אַרבעט״. אין אָנהייב 1918 גרינד איך דעם „יידישן קאַמער־טעאַטער״, צו וועלכן איך צי צו גראַנאָווסקין. אין די ערשטע פּרווו־אַרבעטן פון דעם טעאַטער באַטייליקן זיך ש. ניגער, א. וויטער, בעל מחשבות, און טיילווייז אויך ד״ר מוקדוני, וועל־כער פלעגט אָפט באַזוכן פּעטערבורג. אין 1918 איז פאָרגעקומען די פּראָבע־פאָרשטעלונג (אין גראָסער קלוב) און דעם 12טן יוני (דוכט זיך) די פּרעמיע־רע־פאָרשטעלונג (אין יידישן קלוב). אין יולי האָט מען מיך מיט גראַנאָווסקין אַרויסגערופן קיין מאָס־קווע, ווו דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט געפירט מיט אונדז אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַרוואַנדלען דעם קאַמער־טעאַטער אין אַ סאָוויעטיש. די אונטערהאַנד־לונגען זענען אָבער איבערגעריסן געוואָרן צוליבן אַטענטאַט אויף דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר מירבאַך.

די פּאָליטישע געשעענישן אין יענער צייט האָבן צו נישט געמאַכט אונדזערע פּלענער וועגן אַ פּער־מאַנענטער טעאַטער־טעטיקייט.

ה

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין פּעטערבורג האָט מיך פאַרטריבן, צייטווייליק, קיין באָברויסק, צו מיין משפּחה. ביז 1919 האָב איך דאָרט געאַרבעט אַלס טעאַטער־פאַרוואַלטער אין דער קונסט־אָפּטיילונג ביים בילדונג־קאָמיסאַריאַט. פאַר דער צייט פון מיין טעטיקייט האָב איך אָרגאַניזירט איבער 10 קליינע טעאַטערס און האָב פּערזענלעך אָנגעפירט מיט 2 טעאַטערס אין באָברויסק — אַ יידישן און אַ רוסישן. זייער פיל האָט מיר געהאָלפן אין מיין אַרבעט ח. טשערוויאַקאָוו, דער פּרעזידענט פון דער ווייסרו־סישער רעפּובליק, דאַן פאַרוואַלטער פון בילדונג־קאָמיסאַריאַט.

עס איז מיר אָבער ניט באַשערט געווען צוריק־צוקערן זיך אַהיים. — אין אָנהייב סעפּטעמבער 1919 האָבן די פּאָליאַקן פאַרנומען באָברויסק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן און איך האָב געמוזט אַנטלויפן פון שטאָט. מיט גרויסע שוועריקייטן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרלאָזן באָברויסק און אַוועק קיין ווילנע. דאָרט האָב איך זיך באַטייליקט אין אָרגאַניזירן דאָס טעאַטער־געזעלשאַפט, פאַר־וואַלטעט מיט דעם טעאַטער (אין טרופּע: אזרא, זשע־ליאַזאָ, לובאַצקי א. אַ. עלמית, בירנבוים, ריווקינא און שפּעטער אויך שניאור און רעזשיסער דוד הערמאַן). אויסגעפירט א. וויטערס „אין פייער״, אינסצעניזירט „די וואַנט״ א. א. וו. אין 1920 איז ווילנע פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי און איך בין גלייך באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דער טע־אַטער־אָפּטיילונג אין קאָלעגיום פון בילדונג־קאָמיסאַר־יאַט און אָרגאַניזירט גלייך דריי טעאַטערס: אַ פּוילישן, יידישן און רוסישן. חוץ דעם האָב איך אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־קאָנסערוואַטאָריום מיט פּראָפ. גאַלקאָווסקי בראָש. די אַרבעט האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די ליטווינער האָבן איבערגענומען די שטאָט. דאַן קומען ווידער די פּאָליאַקן און צעשטערן די אָנגע־הויבענע אַרבעט.

ווען די לאַגע האָט זיך אַ ביסל פאַרבעסערט, בין איך איינגעלאַדן געוואָרן פון „די ווילנער״ אין וואַרשע, אויפצופירן ביי זיי שלום אַשס „אמנון ותמר״ און „דער זינדיקער״. אין 1920 בין איך אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס פּרעזידענט פון יידישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פּוילן און פאַרבליבן אויף דעם אַמט ביז יאַנואַר 1923, ביז מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

אַ וואַרעמע הײם (1910)

(פראַגמענטן)

א

די טרופּע איז אײנגעשטאַנען אין אַ פּאָר האָטעלן אַרום דער דײטשישער גאַס. און עס איז ניט נאָר ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן דירה־געלט, עס איז ניט געווען מיט וואָס צו זעטיקן דעם הונגעריקן מאָגן.

אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, איך גײ אַראָפּ מיט די טרעפּ פון אַ האָטעל צו דער גאַס, מאַך פּלענער, ווי אַזוי אָן אַ שירעם דורכצושפּאַנען צווישן די רעגנטראָפּנס — ניט נאַס צו ווערן; און אײדער איך שטעל דעם ערשטן טראָט אויפן נאַסן טראָטואַר, קומט מיר אַנטקעגן אַן עלטערער, ברײטלעכער ייד, מיט אַ לאַנגער, ברײטער באָרד. חצי רב און חצי גלח. קוקט מיך אָן אַ ווײל, שטעלט מיך אָפּ און פרעגט אויף רוסיש:

— קענסט מיר אפשר זאָגן ווו איך קען טרעפן דעם גאָספּאָדין הירשביין?

— דאָס איז ער, הירשביין אַלײן פאַר דיר.

—טאָ לאָמיר אַרײנגײן אינעווײניק. אונטערן רעגן איז שווער צו רעדן.

איך ברעך מיר מײן קאָפּ אויף שנעל, וויל דערגײן, ווער דער מענטש קען זײן; און צי איז עס אפשר ניט אײנער פון אליהו הנביאס מקורבים.

נעמט דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד און טוט אַ זאָג:

— איך קום פון באָברויסק. עפּשטײן איז מײן נאָמען. איך האָב דאָרט אַ טעאַטער. באָברויסק איז אַ גוטע שטאָט. גוטע טעאַטראַלן און גוטע יידן. גאָספּאָדין עלקין, וואָס האָט אײך געזען אין וואַרשע, האָט מיר פון אײך דערצײלט און אײער טרופּע שטאַרק רעקאָמענדירט. אויב איר זײט גרײט צו פאָרן און שפּילן בײ אונדז פּסח, איז געוויס גוט. אין מײן טעאַטער האָבן געשפּילט די בעסטע רוסישע טרופּעס און די גרעסטע אַקטיאָרן פון דער וועלט. און אפשר נײטיקט איר זיך אין אַ הונדערטער אויף הוצאות, אָדער אַ פּאָר הונדערטער, קען איך אויס־לײען אין פאָרויס. בין זיכער, אַז מיר וועלן מאַכן גוטע געשעפטן.

איך האָב געהערט זײנע רײד און אויך געהערט ווי מײן האַרץ קלאַפּט ביז ווײטיק. ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר אים און פאַר די מענטשן אַרום, וואָלט איך דעמאָלט זיך צעזונגען אויפן הויכן קול און שפּעטער געוואַשן דעם פּנים מיט הײסע טרערן.

„גאָספּאָדין עלקין" האָט אים דערצײלט פון אונדז. דער גאָספּאָדין עלקין האָט אונדז געזען אין וואַרשע און געטראָגן ביז איצטער אויפן קאָפּ. און ניט אַזוי דער באַלעבאָס פון טעאָטער, וואָס איז גע־קומען אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, צו דערצײלן, אַז מיט פרײנד איז דער וואַסער זיס. מחמת אין וואַרשע איז טאַקע געקומען אונדז אַנטקעגן גאָספּאָדין עלקין, וואָס איז ניט געווען קײן אַנדערער, ווי אונדזער מענדל עלקין. ער האָט זיך מיר דעמאָלט אין וואַרשע פאָרגעשטעלט. אַ שלאַנקער, גלײכער און מיט אַ פאַר־חלומטן פּנים. אַ מענטש אין די דרײסיקער איז ער דעמאָלט געווען. האָט אונדז געגעבן קאָמפּלימענטן און איז אַוועקגעפאָרן.

אָבער מענדל עלקין האָט זיך שוין דעמאָלט אַלײן געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט, צו פּרוּוון מיט די שונד־טרופּעס מאַכן אַ שותּפות — זײ זאָלן אים לאָזן אויפפירן בעסערע פּיעסן. נאָך מיט אַ יאָר דרײ פריער, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קײן אָדעס, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פון מענדל עלקין פון קיעוו, ווו ער האָט געבעטן אַ דערלויבע־ניש אויפצופירן מײנע פּיעסן. איצטער ווערט זײן נאָמען דערמאָנט אין שײכות מיט באָברויסק.

— ווי לאַנג וועלן מיר קענען שפּילן בײ אײך אין באָברויסק?

— אפילו אַ חודש צײט, אויב איר וועט נאָר וועלן.

— וועט פּאָליצײ דערלויבן אַזוי לאַנג צו שפּילן?

— פּאָליצײ טוט דאָס, וואָס איך געפין פאַר נײטיק.

די שׂמחה אין דער טרופּע האָט אויפגעברויזט. מען האָט זיך ממש אַוועקגעלאָזן אין אַ ריקודל. געקומען אַ מענטש מיט אָפענע אָרעמס, געבראַכט אונדז אַ שטאָט, אַ טעאַטער און מזומנים פּאָרויס! וואָס נאָך האָסטו, האַרץ, געוואָלט?

מען האָט זיך געפּאַקט, געגרייט ענערגיש צו פאָרן קיין באָברויסק, און עס האָט זיך אַליין ניט געגלייבט, אַז מיר וועלן זיך דערקלייבן צו אַזאַ פריינטלעכער היים, ווי באָברויסק איז דעמאָלט געווען.

ב

אויף פּסח איז אונדזער טרופּע אָנגעקומען קיין באָברויסק. מיר האָבן זיך אַלע דערשפּירט ווי אין דער היים. אַלץ צוליב איין מענטשן, וואָס האָט אונדז דאָרטן באַגעגנט, אַרויסגעוויזן ליבע און טיפן אינטערעס. דאָס איז געווען דער נאָך גאַנץ יונגער, עלעגאַנטער מענדל עלקין, וואָס איז גרייט געווען פאַר אונדז דעם הימל אַראָפּבר׳ענגען אויף דער ערד.

אין עלקינס שיינער היים האָט זיך די טרופּע פאַרזאַמלט, און מענדל און זיין רבקה האָבן אַרום אונדז אַרומגעפּאַדעט, זיך באַמיט אַראָפּצוּוואַשן פון אונדז דעם אומעט און דעם טרויער, וואָס מיר האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט. אין קיין שום שטאָט, אויסער אפשר מיט אַ יאָר פריער אין יעקאַטערינאָסלאַוו, האָבן מיר אַזאַ וואַרעמע באַציִונג ניט באַגעגנט מצד דער יידישער געזעלשאַפט. דער גאָספּאָדין עפּשטיין, דער יידישער באַלעבאָס פון טעאַטער, אונטער מענדל עלקינס השפּעה, האָט אונדז באַהאַנדלט ווי אַ פאָטער. זיין לאַנגע, שווערע באָרד האָט זיך געפּאַסט צו זיין ראָל.

מיר האָבן די ערשטע צייט אין באָברויסק געשפּילט מיט אַ גאַנץ גוטן דערפאָלג. געוויסע פּיעסן האָבן מיר געשפּילט און איבערגעשפּילט. אָבער די יידישע באָברויסק איז ניט געווען בכּוח אונדז אויסצוהאַלטן צו לאַנג. אויף דער צווייטער וואָך, כאָטש



מנדל עלקין ופרץ הירשביין, בוברויסק 1910
מענדל עלקין און פּרץ הירשביין, באָברויסק 1910

ס׳איז ניט געווען קיין מניעה, ניט מצד דער פּאָליציי און ניט מצד דעם טעאַטער־באַלעבאָס, האָט די זאָרג ווידער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אָנגעהויבן קוקן רעכטס און לינקס, וווּהין צו פאָרן פון באָברויסק.

מענדל עלקין האָט געראַטן מען זאָל זיך ניט איילן, שפּילן וויפל נאָר מעגלעך. ער האָט אונדז געהאָלפן אין אונדזערע ווייטערדיקע פּלענער. כאָטש ער אַליין האָט געפירט גרויסע וואַלד־געשעפטן, האָט ער צוליב אונדז אַלץ פאַרנאַכלעסיקט, ניט אַרויסגעפאָרן פון באָברויסק אַזוי אָפט, ווי ס׳האָבן די געשעפטן געפאָדערט.

רחל פייגענבערג

מענדל עלקין און זיינע געסט

(זכרונות)

באַקענט האָב איך אים אין באָברויסק. איך געדענק אַ שטילע יידישע גאַס אין יענער פּראָווינץ־שטאָט פון ווייסרוסלאַנד — אַ גאַס מיט איינשטאָקיקע רחבותדיקע הייזער, ווו די פאַרנאַכטיקע זון שימערט אינעם אַנגעצונדענעם אָפּגלאַנץ פון קלאָרגעוואַשענע פענצטער־שויבן, און אין די הייסע זומער־טעג שאָטנט זיך איבער זיי דאָ און דאָרט אַ דעמבע־בוים, וואָס זיין שטאַם איז שוואַרץ געוואָרן פון אַלטקייט.

ביים ראָג, וועלכן ס׳האָט באַוואַקסט אַן אַלטער דעמב, האָט געוווינט מענדל עלקין. אַ שיינע און גוט־איינגעפונדעוועטע שטוב איז עס געווען, מיט פינף גערוימע צימערן און אַ פיין געבויטן גאַניק צו דער גאַס אַרויס. די וווינונג האָט אויסגעזען אויסטערליש עלעגאַנט, מיט ווייך־געבעטן סאַלאָן־מעבל, געפּאַסט און געטאָקט אין רויטלעכן האָלץ, און די געשפיגלטע טיר׳ן פון די שאַפעס — אינעם היימיש־געצירטן סטיל פון יענער צייט. די הויכע פיקוסן, וואָס האָבן דאָ געגרינט אין די ווינקלען, זענען געווען אַזוי בילדעריש־הויכאַרטיק. אויף אַ געגלאָזטער טעראַסע האָבן זיך דאָ געמיניעט אין לעבעדיקע קאָלירן אויך אַלערליי וואַזאָנעס און בלומען־טעפּ.

מענדל עלקינען האָבן געקענט אָרעם און רייך. ער האָט זיך אויסגעלעבט אין זיינע אַלזייטיקע פעיקייטן מיט גרויס הנאה: געזעלשאַפטלעך און אויך אַלס פּרט. געווען אַ ציין־דאָקטאָר, אַן אַרטיסט, אַ צייטונגס־שרייבער, אַ רעדאַקטאָר, אַ פאַרלעגער, אַ מחבר פון טעאַטער־שטיק, אַן איבערזעצער און אויך געגעבן כוח און מוח צו שאַפן אַ יידישן טעאַטער פון קינסטלערישן פאַרנעם.

נאָר צווישן די אַלע אויפטוענישן פון מענדל עלקין, וואָס ער האָט זיי פּערזענלעך דורכגעלעבט און זיי זענען אָפּיציעל פאַרצייכנט אויף זיין אייגענעם היסטאָרישן חשבון, איז נאָך פאַראַן ביי אים אויך דער פּראָזאַישער אַמט פון אַ וואַלד־סוחר.

איבערהויפּט אַלס אַזעלכן געדענק איך אים דאָרט אין זיין היים־שטאָט. ס׳איז ביי אים דאַן געווען אַ צייט פון מאַטעריעלן אויפשטייג. לויט זיינע וואַלד־עסקים איז ער געווען באַשעפטיקט אין אַ פריצישן גוט פון דער געגנט און האָט דאָרט אויך אָנגעהאַלטן פריינדשאַפט מיט די גוטבאַזיצער. פון דאָרטן פלעגט אָפט קומען צו אים אין שטאָט אַ יונג פריציש זונדל, וועלכער איז מיט אים, עלקינען, געווען אויף „דו״. ליב געהאַט צו עסן ביי זיין יידישן טיש יידישע מאכלים, חבריש געטרונקען מיט אים אַ גלעזעלע קאָניאַק און דאָס שיין וועגל זיינס מיטן אַרטיק־פריצישן געשפּאַן איז תמיד געווען צום דינסט ניט בלויז פאַר אים אַליין, נאָר אויך פאַר זיינע געסט — די יידישע שרייבער.

געווען זענען עס פּרץ הירשביין און א. ווייטער. ביידע האָבן זיי זיך דאָ געפילט אַזוי ווי אין דער היים. זיי פלעגן אַ מאָל קומען צוזאַמען מיט אַ קורצן וויזיט, בלויז אויף אַ שבת און געווען אַ צייט, ווען איינער פון זיי איז געבליבן דאָ צו אַרבעטן אויף היבשע עטלעכע וואָכן. אַ צימער איז פאַר זיי תמיד גרייט געווען ביי פריינד עלקין אין הויז. און ער, מענדל עלקין אַליין, וועלכער איז געקומען צו וווילשטאַנד אַלס וואַלד־סוחר, האָט זיך שטילערהייט דאַן געפילט פאַרשולדיקט צו זיין בונדיסטישן געוויסן, איז ער דערביי באַזונדערס שטאָלץ געווען אויף דער חברשאַפט מיט די דאָזיקע צוויי באַרימטע יידישע שרייבער, וואָס איינער פון זיי (א. ווייטער) איז מיטן לעבן געווען איינגעשטעלט אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג פון יענער צייט און דער צווייטער (פּרץ הירשביין) איז דאָך אין זיינע ביכער געווען אַ פּראָלעטאַרישער ראָמאַנטיקער פון גאָר אַ וויכטיקער מדרגה.

*

אַלס פאַרברענטער יידישיסט און פאַרליבטער אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער, מענדל עלקין, אויך געהאַט די פּערזענלעכע אַמביציע מקרב צו זיין יידישע שרייבער מיטן גרויסן פאַרנעם, ווי דאָס האָט געטאָן דעמאָלט דער נגידישער יונגער־מאַן

באָריס אַרקאַדיעוויטש (ב. קלעצקין), דער שפּעטערדיקער מעצענאַט פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן, וועלכער האָט צווישן די וועלדער פון דער געגנט אויסגעבויט אַ יידיש פאַבריק־שטעטל און האָט דאָרטן אויפן דאַך פון זיין שיין הויז אויפגעשטעלט אַ ליכטיקע שאלקע. באַצירט די ווענט מיט בילדער און מעבלירט עס מיט געשמאַק, באַשטימענדיק עס ספּעציעל פאַר שרייבער, וואָס שרייבן יידיש. דוד בערגעלסאָן איז דאָרטן געזעסן מער ווי אַ יאָר צייט, ביז ער האָט אָנגעשריבן זיין באַרימטן ראָמאַן „נאָך אַלעמען”. און אַז דאָס בוך איז שוין דערשינען, איז ער אָפּט געקומען אַהער צו גאַסט און האָט דערביי אויך געשריבן געוויסע שעהען אין טאָג.

דאָרט איז בכלל זייער אנגענעם געווען צו אַרבעטן אַפילו אום ווינטער, ווען די אַרומיקע וועלדער זענען געשטאַנען ווי געפּאַנצערט אין פראָסט און בלענדנד־ווייסן שניי. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אַהער אויך פרץ הירשביין, און דער זעליקער א. ווייטער איז אין דער דאָרפיש־רחבותדיקער היים פון באָריס אַרקאַדיעוויטש געווען פשוט אַ בן־בית.

ס'האָבן דאָ אויך ניט געפעלט קיין וועגל און קיין שליטל מיט אַ פיינעם געשפּאַן, אַרויסצופאָרן אַ מאָל שפּאַצירן אין דער געגנט.

און מענדל עלקין האָט מיט דער ברייטער האַנט געפּרוווט מקיים זיין דאָס זעלבע אויך אין זיין שייןגעצירטער וווינונג פון דער שטיל־יידישער גאַס אין זיין היים־שטאָט.

געהאָלפן האָט אים דערביי אויך זיין רבקה, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אין זיינע גאַנץ יונגע יאָרן. אין איר גאַסט־פריינדשאַפטלעכקייט לגבי איר מאַנס באַרימטע פריינד פרץ הירשביין און א. ווייטער, האָט זי אַרויסגעוויזן ווייבלעכן טאַקט און פיל גוטוויליקע פשטות. זי איז געווען אַ בת־טובים. געשטאַמט פון אַ רבניש־שטאָטישער משפחה און געווען איז זי, ווייזט אויס, אַ מאָל אויך אַ קלוג מיידל. אַנשטאָט צו לאָזן זיך פאַרשדכענען אין סתם אַ בעל־ביתישן שידוך, ווו ס'איז, ראשית כל, פאַראַן יחוס־אבות, האָט זי זיך פאַרליבט אין אַן אָרעמען עקסטערן־בחור, אַן אָפּשטאַמיקער פון יידיש־דאָרפישן „עמך”, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן מענדל עלקין.

ער איז ניט אַלע מאָל געווען דער שטייגנדער וואַלד־סוחר, זי האָט ביי אים אויך געזען שווערע יאָרן פון יידישיסטישער קולטור־טרעגעריי אין וואָרט און אין שריפט.

נאָר דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיינע יידישיסטישע חלומות האָבן דאָך עפּעס אַ ווערט און צו מאָל זענען זיי אויך געווען אַ כבוד און אַ צירונג אַפילו ביי זיין גרויסער הצלחה אינעם וואַלד־מסחר.

אין שטאָט האָט מען דערציילט וועגן מענדל עלקין, ווי אַזוי ער שיט מיט געלט אויף יידישיסטישע אויסגאַבן און שטיצט יידישע שרייבער אויפן גבירישן שטייגער. קאָרעספּאָנדירט מיט י. ל. פרץ, און מיט אַ מאָל האָט מען זיך דערוווּסט, אַז י. ל. פרץ וועט מאַכן אַ באַזוך אין דער געגנט און זיין אַ גאַסט ביי באָריס אַרקאַדיעוויטש אין זיין ניי־געבויטן יידישן פאַבריק־שטעטל, ווו יידישע שרייבער קומען אַהין, ווי אין אַן אייגענער היים. דערביי לאָזט זיך גלייבן, אַז ער, דער גרויסער י. ל. פרץ, וועט אויך זיין דער גאַסט פון מענדל עלקין. פרייען זיך דערמיט באַצייטנס ווייב און טאָכטער. זי, די בת־יחידה זיינע, איז דאַן געווען אַ יונגינקע מיידעלע, וואָס האָט געשפּילט פּיאַנאָ.

און געווען איז עס אויף דער שוועל פונעם פאַטאַלן יאָר 1914.

רחל מרגולין

פליקס שפירא

פליקס (שרגא פייבל) שפירא, שהתפרסם בשנים האחרונות כמחבר המילון העברי־רוסי הראשון, שיצא לאור ברוסיה הסוביטית, נולד לערך בשנת 1879 בבוברויסק לאביו אריה ליב שפירא, שהיה מלמד ולאחר מכן מורה בחדר המתוקן „תושיה״. בנעוריו למד שפירא בחדרים ובישיבות, אף סיפר לי שנסמך לרבנות.

כבן 17 יצא שפירא לקיוב, היה אֶכסטרן, שימש בהוראה עברית, קיבל תעודת בגרות ונכנס למחלקת המשפטים באוניברסיטה בפטרבורג. בפטרבורג למד בבית־הספר היהודי, היה קרוב לחוג הברון גינצבורג, השתתף בעבודת „חברת מפיצי ההשכלה״, ונשלח מטעם החברה לפקח ולמסור דו״ח על הנעשה במער־כות החינוך. כמה מאמרים שלו התפרסמו ב„וֶסטניק״ של „חברת מפיצי ההשכלה״. בפטרבורג נשא שפירא לאשה את מינה ווייס מגרוֹדנה.

לאחר מכן הוזמן שפירא לאחת מערי קאוקאז לנהל גימנסיה ציבורית יהודית־רוסית, שעברה בהש־פעתו במשך הזמן לשפה העברית. עם השתלטות המשטר הסוביטי בקאוקאז נסגרה הגימנסיה. על שפירא הוטל לנהל מוסד לילדים עזובים. הוא אירגן במוסד בית־מלאכה שהתמחה בעשיית מכשירי לימוד שונים. בשנות העשרים השתתף המוסד בתערוכה ארצית במוסקבה. המוצגים משכו את תשומת לבה של קרופס־קאיה (אשתו של לנין) ושפירא נקרא למוסקבה לארגן בית־מלאכה למכשירי לימוד, שהיה קשור עם משרד החינוך הממשלתי. בתפקידו זה שימש עד פרוץ המלחמה ב־1941.

עם קום מדינת ישראל הוזמן שפירא לעבוד בתור מורה לעברית במחלקת משרד החוץ הקשורה עם מדינת ישראל. הוא כתב אז מכתב לועה״פ המרכזי של המפלגה הקומוניסטית וביקש רשיון להכין מילון עברי־רוסי. לאחר שנתקבל הרשיון התקשר בחוזה עם החברה הממשלתית להוצאת מילונים לשפות זרות. אז גם החל ללמד עברית קבוצת סטודנטים מצומצמת (כ־4 אנשים) באוניברסיטת מוסקבה. הוא הזמין אותי לקחת חלק בעבודת המילון, כן עבדנו בהכנת ספר לימוד השפה העברית (שלא יצא לאור). עבודתנו המשותפת נמשכה כשמונה שנים, ביסוד המילון הונחו המילונים של מאיר מדן ושל א. אבן־שושן. שפירא נפטר בה׳ באלול תשכ״א (17.8.61). המילון, שעריכתו נעשתה על־ידי המזרחן ב. גראנדה, היה מוכן כבר כולו, מסודר בכרטיסיה, ושפירא אף הספיק לעשות הגהה ראשונה בדפוס.

המילון יצא לאור ב־1963, הוא מכיל כ־28.000 מלים, בתחילה התכוננו להוציאו ב־200.000 טפסים, משום שהזמנות רבות מאד הגיעו להוצאה־לאור, אולם לאחר מכן הסתפקו ב־25000 טפסים.

צאתו של המילון לאור היה בה משום חידוש רב. לאחר עשרות שנים של חרם יצא לראשונה בברית־המועצות מילון עברי, מילון „בשפה הידועה בפי הבלשנים הסוביטיים כשפה העברית העתיקה והמש־משת עתה כשפתה הרשמית של מדינת ישראל״ (מתוך פתח הדבר למילון). המילון משמש גם מצבת־זכרון למחברו, אחד מחובביה הצנועים של השפה העברית, ששמר לה אמונים בשנות יגון וסבל, וזכה אולי לשמש מבשר ראשון לימים טובים יותר שיגיעו לה בארץ בה נולדו מנדלי מוכר ספרים, ביאליק ושאר בוני הספרות העברית החדשה.

אהרן פישקין

נח גוֹרליק

אמי, זלדה למשפחת ריבקין, עליה השלום, היו לה שני אחים, אשר, כסגולה נגד עבודת־הצבא בימי הצארים, הרכיבו לעצמם שמות־משפחה חדשים ונפ־רדים. האחד, יעקב דוינא, היגר לאמריקה ושם הקים לו משפחה; והאחר, יחיאל־אייזיק גורליק, נשאר והקים לו משפחה בבוברויסק.

דודי יחיאל־אייזיק היה מורה, מלמד. על הרוב היה עוסק בשיעורים פרטיים, ליחידים ולקבוצות, והפרנסה בבית היתה מצומצמת. אלא שאשתו, רחל, אשת־חיל היתה והיא עסקה בעיסוקים שונים כדי להרויח ולהשלים את החסר למחית הבית. בקיץ, למשל, היתה חוכרת גן־פירות, כדרך שנהגו יהודים רבים אחרים — לחכור גני־פירות מגויים בבוברויסק ובסביבותיה. לרוב היתה להם גם פרה או עז והחלב היה מצוי בבית. אף ירק היה מצוי על שולחנם. היה להם בית קטן על שטח אדמה נרחב למדי, מעבר לבית־העלמין היהודי הישן, הרחק משאון העיר והמונה, בדרך לבית־הנתיבות המרכזי של בוברויסק. בכל קיץ היתה מקפידה על כך שהשטח כולו ייזרע תפוחי־אדמה ו„שאר ירקות", כדרך שנהגו יהודים רבים אחרים שהיה להם שטח אדמה כלשהו ליד הבית. וכך התפרנסו איך שהוא, עד שהילדים גדלו והחלו להתפזר איש לעברו.

דודי יחיאל־אייזיק איש משכיל היה ומשך גם בעט סופרים. מפעם לפעם היה מפרסם רשימותיו ב„הצפירה". זכורני, פעם נזדמנה לידי חוברת כתובה בכתב־ידו על תורת השחמט, והחיבור כולו כתוב בחרוזים, כיד המליצה הטובה על משכילי העם באותם הימים. אם איני טועה, היה זה נסיון ראשון לחבר חיבור על משחק השחמט בעברית.

בולמוס זה של כתיבה ירשו ממנו כמעט כל הבנים והבנות. הבן הגדול, אהרן גורליק, איש הס.־ד., היגר לבסוף לאמריקה ושם פירסם ספר זכרונותיו „שטורעמדיקע יאָרען" („שנים סוערות". פרקים ממנו מתפרסמים בספר זה). אך יותר מכולם הצטיין בלהט כתיבתו הבן הצעיר נח גורליק.

בן־דודי זה גדול היה ממני בשנתים־שלוש *, ואולי גם יותר מזה. היה זה בחור גבוה, רזה, קוי פניו דקים ועדינים. כדרך רוב בני היהודים באותם הימים לא היתה לו שום התעסקות מיוחדת. הוא לא ידע שום מקצוע, ורוב הימים והלילות עסק בכתיבה. ועיקר כתיבתו — שירים. הוא כתב בלשון אידיש. ועד מהרה התחיל לפרסם את יצירותיו בבמות שונות. לגדולים ולקטנים. לא תמיד היה חותם על יצירותיו המודפסות את שמו המלא, ופעם, זוכר אני, חתם אחד משיריו, בקובץ למבוגרים, בשם נ. ברענדערסאָן.

נח זה היה בבוברויסק ילד־השעשועים של חוג האידישאים. סופר שהיה מזדמן בבוברויסק היו מציגים אותו לפניו ונח היה קורא בפניו את שיריו. כך, זוכר אני, נזדמן פעם לעירנו הסופר פרץ הירשביין. הציגו לפניו את נח והשנים בילו יחד שעות וימים. ביקורו של סופר מפורסם בבוברויסק היה, כמובן, חג לעיר כולה. אולם לנח בן־דודי היה דבר כזה בבחינת חוויה נפשית עמוקה, באשר הוא עצמו לא יכול היה, משום האמצעים הדלים של הוריו, להרשות לעצמו לצאת אי־פעם לכרך, לוארשה למשל, היא המטרופולין של הספרות האידית בימים ההם.

אכן, בכל לבו שאף לצאת לזמן־מה מבוברויסק, לשאוף אוירה של הספרות האידית בכרך הגדול; הוא גם שאף להרחיב את השכלתו, אך הדבר נמנע ממנו. הבחור שאף לפרוש כנפים, אך המציאות האפורה והקשה כבלה אותו. והדבר, כמובן, השפיע עליו השפעה מדכאה. מר־נפש היה ולרוב מרוגז. בידור ומרגוע היה מוצא לו פעמים במשחק השחמט, שאהב אותו מאד. תכופות היה מבלה בביתנו במשחק זה שעות על שעות. משחק היה אתי או עם אחי הגדו־לים ממני. אך גם את משחק השחמט היה מסיים פעמים מתוך רוגז ועצבנות. עם כל הפסד נדמה היה לו, כי קרוב היה דווקא לזכות... כן במשחק השחמט וכן — בחיים.

פעם אסרה אותו המשטרה בבוברויסק כחשוד בהשתייכות לאגודה מהפכנית, כמאסרים רבים אחרים

---

* לפי ה„לעקסיקאָן" של ז. רייזען, נולד ב־1893.

באותם הימים של רוסיה הצארית. אסור היה ימים אחדים. אך יותר מן המאסר עצמו השפיע עליו דבר החרמת כתביו על ידי המשטרה. דבר זה כמעט הוציא אותו מדעתו, וזמן־מה התהלך כמוכה שגעון־הרדיפה: נדמה היה לו, כי כולם מתנכלים לחייו, זוממים להר־עילו, ואפילו בבית הוריו חשש לנגוע באוכל.

מן הבמות השונות בהן הדפיס בן־דודי זה מיצי־רותיו, זוכר אני רק את הירחון לילדים בשפת אידיש „גריניקע בוימעלאַך". בירחון זה פירסם מעשיה ארוכה בחרוזים „דער סוחר מיטן בער" („הסוחר והדוב")*. שיר אחר שפירסם בירחון זה היה שיר־הגשם „טריפּט אַ רעגנדל" (המובא בסוף הרשימה הזאת). מנגינה לשיר זה חיבר הקומפוזיטור ליווֹשיץ, מי שחיבר את המנגינה לשירו הידוע של מוריס רוזנפלד „מיין ייִנגעלע" („נערי"). בשנותיו האחרונות התגורר נח גורליק במוסקבה ובמינסק. במינסק השׂ־תתף בעתונות האידית הסוביטית והוציא שני קבצי שירה: „קינדער־לידער" (1928) ו„יוגנט־לידער" (1929).

בימי הבולשביקים התגורר נח במוסקבה ואחרי כן במינסק. ידיעה אחרונה עליו קיבלתי מאחי במוסקבה. במכתב מיום 22 במרץ 1961 הוא מודיע לי כי נח גורליק שלנו ברח בשעתו ממינסק מאימת קלגסי הנאצים ולא חזר אליה עוד. עקבותיו לא נודעו עד היום. ודאי נספה אי־שם כאלמוני יחד עם אלפים ורבבות אלמונים אחרים, שנספו בימי השואה בידי צוררי עמנו.

בכך נסתיימו, סיום טרגי ביותר, חייו של נח גורליק.

* יצאה לאור בחוברת מיוחדת בחארקוב 1918.

נח גאָרעליק

טריפּט אַ רעגענדל...

טריפּט אַ רעגענדל,
טריפּט אַ רעגענדל:
קאַפּ, קאַפּ.
אין די שייבעלאַך,
אין די דעכעלאַך:
קלאַפּ, קלאַפּ.

און די פויגעלאך
מיט די הינדעלאַך:
ציפּ, ציפּ.
צו די סטרעכעלאַך,
צו די בוימעלאַך:
היפּ, היפּ.

נאָר די קינדערלאך
אויפן רעגענדל:
האָפּ, האָפּ,
אין דעם לויטערן,
קלאָרען וואַסערל:
שליאָפּ, שליאָפּ.

טריפּט דאָס רעגענדל,
מיט די טראָפּעלאַך:
טיאָך, טיאָך,
און די קינדערלאַך
אויפן רעגענדל:
אָך, אָך!

אוים דאָס רעגענדל,
שיינט אַ זונעלע:
שיין, שיין,
נאָר די קינדערלאַך
אַלץ אין וואַסערל:
פּיין, פּיין!

(„גרינינקע בוימעלאַך", נומער 8, מאַי 1914)

הענעך שוועדיק

המשורר היהודי־סוביטי הענעך שוועדיק נולד בבוברויסק בשנת 1914, בן למשפחה אדוקה. קיבל חינוכו בבית־ספר סוביטי. בהיותו כבן 17 נסע עם אחיו חיים לבירוביג׳אן והתגורר שם באחת הקומונות



הענעך שוועדיק

שקמו בטייגה הסיבירית. לאחר שאחיו איבד עצמו לדעת עקב אהבה נכזבה חזר המשורר למינסק ולמד שם בפקולטה הספרותית של המכון הפדגוגי ע״ש גורקי, השתתף בעתון הבילורוסי „פיונר בילורוסיי״ והיה עובד מדעי במכון לשפה וספרות של האקדמיה הבילורוסית. החל לכתוב שירים בהיותו נער, ב־1929. ב־1934 יצא ספר שיריו הראשון „סטארט״, שנה לאחר מכן — הפואמה לילדים „אונדזער דזשים״, המתארת את סבלות הכושים המנוצלים במטעי הגומי באפריקה. ב־1939 יצא ספר שיריו „לידער״.

בשיריו משתקפים מוראות שנות מלחמת־האזרחים (ר׳ שירו „וואָס געווען איז אין מיין היימשטאָט״, שער י״ג), הניתוק מעולם המסורת הישן, שבו עברה ילדותו בבית אבא (ר׳ שירו „שטיל, נאַכט״, בעמוד זה), מותו הטראגי של אחיו האהוב וחוויות בירובי־ג׳אן. למרות כל מה שעבר עליו היה המשורר הצעיר מלא שמחת חיים.

ווייל ביז וואַנען איך לעב — איז דאָ קאַמף, איז דאָ מוט.\
און אין לעבן און קאַמף איז דאָס לעבן מיר גוט.

עם פלישת הנאצים לברית־המועצות גויס לצבא. כתב שירי חזית ומלחמה (שכמה מהם נתפרסמו לאחר מותו בקובץ „צום זיג״, מוסקבה 1944). נפל חלל בשדה־הקרב בחזית בריאנסק ב־11 בנובמבר 1942.

הענעך שוועדיק

לידער

* *\
*

שטיל, נאַכט.\
אַ שוואַרצער שאָטן אויפן וואַנט —\
מיין טאַטע דאַוונט.\
קלאַפּט מיט גרויסן פויסט אין האַרץ,\
שאָקלט זיך און בייגט זיך פרום צום דיל\
און דאַוונט...\
איך קוק, און פלוצלינג ווערט מיר אַזוי שווער,\
עס דריקט די נאַכט מיין יונגן אַקסל.\
מיר דאַכט —\
מיין טאַטע ציט מיך צו דער ערד,\
ער לאָזט ניט שטייגן מיר, ער לאָזט ניט וואַקסן.

און פלוצלינג זע איך: ניט מיין טאַטע איז עס,\
דאָס האָט דער טויט זיך פרום צעשאָקלט.\
כ׳פאַרשטשעמע ציין, פאַרוויקל אים אין טלית,\
און האַסטיק וואַרף איך אים אין שלינגענדיקן אָפּגרונט.\
עס פאַלט, עס פליט, און ס׳ווערט מיר אַזוי גרינג, —\
אין וויג אין לעצטן וויגן זיך די שאָלן.\
כ׳צענעם די הענט —\
ס׳איז פריי.\
מיין טאַטע קייקלט זיך אַ שטומער אינעם אָפּגרונט.

(„סטאַרט״, מינסק 1934)

ביים פענצטער

איר הערט, ווי די יידישע דיכטונג רופט,
ווי אונדזערע לידער בעטן:
— ברידער דיכטער, גיכער אויף!
מע מוז די דיכטונג רעטן! —

עך, פארלארן האב איך א סך,
צו פיל האב איך פארלארן,
נאענט שוין, נאענט דער אויפדערנאכט,
מונטערע ציגן פארן.

איך שטיי בא דעם פענצטער, —
די זון לעשט זיך אויס.
וויקלען זיך, וויקלען זיך פאנען,
און בלאס, און פארדייגעט, און שטיל שווימט
ארויס
און פאדערט נקמה, און יאגט מיך פארויס
מיין אלטיטשקער מאמעס פנים.

(„צום זיג“, מאסקווע 1944, זייט 60)

עס קרייען הענער

וואס איז טרויעריקער, וואס איז שענער,
וואס קאן דעם הארץ זיין מערער נאענט,
ווי דער פלוצלינגדיקער קריי פון הענער
אויפן סאמע מיטן פראנט.

צווישן הארצרייסנדן פייף פון מינעס,
צווישן קנאלנדער הארמאטן־שטים
קלינגט דאס קרייען דא אינמיטנדרינען
אזוי הארציק, אזוי אינטים.

וואס טויג מיר ס׳ליד פון סאלאווייען
און פלייטן־פייף, און פידל־שפיל,
אויב דאס הייזעריקע פראסטע קרייען
וועקט אין מיר אזא געפיל,

אז נאר פארויס דאס הארץ עס בעט זיך,
אי דורך פייער, אי דורך בלוט,
צו דעם ווייסרוסיש־יידיש שטעטל,
ווי געוועזן איז מיר גוט...

וואס איז טרויעריקער, וואס איז שענער,
וואס קאן דעם הארץ זיין מערער נאענט,
ווי דער פלוצלינגדיקער קריי פון הענער
אויפן סאמע מיטן פראנט.

(„צום זיג“, זייט 61־62)

סארא קאהאן *

לידער

באברויסקער מעלוכישע ניי־פאבריק

פענצטער העל באלויכטענע, ווי אויגן קלארע, פלאמיקע,
איר האט היינט א ליכטיקייט צעצונדן אין מיין בליק.
אפגעווישט די שילדן: „מענערישע, דאמעשע“
האבן דיינע פייערן, ריזיקע פאבריק.

איך קוק ווי א צעטומלטע, מיט אויגן
צוגעזשמורעטע,
און כ׳וואלט פארבלענדט פון פייערן,
פון לויטערקייט,
פון שיין,
און פלוצלינג — עס דערמאנען זיך
לעמפעלעך אמאליקע,

---

* א באברויסקער יידיש־סאוויעטישע פאעטין (זע ז׳ 210).
איר ערשטע זאמלונג לידער „אין וועג“ איז ארויסגעגעבן
געווארן אין יאר 1934 אין מינסק.

וואָס האָבן אויגן מיידלשע
געטונקלט אָן אַ צייט.

איצט ציען זיך פאַלאַנגעסווייז
חברה — יאַטן פריילעכע

פון אויף וואַכטעם אינדערפריאיקע אין זייער נייער היים,
דערמאָנען זיך מיר נייטערקעס,
מיט רוקנס אויסגעבויגענע
פון אַרבעט פופצנשעהיקער, אין ווענט פון נאַסן ליים.

(„אין וועג“, מינסק 1934, זייט 12)

אין שיפל

דו בעריאָזע, בעריאָזע מיין פריינט,
האָסט דערמאָנט מיר אַזוי פיל דאָ היינט!
וויל איך זינגען, דיר זינגען ביז טאָג,
וויפל לידער מיין האַרץ נאָר פאַרמאָגט.

מיר שווימען אין שיפל באַצווייט,
ס'האָבן וועסלעס דאָס וואַסער געדרייט,
און דאָס וואַסער איז קלאָר און איז טיף,
טוט אַ יאָג זיך צום שיפל, אַ שטיף.

פאַלט מיין אויג אויף די הענט צו מיין פריינט,
זיינע הענט זענען ברוינער נאָך היינט,
איילט מיין אויג, פול מיט פרייד, שוין צוריק,
נאָר ס'דעריאָגט און פאַרהאַלט עס אַ בליק.

שטייט אין פרייד איצט אָן אויג קעגן אויג,
ס'גיט מיין פריינד זיינע וועסלעס אַ לייג...

שווימט דאָס שיפל אָן וועסלעס אַליין...
ס'הייבט אין הימל די זון אָן פאַרגיין.

כישראל פישמן יתרגם תרגום שלא לשמו. הוא תירגם לעברית ספרים כמו „בביט״ ללואיס סינקלר, „רעב״ ליוהאן בויאר, „אני רעב״ לגיאורג פינק וכדומה. הוא תירגם גם ספרים רבים לבני הנעורים ולילדים, כמו „אי המטמון״ לר. ל. סטיבנסון, „מלחמת העולמות״ לה. ג. ולס, „האסופית״ לל. מ. מונטגומרי, „היידי בת האלפים״ לי. ספירי ואחרים. התרגום הוא לו עבודה וגם מקור של חיות וחדות יצירה, חופר הוא וחותר במכמני הלשון העברית וחושף מדי פעם מטבעות־לשון יקרות ונוצצות.

בצנעה חיו השנַים ובצנעה עבדו, אך ביתם הצנוע בתל־אביב שימש פינת שלוה וחמימות לכל באיו, ידידים ומכרים טובים, בהם סופרים ואנשי־רוח, כמו אבא אחימאיר, ידידם עוד מבוברויסק, הסופר נתן גורן (גרינבלט) ואחרים. כאן, בתל־אביב, היו מבאי בתיהם של דוד שמעוני וברל כצנלסון, אשר ידידותם נמשכה עוד מימי בוברויסק.

היא נפטרה בא׳ בחשון תשי״ח (1957), בת 63, והוא נפטר חמש שנים לאחריה — בג׳ בחשון תשכ״ג (1962), והוא כבן 77. הניחו שתי בנות, שולמית ורות, אשר הקימו להן משפחות, הממשיכות במסורת המפוארת של ההורים — אהבה עזה ודבקות בערכי העם והארץ.

צבי נדב

צבי נדב (הלפרין), אחד מחברי „השומר״ הותיקים, היה בן בוברויסק. אם כי נולד בחודש טבת תרנ״ב (דצמבר 1891) במושבה „עין־זיתים״ (ע״י צפת).



צבי נדב

לאחר שנכשלה ההתישבות בעין־זיתים חזרה משפחתו לרוסיה, ובבוברויסק עברו עליו שנות ילדותו הראשונות. את חינוכו קיבל בגימנסיה רוסית בשאוולי (ליטה). בעודו נער הצטרף לתנועת „פועלי־ציון״ ובאווגוסט 1906 עלה ארצה, והוא נער כבן 15 שנה. הוא הצטרף לפועלים העברים במושבות הגליל התחתון והיה בקבוצת החברים שייסדה בפסח תרס״ט (1909) את „השומר״. כחבר „השומר״ השתתף בקבוצת הפועלים שקיבלה על עצמה לעבד בשנת תר״ע (1909 — 1910) את אדמת אום־ג׳וני, עליה הוקמה שנה לאחר מכן קבוצת דגניה. בשנת 1911 היה בין כובשי אדמת מרחביה ובשנה שלאחריה צורף לאנשי „השומר״, שקיבלו עליהם את שמירת חדרה.

צבי נדב למד על בורייה את השפה הערבית המדוברת ואת אורח חייהם, מנהגיהם ונימוסיהם של הפלחים והבדואים בארץ, והיה בין הבולטים בחבורת „השומר״ בימים ההם. בסתיו תרע״ד (1913) נשלח ל„תל־עדשים״, שהיה אז כפר ערבי בעמק יזרעאל, בו עמדו אנשי „השומר״ להקים מושב חקלאי משלהם.

עם פרוץ מלחמת־העולם הראשונה התנדב צבי נדב בשליחות „השומר״ ל„באקצ׳י״ (נוטר) והוטל עליו לשמור את עמודי הטלפון באיזור טבריה. אח״כ שימש מנהל המשק בתל־עדשים, ולאחר שחלה בקדחת — נשלח להבראה ליהודה. אירגן את השמירה ברחובות ופעל להקמת כוח־מחתרת מזוין למקרה שהשלטון התורכי יתרופף וסכנה תהיה נשקפת לישובים היהודים.

בתקופת הרדיפות על הישוב, שבאו עם התגלות רשת הריגול של ניל״י, נאסר צבי נדב, ולאחר כמה חדשי מאסר בדמשק, נשלח לעבוד עבודת־כפיה במסילת־הברזל באיזור טראפזונט, סמוך לחזית הרוסית־התורכית בדרום קאוקאז. צבי נדב ברח ממחנה האסירים, עבר את קוי החזית והגיע דרך טיפליס לאודיסה. באודיסה לקח חלק בשנת 1919 בהגנה היהודית. בספטמבר 1919 חזר לארץ־ישראל.

מיד עם חזרו ארצה הצטרף נדב לפעולות ההגנה. הוא היה בין הראשונים שלמדו נהגות בארץ והעביר נשק במכוניתו לכל מקום שהיה צורך בכך. בחורף

תר"פ (1920) היה חבר ועד ההגנה בירושלים ובין מארגני ההגנה בפרעות פסח תר"פ (1920). בקיץ תר"פ (1920) הצטרף עם קבוצת חברי „השומר" לשעבר ל„גדוד העבודה ע"ש יוסף טרומפלדור", והיה חבר ועד הגדוד הראשון, וממדריכיו בשימוש בנשק ובהגנה. בראשית אדר ב' תרפ"א (מרס 1921) נבחר כמועמד לועד ה„הגנה" הארצי הראשון. במאורעות מאי 1921 השתתף בהגנת תל־אביב. לאחר מכן שימש כמפקד ההגנה בעין־חרוד ומשם עבר לכפר־גלעדי. בימי מאורעות תרפ"ט (1929) שימש מפקד שכונת חליסה בחיפה ולאחר מכן נשלח לפקד על הגנתם של קיבוץ גשר ונהריים.

בשנות השלושים היה צבי נדב ממארגני „הפועל" וממייסדי „מועדון התעופה", ששימש צעד ראשון להקמת תעופה יהודית. ערך שנים רבות את הירחון הטכני „טכניקה ומדע".

צבי נדב היה מחונן בכשרון הסיפור, וזכרונותיו על ימי השמירה וההגנה יש בהם ענין רב לחקר התקופה ודמותה. זכרונות אלה באו בקובץ „השומר" ובשני ספרי זכרונותיו „מימי שמירה והגנה" (תל־אביב 1954) ו„כך התחלנו" (תל־אביב 1958).

הוא נפטר בכ"ז אדר א' תשי"ט (1959) והובא לקבורות בחלקת חברי „השומר" בכפר־גלעדי.

אבא אחימאיר

אבא אחימאיר, עתונאי וסופר, איש התנועה הרביזיוניסטית ואחד מהמשפיעים על הנוער הרביזיוניסטי בשנות השלושים, נולד בז' בחשון תרנ"ח (1897) בכפר דולהי שעל־יד בוברויסק. אביו, יצחק אייזיק גייסינוביץ, סוחר־יערות עשיר, משכיל, חובב עברית,



אבא אחימאיר

אבל לא ציוני, הזמין מורים פרטיים ללמדו עברית ולימודים כלליים. ב־1905 עברה המשפחה להתגורר בבוברויסק. אבא למד ב„חדר המתוקן", ולאחר שעבר ללמוד בגימנסיה הרוסית המשיך בלימודיו העבריים מפי מורים פרטיים, בהם יצחק אייזיק גורפינקל, חובב־ציון נלהב, והמשורר דוד שמעונוביץ.

ב־1912 (ערב סוכות תרע"ג) עלה אבא אחימאיר ארצה ולמד שנתיים בגימנסיה „הרצליה" בתל־אביב (מחזור ד'), והיה מקורב אז לברל כצנלסון. עם פרוץ מלחמת־העולם הראשונה חזר לרוסיה וסיים שם את הגימנסיה ב־1918. הוא היה פעיל בתנועה הציונית בבוברויסק, והרצה בפני הנוער על החיים בא"י. במאי 1917 השתתף כציר מטעם „צעירי־ציון" בבוברויסק, בועידה הציונית השביעית של ציוני רוסיה בפטרוגראד, ובועידה השניה של „צעירי־ציון" שהתקיימה לפניה. בימים ההם דבק באידיאלים הסוציאליסטיים ששררו בקרב הנוער היהודי־רוסי ושילב אותם ברעיון הציונות החלוצית. לאחר הועידה נסע לבאטום שבדרום־מערב קאוקאז ועבד שם במטעי ההדרים לשם הכשרה לעליה לארץ־ישראל. שם חלה בקדחת ונאלץ לחזור לבוברויסק. בשנת 1918 למד אחימאיר במחלקה ההיסטורית־פילולוגית באוניברסיטה בקיוב. באביב 1919 נפל אחיו האהוב מאיר בקרב בין הצבא האדום לבין הפולנים בסביבות לידה והובא לקבורה במינסק. לאחר זמן שינה אבא את שם משפחתו לזכר אחיו זה — „אחימאיר". בשנים אלה בא תוך הסתכלות בשיטות הטרור של השלטון הסוביטי לכלל התנגדות חריפה לסוציאליזם, שבו ראה את שורש הרע, התנגדות שהלכה והחריפה במשך השנים שלאחר מכן.

בקיץ 1920, בשלהי השלטון הפולני בבוברויסק, יצא אחימאיר את רוסיה. הוא הגיע לליֶיג' שבבלגיה, למד שם באוניברסיטה וסבל מחסור ורעב. ב־1923 היה מורה לעברית בוירבאלן שבליטה. אחר־כך סיים את לימודיו בוינה וקיבל שם ב־1924 את התואר דוקטור לפילוסופיה על יסוד הדיסרטציה

"Bemerkungen zu Spengler's beffassung Russlands"..

לאחר מכן עלה לארץ־ישראל.

בשנותיו הראשונות בארץ־ישראל עבד כפועל וכמורה בזכרון־יעקב, גבע, נהלל ומקוה־ישראל. היה חבר מפלגת „הפועל הצעיר" (1924—1928). השתתף ב„קונטרס", ב„הפועל הצעיר", ב„דבר" וב„הארץ", אולם לא קיבל את הכיוון הפוליטי של תנועת הפועלים ובמהרה רחק ממנה. היחס הסביל של ההסתדרות הציונית כלפי הקיצוץ השיטתי והמתמיד של ממשלת המנדט בזכויות עם ישראל על ארצו הביא אותו להצטרפות למפלגה הרביזיוניסטית, שאת יוצרה ומנהיגה זאב ז'בוטינסקי הכיר אישית בהיפגשו עמו בוינה בעת לימודיו בעיר זאת. אבא אחימאיר השתתף בהנהגת המפלגה הרביזיוניסטית בארץ ויצג בה את האגף הקיצוני ביותר, המכסימליסטי, שתבע יציאה מההסתדרות הציונית לשם רכישת חופש לפעולה מדינית תקיפה יותר. הוא היה בין העורכים והמשתתפים בעתונות הרביזיוניסטית, ב„דואר היום" וב„חזית העם". יסד ארגון מחתרת בשם „ברית הבריונים", שחבריו היו ראשונים לפעולות אנטי־בריטיות. כבר בשנים ההן השתמש כלפי הבריטים בביטוי „אוקופנטים" ותבע מן הנוער מהפכנות לאומית במקום מהפכנות סוציאליסטית.

בחול־המועד סוכות תרצ"א (1930), בעת ביקורו של סגן מזכיר המושבות הבריטי שילס בתל־אביב, ערך אחימאיר נגדו הפגנה בתל־אביב ובשל זה נאסר בפעם הראשונה בארץ, אחר־כך נאסר עקב פעולתו נגד מיפקד התושבים, שערכה ממשלת המנדט בסוף 1931.

בקיץ 1933, לאחר שד"ר חיים ארלוזורוב נרצח על שפת ימה של תל־אביב, נאסר אבא אחימאיר, יחד עם אברהם סטבסקי וצבי רוזנבלט, כחשוד בארגון הרצח. בעת החיפושים בביתו ובדירות חבריו נתגלה גם ענין „ברית הבריונים". בקשר עם האשמות אלה ישב אבא אחימאיר למעלה משנתיים בבית־הכלא, עד ששוחרר ב־1935.

אבא אחימאיר זוכה מכל אשמה בקשר עם רצח ארלוזורוב, אך ענין זה של האשמת־השוא לא פסק מהטרידו עד יומו האחרון. בדבריו שכתב ובשיחות בעל־פה על נושא כאוב זה לא פסק מלדרוש ומלהתחנן למען בירורה מחדש של כל הפרשה, כדי שהאמת תצא סוף סוף לאור.

לאחר שחרורו פרש מעבודה ציבורית והתמסר לעבודה ספרותית־מדעית ולכתיבה בעתונות, כשהוא מפרסם בקביעות מאמרים ורשימות על נושאים של מדיניות פנימית וחיצונית, ביקורת ספרותית ואמנותית והיסטוריוזופיה — בעיקר ב„הירדן" וב„המשקיף" — עתוני התנועה הרביזיוניסטית, בחתימת שמו או בכינויים: אבא סיקרא, אב"ג, א. גיא, א. מערבי, א. שמאי, אבישי, אבא־אריכא ועוד. כן עסק במחקרים היסטוריים בתולדות ישראל והעמים, שנאספו בספריו „עם קריאת הגבר" (1957), „יודאיקא" (1960). ב־1946 יצא ספר רשמיו מימי שבתו בבית־הסוהר בשם „רפורטאז'ה של בחור־ישיבה".

אבא אחימאיר היה מעובדי המערכת החשובים של „האנציקלופדיה העברית" וכתב למענה עשרות רבות של ערכים בתולדות הספרות וההיסטוריה הרוסית, תולדות ארצות אירופה, וכן בנושאים הנוגעים לסוציאליזם, ליהודי רוסיה, לציונות ועוד. בין כתבי־היד שהותיר אחריו הספר „אקדמות לתולדות המהפכה הרוסית", שהיה צריך להיות כרך א' לספר גדול בשם „מרוסיה לסוביטיה". בשנותיו האחרונות כתב א. אחימאיר בין היתר פרקי זכרונות על בוברויסק, שנשאו כותרת כוללת — „אטלנטידה או עולם ששקע". פרקי זכרונות אלו נתפרסמו בעתון „חרות".

אבא אחימאיר נפטר לפתע מהתקפת־לב בד' בסיון תשכ"ב (6.6.1962) בתל־אביב. לכתביו ולמאמריו של א. אחימאיר היתה השפעה רבה על הנוער הרביזיוניסטי, ועל עיצוב דמותם ושיטות פעולתם של „הארגון הצבאי הלאומי" (האצ"ל) ושל „לוחמי חירות ישראל" (הלח"י).

י. מרגולין

אבא אחימאיר

בין כל יוצאי בוברויסק אשר רשמו את שמם בתולדות הציונות בתקופה הטראגית של המשבר בחיים היהודיים — אבא אחימאיר הוא אחד מהנאמנים ביותר, מן המסורים ביותר לזכרה של עיר מולדתו. מבחינה מסוימת הוא לא „יצא" אף פעם מבוברויסק ונשאר קשור עמה במעמקי שרשיה של נשמתו המר־דנית.

אף על פי שגאותו — עד סוף ימיו — היתה על התקופה הקצרה בה הקים את „ברית הבריונים", זה הנסיון הראשון של התנגדות פעילה למשטר המנ־דטורי, הנה היה אבא אחימאיר לפי טבעו ואפיו לא עסקן ציבורי ולא מנהיג מדיני, אלא סופר ואיש־הרוח. בתור סופר, הוגה דעות, פובליציסט ומוכיח היה דמות בולטת ובמשך שלוש עשרות שנים מילא תפקיד יחיד במינו בספרות דורו.

דרכו בחיים ובספרות הביאה את אבא אחימאיר למחנה הציונות הלוחמת, אולם השכלתו הנרחבת ונסיון חייו הקנו לו אותה פרספקטיבה אוניברסלית, שהיתה נעדרת לעתים הן אצל ידידיו והן אצל יריביו.

השפעות שונות ומשונות הצטברו בכתביו. אין להבינו ולהעריכו מבלי להביא בחשבון את הרקע הרוסי והאירופי של סופר עברי זה: הספרות הרו־סית והאוניברסיטה הוינאית, המדע ההיסטורי האי־רופי; אך עם זאת שמר ד"ר אבא אחימאיר על עצ־מיותו. הוא היה מאלה שנכנסו לפרדס ולא נפגעו.

מי היה לאומני יותר, שמרני יותר מאבא אחי־מאיר? אולם הלאומנות והשמרנות התגוררו בנפשו בד בבד עם מחשבה חפשית, כנה ואמיצה, שלא הכירה בשום סייג. הלאומני אבא אחימאיר היה הפחות דוגמאטי בין בני דורו, הקנאי אבא אחימאיר היה האינדיבידואליסטן שבהם. בכך סוד הקסם, החן של אישיותו, אותה חש כל מי שידע לגשת אליו, אלא שלא קל היה למצוא את הגישה הנכונה למחשבתו הפרדוכסלית והמיוחדת במינה.

ראשית כל — הוא היה אימפרסיוניסט: ההיפך הגמור לטיפוס הפרופסור היבש חסר משוא־הפנים. מחשבתו של אבא אחימאיר היתה רגשית וסובייק־טיבית. כולו היה — רגש, כולו — לב. הוא התמחה בהיסטוריה, אולם הוא לא היה חוקר שיטתי וראציו־נאלי. הוא — במיטב שורותיו — אמן המחשבה ודבר זה מוצא ביטויו בצורתם החיצונית של ספריו „עם קריאת הגבר" ו„יודאיקה", המורכבים ממאות אפו־ריזמים וקטעים. יש ביניהם פנינים של לירים ואח־דים מהם נקראים כ„שירים בפרוזה".

שנית — יוצא־דופן הוא במחנה השמרנות היהו־דית. הוא הגיע לציונות תוך מחאה נגד תנאי החיים ה„בוברויסקאיים", ולשמרנות — תוך מחאה נגד שגרת התנועה הציונית „הרשמית". דרך זו הובילה אותו אל ז. ז'בוטינסקי, ממנו קיבל את הנוסח החילוני, ולא את הנוסח הדתי של הציונות, ואת חופש הדעות כעיקרון. אולם גם ביחס לז'בוטינסקי שמר אבא אחי־מאיר על עצמיותו. ז'בוטינסקי היה מנהיגו המדיני, אולם הוא לא קיבל את הליברליזם שלו, את הגוון הקוסמופוליטי, זה שאמר כי האידיאל החברתי שלו הוא — אחוַת האנרכיה.

אנו מוצאים את חריגתו של אבא אחימאיר מן המוסכמות בשורה שלמה של השקפותיו — הנוגדות למקובל בעולם היהודי ובחוגים הפוליטיים אליהם היה קרוב. כך, למשל, היה יחסו אל הקתוליות חיובי. הוא הולך במשעולו המיוחד לא רק בשלילת ה„פרוגרס" וה„פרוגרסיביות" בשטחי המדיניות והמוסר, אלא גם בהצבעתו על הסכנה הצפויה לאנושות מהתפתחות המדע. בדרך זו מגיע הוא לספקנות קיצונית, המביאה אותו לכתוב בשער ספרו האחרון: „יותר משהכותב משיב, הוא שואל. — — אין בכוחו לגול את ,האבן' מפי ,הבאר' ואין הוא יודע מה בקרקעיתה של באר זו: מים חיים, חורב ואולי ,נחשים ועקרבים'." זהו המוטו לספרו האחרון וזהו המפתח ל„שירתו של אבא אחימאיר".

בשמרנותו הבלתימסורתית, במלחמה שניהל כל חייו לא רק בסוציאליזם על כל חוגיו, אלא אף נגד הליברליזם השטחי והמרוצה מעצמו בחברה היהודית — הגיע אבא אחימאיר בסוף ימי חייו לפסימיזם עמוק בכל הנוגע ליחסי אנוש. הוא אהב לכנות את עצמו „הריאקציונר הגדול ביותר" בעולם היהודי. ריאקציו־

נרים אמיתיים לא נספחו לציונות, שבישרה את התחדשות החיים היהודיים. הוא לא היה „ריאקציונר", אולם בין הציונים היה הפסימיסט הגדול ביותר. הספרים בהם אסף את חכמת חייו ואת סיכום הגיגיו — „עם קריאת הגבר" ו„יודאיקה" — הם ספרי יגון גדול ועצוב. לא לחינם החכם מכל אדם הוא — לדידו של אבא אחימאיר — קהלת. „האדם — מלמדנו אבא אחימאיר — רע הוא ביסודו". בכך מזדהה הוא עם הוגה־הדעות הקתולי הגדול פאסקאל, אשר כתב ב„הגיונותיו": „כל האנשים שונאים, בדרך הטבע, איש את רעהו".

אולם לאבא אחימאיר היה יתר יסוד מאשר לפאסקאל להגיע למסקנות פסימיסטיות. שלושה זעזועים כבירים עברו עליו בחייו: בצעירותו — המפגש פנים אל פנים עם המהפכה הקומוניסטית ברוסיה המועצתית, אשר הפיגה לתמיד את כל אשליותיו; בבגרותו — בית־הסוהר ושיסוי פראי במולדת; ומאוחר יותר — השואה באירופה. היו אלה שלושה גילויי איבה ושלוש אכזבות, שעליהן הגיב בכל הלהט והרתחנות של אישיותו הלירית.


מאחורי הפובליציסטיקה הפולמוסית והמגרה לרוב בחריפותה, מאחורי המלחמה אותה הכריז על נביאי־השקר של זמננו — הסתתר לב רך ורגיש. הוא לא הפך ל„מורה נבוכים", כדוגמתם של דוקטרינרים, אנשי־ספר רבים, שבעי־רצון ושלוי־נפש. הוא לא חשש לתת ביטוי לאימה של זמננו, שיש בו משהו מאימתם של כל הזמנים, בכך שירותו וערכו כסופר.

ירושתו הספרותית של אבא אחימאיר מצפה עדיין לחוקר ולהערכה שלמה. מנקודת־מבטו ראה רבות מבחינה חדשה. הוא היה מחבב השוואות מפתיעות. הוא יכול היה לכתוב על האנאלוגיה בין סטאלין לבין באביף; או להשוות את חייו וגורלו של ז'בוטינסקי לחייו וגורלו של טרוצקי; או להדגיש את „אָפיים היהודי" של דוסטויבסקי וקירקיגור בניגוד ל„אָפיים הגויי" של טולסטוי, פושקין, גיתה. אין הוא כופה את דעתו, אין הוא נושא האמת המוחלטת, אולם הוא מכריח את קורא דבריו להתעמק ולחשוב.

לא אחשוש לחטוא בהגזמה אם אגיד שבאבא אחימאיר תרמה בוברויסק תרומה חשובה ביותר לאוצר הספרות העברית בת־זמננו.

ישראל קאפעליאַוו

ישראל יחיאל קאַפעליאַוו, געבאָרן אין נאָוועמבער 1858 אין אַ פרומער באַלעבאַטישער פאַמיליע פון



ישראל קאַפעליאַוו

קרעמערס. „זיין פאָטער, יעקב קאַפּל, אַ גרויסער למדן און אַ פאַרברענטער ליבאַוויטשער חסיד, האָט אים געגעבן אַ שטרענג יידישע דערציונג. ער האָט געלערנט פון פיר ביז צוועלף יאָר אין חדר, דערנאָך אין די ישיבות און קלויזן פון סלוצק, שקלאָוו, אויך פאַר זיך אין בית־מדרש און מיטן פאָטער. געווען אַ גרינדלעכער קענער פון תלמוד, תנ"ך, חסידות און קבלה. שפּעטער זיך גענומען צו השכלה. זיך באַקענט מיט דער רוסישער און דייטשער שפּראַך. צוליב מיליטער־דינסט — אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין דווינסק צו אַ קרוב, דעם גביר יודל נאַשאַטיר. דאָרט פאַרבראַכט אַכט חדשים, געקומען אין באַרירונג מיט סאָציאַליסטן, אַליין געוואָרן אַן אפיקורס, סאָציאַליסט און קאָסמאָפּאָליט, און צוליב רדיפות פון דער פּאָליציי, זומער 1882 אַוועק קיין אַמעריקע" (ז. רייזען, לעקסיקאָן). אין אַמעריקע האָט קאַפעליאַוו אַנטייל גענומען אין דער יידישער סאָציאַליסטישער און אַנאַרכיסטישער באַוועגונגען. געווען אַ חבר פון „פּועלי־

ציון". אין זיין בוך „אמאָל איז געווען" (ניו־יאָרק, 1926) „וויזט דער מחבר אַרויס אַ ריין בעלעט־ריסטישן אָדער, וואָס באַלעבט די זכרונות, גיט זיי צו בילדלעכקייט און פרישקייט, אָפּשפּיגלענדיק אַל־זייטיק דעם יידישן לעבנס־שטייגער פון רוסישע שטעטלעך און דערפּער מיט אַ (האַלבן) יאָרהונדערט צוריק" (ז. רייזען). זיינע ביכער „אַמאָל אין אַמערי־קע" (וואַרשע, 1928) און „אַמאָל און שפּעטער" (ווילנע 1932) שילדערן די ערשטע יאָרן פון אַ יידישן עמיגראַנט אין אַמעריקע אין לעצטן פערטל פון 19טן און אין די ערשטע יאָרן פון 20סטן יאָרהונדערט.

קאַפּעליאַוו איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1933. מיר ברענגען אין אונדזער בוך עטלעכע קאַפּיט־לען פון זיינע וווּנדערלעכע זכרונות וועגן דער אַלטער באָברויסק, פון כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק (זע זייטן 233—247).

הלל שמואל מייטין

הלל שמואל מייטין נולד בבוברויסק ב־1870 ונפטר בניו־יורק ב־1947. הוא רכש לו את השכלתו תוך לימוד עצמי והשתלם בלימודי השפות היוונית והלטינית



הלל שמואל מייטין

עד שנעשה מומחה להן. שיטת לימודו המיוחדת של השפה הלטינית, שידיעתה נדרשה בימים ההם מכל לומד בבית־ספר תיכוני, הביאה אליו תלמידים מכל הסביבה. בעזרתו היו עוברים על הקורס של ארבע עד שמונה שנים במשך חדשים מספר. הוא לימד מקצועות רבים אחרים שהיו דרושים לקבלת תעודת הבגרות. רבים מתלמידיו מפוזרים בכל קצווי תבל, במיוחד בארצות־הברית ובמדינת ישראל, ותופשים עמדות רמות, איש איש במקצועו. בשנת 1919 היה עליו לעזוב את בוברויסק עם בני משפחתו לרגל השתלטות המשטר הקומוניסטי בעיר. הוא עבר לוילנה והמשיך בה את עבודתו בהוראה ובכתיבה בעתונות. ב־1925 היגר מייטין לארצות־הברית והוזמן לעבוד במחלקת החינוך של ה„ארבייטער רינג". הוא נודע כעובד מסור למען חינוכם של הילדים ולפיתוח אפקיהם התרבותיים. הוא חיבר מחזות רבים בעלי תוכן חינוכי, שנכתבו למען ילדים, וילדים שיחקו בהם. כן הרבה לתרגם למען העתונות היהודית ונחשב למתרגם הטוב ביותר של שירי פושקין. במיוחד כתב ותירגם דברי שירה למען תחנת השידור היהודית בניו־יורק (M. E. V. D.), שירים המשודרים עד היום בתחנה זו. הוא נפטר בב' אדר תש"ז (22.2.1947).

אהרן גאָרעליק



אהרן גאָרעליק

געבאָרן אין באָברויסק, 1880, אין אַן אָרעמער פאַמיליע פון אַ „מלמד", זיך באַטייליקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין זיין געבורטס־שטאָט.


געקומען קיין אַמעריקע אין 1905. געווען אַ לעדער־אַרבעטער. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געווען טעטיק אין דער „געזעלשאַפט פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד". אין די צוואַנציקער יאָרן באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד. אין 1945 איז אין „איקוף"־פאַרלאַג דערשינען זיין בוך „שטורמדיקע יאָרן", פון וועלכן מיר ברענגען אייניקע קאַפּיטלען אין אונזער בוך.

אהרן גאָרעליק איז געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס אין יאָר 1955. זיין יינגערער ברודער איז געווען דער יידישער פּאָעט נח גאָרעליק (זע זייט 549).

ראובן גוסקין

ראובן גוסקין איז געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע און געוויסנהאַפטסטע טוערס אין דער יידישער סאָציאַליסטישער־ און אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכע ער האָט געדינט מיטן גאַנצן האַרצן — סיי אַלס פשוטער סאָלדאַט און אויך שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן איינער פון אירע גענעראַלן.

ראובן גוסקין איז געבוירן געוואָרן אין באָברויסק דעם 1טן אויגוסט 1887. זיינע עלטערן, יוסף און ראַשע, זיינען געווען אָרעמע פאָלקס־מענטשן. דער טאַטע איז געווען אַ בעל־מלאכה. ראובן האָט זיך געלערנט אין



ראובן גוסקין

„חדרים", אָבער צוליב דער נויט איז ער פרי אַוועק אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַ לערן־ייִנגל ביי אַ סטאָליער. שפּעטער האָט ער זיך אויסגעלערנט שערעריי.

אין זיין היים־שטאָט איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין „בונד" און ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם בונדיסטישן זעלבשוץ קעגן פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען אין האָמעל אין 1903.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, כדי אויסצומיידן אַן אַרעסט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אין דער נייער היים האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער־באַוועגונג. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פונעם באָברויסקער ברענטש 206 „אַרבעטער רינג", וואָס טראָגט איצט זיין נאָמען. ער האָט אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן די „באַרבערס יוניאָן", ווו ער איז געוואָרן אַן אָנפירנדער טוער.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט גוסקין אָרגאַניזירט הילף פאַר זיין היים־שטאָט באָברויסק, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן פון די באָברויסקער א. ר. ברענטש און לאַנדסמאַנשאַפטן.

אַ דאַנק זיין ברויזנדער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט, האָט מען אים אָנפאַרטרויט וויכטיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן אין אַלע צווייגן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע און שפּעטער אויך אַלס פּרעזידענט פונעם אַרבעטער רינג.

אין 1918 האָט דער „אידישער אַקטיאָרן יוניאָן" אויסגעקליבן גוסקינען אַלס פאַרוואַלטער — אַ פּאָסט, אויף וועלכן ער איז געווען ביזן טויט. אונטער גוסקינס פאַרוואַלטונג און אַדאַנק זיין ענערגיע, האָט דאָס יידישע טעאַטער דערגרייכט די העכסטע שטופע פון מאַטעריעלע און קולטורעלע הויכן, וואָס אַ יידיש טעאַטער האָט ווען עס איז דערגרייכט אין אַמעריקע.

ראובן גוסקין האָט הויך געשאַצט יידישע קולטורעלע ווערטן און ער האָט געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַרן יידישן וואָרט, פאַר יידישע קולטור־טרעגער און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיטן יידישן וועזן. ער איז אויך געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט פון יידישן לאַנד — סיי פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און סיי שפּעטער.

זיין פּלוצלימדיקער טויט, דעם 4טן אָקטאָבער 1951, איז געווען אַן אמתער פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער יידישער סאָציאַליסטישער־ און אַרבעטער־באַוועגונג און איבערהויפּט פאַרן יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, ווו זיין פּלאַץ איז פאַרבליבן ליידיק, ווייל ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אים פאַרבייטן.

שער אחד־עשר

זכרונות ומראות

עלפטער שער

זכרונות און בילדער

מרדכי לבנון (בלינקי)

ילדות במרחקים

מעיר מולדתי בוברויסק נשארו לי זכרונות רק משנות הילדות, כי שבועות מספר אחרי ה„בר־מצוה" שלי (בשבט תרס"א) כבר עליתי, ביתר דיוק הועליתי על ידי אמא, זכרה לברכה, ציונית־ציון (בלי מר־כאות) עוד מבית הוריה, לארץ־ישראל, ומאז לא הייתי עוד ברוסיה בכלל.

„מעטים ורעים", כשל רוב ילדי ישראל בני גילי בעיירות רוסיה (ופולין), היו ימי תקופת־החיים הרא־שונה. לא אומנת, לא גן־ילדים, לא בית־ספר מסודר. בזכרוני נשארו רק ה„חדר" „הקטן, הצר והח־מים" על אורותיו ועל צלליו, „הישיבה" של הרב רבי שלמה לנדריש, זכרו לברכה, רבה המנוח של רמת־גן, מורים פרטיים, רובם מתנדבים, לחשבון ולרו־סית — ובשנה האחרונה לפני עלייתנו ארצה — צרפתית, פה ושם מעשה קונדס, תעלול משובת ילדות, ביחידות או בצוותא, אבל לא מולדת, לא טיול, לא שירה, לא חיי חברה מתוקנים. ובבית אפרורית של דחקות ודלות, ואף על פי כן מדי דפדפי בזכרוני ומדי התאמצי לגלות את הרשמים הראשונים מאותם הימים, תתיצב לפני „בעינה ובעצם תומה", בכל זהרה ולבטיה, שירת המשורר על בוקר חייו ונוף יל־דותו („אחד אחד ובאין רואה").

הנה אחד הרשמים הראשונים שנחרתו עמוק עמוק בלבו של הפעוט — והוא אז כבן שש, כבן שבע: תהלוכת חתונה יהודית מתקדמת לאטה לעבר חצר בית־הכנסת של הרב רבי שמריל נח. בראש התהלוכה — להקת ה„כלי־זמר", יהודים מגודלי זקן בבגדיהם הארוכים הכהים ובכובעיהם הקטנים, מנגנים בכינו־רותיהם וחליליהם לשמח חתן וכלה. קצב הנגינה מהיר וכמעט עליז, אם כי ללא כל התאמה עם הצעדה השקטה, הרצינית; אך ה„ניגון", הניגון עצוב, קורע לב. הכינורות והחלילים מיבבים ומתיפחים, והאוזן הזעירה־הצעירה קולטת חיש מהר את הניגון, וכשבא הילד הביתה, ולבו נצבט בקרבו, הוא מטפס ועולה על שולחן קטן בירכתי הבית, מסב את פניו אל הקיר ובוכה בכי מר. חלק מאותו ניגון נשאר תקוע בלב עד עצם היום הזה. זה היה הניגון הבא „לשמח חתן וכלה"...

והנה שורה ארוכה של מגררות קשורות זו לזו מחליקות על השלג, כשבראשה אחת רתומה לסוסים ובה „מוז'יק" (איכר) החוזר אל כפרו אי־שם, אחרי שמכר ל„ז'ידים" (ליהודים), את עצי ההסקה שכרת ביער אשר בסביבת כפרו, ומי גיבור ויעמוד בפני הפיתוי החריף והמגרה של נסיעה גנובה, נסיעת־חינם, במגררה נמוכה זו של ה„גוי", האחרונה בשורה? אם כי קפיצה על המגררה, התישבות בה וירידה ממנה אינן מהדברים הפשוטים כלל ועיקר.

או הנאה רבתי אחרת, תענוג מתענוגי החיים מאין כמוהו. לילות טבת אפלים. הקור „לוהט". החנויות ברחוב הראשי מוארות וחמות. והנה כשחוזרים מה„חדר" הביתה עוברים על פני אחת החנויות הללו ופותחים לפתע פתאום את הדלת לרווחה ועושים „ויברח". הכל בחנות נבהלים ונרעשים, ובעל החנות קוצף, רודף, מחרף, מגדף ושב... בפחי־נפש. ולשמחת ה„חברה" ולאשרה על הצלחת „המיבצע" אין גבול. אמנם איך נאמר שם? „כי לא לעולם חוסן". הנה שיחק לו מזלו לאחד מבעלי החנויות האלה: קל־רגלים זה רץ והצליח לתפוש את אחד „הגיבורים", תפשו ולא הרפה עוד מאתנו. „אבוי למנוצחים". ומן הלילה ההוא והלאה נקרא שמו בישראל, שמו של אותו קל שבקלים, „רץ כצבי", וה„חברה" החליטה פה אחד שעל חנותו של זה יש לדלג, כלומר, צריך לפסוח, ממש כמו שפסח הנגף של מכת בכורות על בתי ישראל במצרים.

ומדי דברי בו, ב„חדר", ביציאת מצרים, בלימוד החומש מפי המלמד בלילי טבת הארוכים, נזכרתי שאני עצמי נהפכתי בימים ההם למלמד; אך לא מלמד דרדקי, כי שומעי לקחי, ביתר דיוק, שומעת לקחי היחידה הלא היתה את, אמא יקרה וחביבה, יהי זכרך ברוך! כן, נזכר אני ב„מנורת המאור", ב„נחלת צבי", בהשתקעותך בימי שבת ומועד בספרי דרוש אלה הכתובים „עברי־טייטש" באותיות רש"י ולא רש"י (לפני כן עברית בודאי, ואילו לא פעם ולא שתים, כדרכך — בזכרוני לא נשאר דבר — על „צאינה וראינה"). לעיון לימוד זה לא היית זקוקה לעזרת מי־שהוא. אולם את לא אמרת די בזאת,

ואחרי יום עמל קשה ומפרך עוד ישבת וקיבלת „שיעור פרטי" בחומש מפי בנך „הגדול", אותם הפסוקים שלמד הוא עצמו באותו יום בחומש מפי „הרבי" ב„חדר". הוי, כמה צמאת לתורה ודעת, כמה כמהת לכל דבר יהודי, וכמה הרבית לדבר באותה בוב־רויסק הרחוקה, בביתנו ובבתי אחרים, ובאיזו הת־להבות ובאיזו השתפכות הנפש — על ציון וירושלים! ואכן לא שקטת ולא נחת עד שעלית והעלית אתך שמה את בניך, אז, לכני 64 שנים!

„צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו", כמובן במבטא האשכנזי ומלעיל. זוהי זמרתם המונוטונית היורדת חדרי בטן (מעין „מארש האבל" לשופן) של בני עניים הלומדים ואוכלים פעם ביום ב„תלמוד־תורה". עתה הם יושבים צפופים ודחוקים על כר־כרות סוסים, ועל ידם — בעלי הכרכרות, העגלונים, כשה„לויה" זוחלת ומתקדמת לאט לאט אל עבר „בית־העלמין", הרחק בקצה העיר. „בית־המועד לכל חי" זרוע מצבות ממצבות שונות ונטוע עצים גבוהים, כהים, דוממים וקודרים, המטילים בקומתם ובמראיהם פחד ואימת מות על הכל, ובמיוחד על הנער הרך והרגיש.

על יד ה„שוסה", הכביש היחידי בכל העיר, והוא מוליך למרחוק, למרחוק, עומד בית־הכנסת הפרטי של רבי זלמן מרגולין, „הגביר". ומנין לך שהוא „גביר"? פשוט, כך שמעתי אומרים, אך „טוב מראה עינים". ב„שמחת־תורה", למחרת „שמיני עצרת", מוציא חלק נכבד מקהל המתפללים ספר־תורה מבית־הכנסת, עובר עמו לכל אלכסונה של החצר, ועולה אל בית רבי זלמן. ושם שטיחים רכים, רחבי־מידות, כסאות מרו־פדים וכורסות כבדות־כבודות, תמונות גדולות, וי־לונות־קטיפה ארוכים־ארוכים, מלאי קמטים וקיפו־לים, והכל רועף אפלולית, מורא וסוד. אין זה כי אם ארמון מלכים, ועל כל פנים —— בית „גביר" אדיר.

בדרך הארוכה מהבית עד בית־הכנסת בשבתות ובמועדים מפזם לו אבא, זכרו לברכה, בעל ה„שחרי־תים" ב„ימים הנוראים" באותו בית־כנסת פרטי של רבי זלמן מרגולין, את השיר החדש שהגיע גם לבוברויסק — מי יודע דרך הרוח? — „שם במקום ארזים". נראה בעליל שלב אבא, חסיד חב"די נלהב, הלך שבי אחרי הלחן העמוק והשקט, הספוג כיסופים לוהטים, שכולו אומר אצילות וחגיגיות.

בקצה המזרחי של בוברויסק — המבצר הגדול, זכר למלחמת נפוליון. מפה עולים ובוקעים את דומיית הלילות קולות נוגים, ממושכים, מלאי הוד וסוד, של תצוצרה צבאית, הקוראים לחיילים לשכב לנוח מעמל היום („זורה"). על יד המבצר — חפירות עמוקות וארוכות עוטפות דשא רענן, שבשעת חירום — כך הוסבר לי — תתמלאנה מים ותיהפכנה לתעלות חוסמות ומונעות כל מעבר...

ובקרבת מקום חורשה ירוקה. וכשהחורשה מוארת בליל־קיץ על ידי מאות פנסי־נייר קטנים ססגוניים, ובתוך החורשה תזמורת גדולה ובני־אדם מסתובבים כשהם מפצחים זרעונים או מתענגים על מעדנים דר־מים אחרים, הרי ברור כשמש שזהו גן־עדן התחתון. בעד הכניסה אל המקום הגדור הזה יש לשלם כמה קופיקות. אך הנה בפינה נידחת, מאחורי הגדר, עומד לו אילן בשיפוע, עיקרו מחוץ ונופו נוטה לתוך החורשה. היש לך דבר פשוט יותר, מפתה יותר מטיפוס על גזע אילן זה? טיפוס מעט, קפיצה קטנה, ואתה בתוך־תוכו של גן־העדן. אלא שכעבור דקות מספר מגיח לקראתך פתאום בעל החורשה, החוכר היהודי, ובחוש הריח שלו הוא פונה אליך בשאלה „יבשה" לכרטיס... ואז אתה נלקח אחר כבוד אל שער הכניסה; במקרה דידן: שער היציאה (ביתר דיוק: שער ההר־צאה), ובדרך אל השער מוטף לך מוסר השכל: הגד נא, נערי, האין זה כאילו התגנבת לחנות והוצאת משם שק קמח? הנער שותק, ורק מתפלא ומשתומם בלבו על השואל המבוגר. ומשיב בלבו בשאלה: את שק מי לקחתי? את מי עשקתי? את מי רצותי?

ה„עשירה" במשפחתנו בבוברויסק היתה אחות אמא, הדודה טייבה, עליה השלום, יהודיה כשרה שופעת טוב־לב ואהבה לכל חי בלי מצרים. אישה, נתן בלינקי — פקיד־סוכן בבית־החרושת הגדול לסו־כר של ברודסקי בקיוב, לשני בניהם מורה פרטי לתנ"ך וללשון הקודש (אחרי עשרות שנים שמענו ששניהם רופאים־פרופסורים ידועי־שם ברוסיה). הדוד עצמו היה קובע בשעות הפנאי שלו עתים לתורה, ופעם בפעם היה גם „מושך בשבט סופר". אל הדוד הזה הייתי מביט ביראת־הכבוד, ועד היום אני זוכר את פתיחת הכתבה ששלח ופירסם ב„המליץ" (או אולי ב„הצפירה"?): „לרגל מסחר אדוני באתי אסחבאדה". באחת השבתות בחנני, בנוכחות המורה הפרטי, כמובן באידית, ובהמשך הדברים הזכרתי „עולם הזה" ו„עולם

הבא", דברים ככתבם, על פי הדקדוק, והכל מלרע. ואז הביטו השנים זה אל זה כשחיוך רחב על פיהם ותיקנו לי: „עולם הזה" ו„עולם הבא" מלעיל, וה„ב" כאילו מנוקדת סגול.

כאן בודאי ישאל השואל בתמיהה: אך מה ענין בוברויסק של אז אצל לימוד הלשון הצרפתית שהז־כרת בתחילה? — לימוד זה לא היה אלא פעולת ה„הכשרה" הנחוצה כתנאי קודם למעשה ה„הגשמה" של חלומה הגדול של אמא, זכרה לברכה: להכניסנו — אותי ואחר כך גם את אחי הצעיר ממני — ל„בית־הספר הגבוה לחקלאות" שבקרבת יפו, בעל השם היהודי העתיק, הגאה, כבד המשקל „מקוה־ישראל". החלום, מוקד הגעגועים והשאיפות, היה שנלמד בבית־ספר גבוה זה ונהיה אגרונומים בארץ הקודש, ובכך נתרום תרומה של ממש להחיאת הארץ, להפרחת השממה, להחשת קץ הגאולה השלמה. והרי לא בלבד לשון הקודש וצרפתית וכל המקצועות והמדעים הדרושים לאגרונום מוסמך לומדים בבית־ספר גבוה זה שבארץ הקודש, אלא גם — כך היו השמועות שנתגלגלו ובאו לבוברויסק והגיעו לאזני אבא ואמא, הריני כפרתם, — אלא גם הרבה משנה והרבה גמרא; בראש וראשונה לימוד תורה לשמה, אך גם כדי להכיר ולדעת את שיטות החקלאות לפנים בישראל, וגם כדי להעשיר ולהרחיב את ידיעת הלשון, לשון ישראל ומקורותיה הקדומים. וחיה ורעננה בזכרוני פרשת מכתבי ההמלצה השונים, דבר שאמא, זכרה לברכה, החשיבה עד מאד כאמצעי בדוק ומנוסה להשגת המטרה הנכספת; המ־לצות מאנשי־שם בתקופת ראשית צמיחת הציונות, כגון ניסן קצנלסון, איש בוברויסק, דויד ברבאש, איש אודיסה, ועוד ועוד. עבודת השגת המכתבים האלה לא היתה פשוטה ולא קלה ונמשכה זמן רב. ולפעמים לא רחוקות דובר בבית גם על המלצה למתן מכתב־המלצה.

ו„ביום בהיר אחד" יצאנו מבוברויסק לעלות ארצה־ישראל.

ואני רואה לפני את כל פרשת הנסיעה ברכבת עד קיוב, ומשם לעיר־החוף אודיסה. אחר כך דרך אנייתנו בלב־ים, „הים השחור" (השם הטיל בתחילה קצת אימה), קונסטנטינופול (קושטא) וצריחי מס־גדיה „המנשקים עבי רום", „הים הגדול", הירידה בנמל יפו, סלעי המגור, סירות הסוורים הערבים, הפתק האדום (הוא שמור אתנו עד היום), „נוה־שלום" ו„נוה־צדק". הכל יחד נמשך שבועות וחדשים.

אך לא ארכו הימים, ו„כרעם ביום בהיר" ירדה האכזבה האיומה, הלמה ומחצה את ראש אמא, זכרה לברכה, משנודע לה טיבו של אותו בית־ספר גבוה לאגרונומיה (שהיה דומה אז, לפני 64 שנים, יותר למין חוה של איכרים צרפתים בורים). היטב הבנתי והרגשתי, כעבור כמה וכמה שנים, את סיפורה על מצב־רוחה אז ועל סערותיה הפנימיות למראה המצב האיום של אבדן־כל־דרך, כפי שנצטייר אז לפניה: שיבה לבוברויסק, לגולה? הרי חזרה כזאת כמוה כהוצאת דיבה רעה על הארץ. היתכן? ואלא מה? להישאר פה? אך מה לעשות בנסיבות אלה? לאן לפנות במצב כללי זה בארץ? ככתובת־קעקע שלא תימחה לעולם נחקק בזכרוני סיפורה על הגיגי לבה בימים ההם, על תפילתה הזכה על יד הכותל המערבי: אנא, אב הרחמים, שלח נא את מלאכך הטוב ויקח את נפשי, אירדם ולא איקץ עוד...

„המלאך הטוב" לא בא. לא שלח אותו „אב הרחמים", וברבות הימים גברו האמונה והתקוה והבטחון על היאוש והדכאון.

וזכורים לי יפה דברי הנבואה שנזרקו מפיה, שנים אחדות לפני קום המדינה, בטיילי עמה בשבת אחת שטופת אור בסביבות רחוב עזה, בלפור, בית־סלמה, והיא כולה התפלאות והתרוננות מול הבנינים המפוארים, ממדיהם ויפיים, וכשהעירותי לה שבנינים נהדרים אלה הם לא שלנו אלא של ה„גויים", אמרה לי בשקט ובטון של ודאות גמורה: „אין דבר, בני, העיקר שירושלים עירנו תיבנה ותיכונן. כל אלה יהיו לנו, ליהודים".

אך הנה הגעתי על כנפי ההרהורים, הזכרונות, ההבטה אחורנית — הנה הגעתי לירושלים דלמטה. והיכן בוברויסק? —— רחוקה. רחוקה. לא מרחק מקום בלבד, לא מרחק זמן בלבד.

כמה נשתנו פני הדברים! כמה נשתנו מאז פני העולם כולו. גם שם, גם פה!

...חוני המעגל...

...היינו כחולמים...

בן־ציון עפּעלמאַן

באַברויסק אין אנהייב פון יאָרהונדערט

איך געדענק נאָך דעם צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטנס קרוינונג־טאָג. פלוצלינג האָבן זיך באַוויזן אַ סך מענטשן אויפן שאָסיי. מיר, יינגלעך, זענען געלאָפן. איין קליינקייט — ניט לויפן? יידן האָבן געטראָגן ספרי־תורות אין די הענט, געטוליעט זיך צו איינאַנדער און געטראָגן זיך איבערן שאָסיי מיט גרויס שמחה.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט נייגעריק.

— קרענאַציע! — האָבן זיי געזאָגט — קרענאַציע!... (קאָראָנאַציע).

דאָס וואָרט „קרענאַציע" איז מיר פאַרבליבן אין זכרון ביז היינט. עד היום קען איך ניט פאַרגעסן די „שמחה" — די צעשטראַלטע יידן מיט די ספרי־תורות אין די הענט.

*

איך האָב ליב געהאַט באַברויסק, די שטאָט ביים ברעג פון בערעזינאַ. אַ ריינע שטאָט, ברייטע, פּירקאַנטיקע גאַסן, ביימער און גערטנער, ווייסער זאַמד, וואָס האָט געגליט אונטער דער זון.

נאָר איין ברוקירטע גאַס האָט פאַרמאָגט באַברויסק —— דער שאָסיי, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען, חלילה, שטאַרק באַלעסטעט. ווען ניט ווען האָט זיך געלאָזט הערן דאָס סקריפּען פון אַ פורל, באַלאָדן מיט זעק, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם און שווער געשלעפּט צום מיל אָדער פון מיל, אַן אַנדער מאָל — אַ וואָגן האָלץ, באַגלייט פון צווי פּוירים מיט האַק און זעג, גרייטע, גלייך נאָכן פאַרקויפן, לאָזן אין גאַנג די שאַרפע, בלישטשענדיקע זעג און דאָס בלאַנקע העקעלע...

„דער אַלטער שליאַך", — דער ברייטער זאַמדיקער וועג, וואָס האָט געפירט פון באַן צום צענטער, צום מאַרק, — איז געווען פול מיט גריבער. ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ פערד, צוזאַמען מיטן וואָגן, פלעגט איינזינקען אין אַזאַ גרוב און בלייבן דאָרט שטעקן. דאַן האָט מען געקענט זען אַ בילד, וואָס איז שוין געוואָרן אַ טייל פון דער באַברויסקער פּאַנאָראַמע: דאָס פערד שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות, וויל שלעפּן, אָבער ער קען ניט. דער בעל־עגלה שלאָגט מיט אַ שטעקן איבער זיינע מאָגערע, אויסגעטריקנטע ביינער. מענטשן קומען צו הילף, קלאַפּערן זיך איין אין די רעדער, שטופּן און שרייען. דער בעל־עגלה שלאָגט, שלאָגט און זידלט... מענטשן און פערד, להבדיל, שטרענגען אָן די לעצטע כוחות, די רעדער גיבן זיך אונטער, אָט זענען זיי שוין אויבן און... פאַלן אַראָפּ צוריק...

די מענטשן רוען אָפּ אַ ווײַלע, דאָס פערד אויך, און באַלד פּרוּוון זיי נאָך אַ מאָל: הע, הע, הע!.. אַ קלאַפּ מיטן שטעקן... עס טרעשטשען פערדס ביינער... עס געלינגט אָבער צום סוף.

פון דער ווייטן באַווייזט זיך נאָך אַ פערד־און־וואָגן, אָבער די פרייוויליקע העלפער טראָגן זיך גיך אָפּ — זאָלן אַנדערע געניסן פון דער מצווה...

האַרבסט זענען די גאַסן איין גרויסע בלאָטע. די מוראַוויאָווסקע און דעם מאַרק קען מען ניט אַדורכגיין, די פיס זינקען אין דעם קלעפּיקן ליים, אפשר אַ פערטל מעטער טיף. ניטאָ קיין טראָטואַרן, אַ פּאָר ברעטער, דאָ און דאָרטן איבערגעוואָרפן איבער איין זומפּ און אַ צווייטן, און מען וויגט זיך איבער זיי, מען באַלאַנסירט מיט צעשפּרייטע הענט, אויב מען וויל ניט איינזינקען...

געווען ביי אונדז אַ פרומער ייד, דער בלינדער מגיד, געפּאַסט צווי מאָל אַ וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, געגעסן נאָר דריי קאַרטאָפל אַ טאָג, געשריבן ביכער אין העברעיִש, געווען געשעצט פון אַלעמען — האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן מאַן. ער האָט געוווינט ביי דעם שטאָט־גביר ראַבינאָוויטש אין הויף. דער הויף איז געווען ברוקירט, ריין און ס'איז געווען אַן ערע צו וווינען דאָרט. דער מגיד איז געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר. די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען אים באַגלייטן צו זיין אייביקער רו. די לוויה איז אַרויס פון דער מתנגדישער שול, ווו דער הספד איז פאַרגעקומען. די מיטה האָט מען געטראָגן אויף די פּלייצעס דורך דער גאַנצער לענג פון דער פאַרטרונקענער אין בלאָטע מוראַוויאָווסקי־גאַס, צום בית־עולם. ס'האָבן נישט גע־

פעלט קיין בעלנים אונטערצושטעלן אַ פּלייצע. יע־דערער האָט געוואָלט זיך צורירן כאָטש מיט אַ האַנט צו דער מיטה. יענעם טאָג האָבן הונדערטער יידן זיך געוויגט איבער דער בלאַטע און כמעט ווי אויס־געשעפּט דעם געדיכטן שליים מיט זייערע שטי־וואַלעס...

*

מיין מאַמע האָט ליב געהאַט ריינקייט. דער דיל ביי אונדז אין הויז האָט תמיד געלויכטן, ווי אַ שפּיגל.

דריי מאָל אַ טאָג פלעגט זי וואַשן די הענט און דעם פּנים — אין יענער צייט איז עס געווען אַ גאַנץ זעלטענע דערשיינונג. אויך האָט זי געלערנט ליב צו האָבן דעם אמת, ערלעכקייט און איידלקייט.

אַ גאַנצן טאָג האָט די מאַמע געאַרבעט אין קיך. פרייטיק איז געווען דער שווערסטער טאָג. כאָטש מיר זענען געווען אַ משפּחה פון 12 נפשות, טאַטע־מאַמע און צען קינדער, פלעגט דאָך דער טאַטע יעדעס מאָל נעמען אַ גאַסט אויף שבת. אַ סאָלדאַט, צי אַן עלטערן יידן, אָדער סתם אַ וואַנדערער, וואָס האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין בית־המדרש און דער שמש פלעגט זיי פאַרטיילן צו די שטאָטישע באַלעבאַ־טים אויף שבת.

פרייטיק אָוונט האָט די מאַמע גערוט, געזעסן נעבן דעם געדעקטן טיש און געוואַרט, דער טאַטע מיט זיינע פינף זין זאָלן קומען פון שול און די טעכטער, מיינע שוועסטערס, פונעם שפּאַציר ביי די ברעגעס פון דער בערעזינא.

דער ריח פון געשמאַקע עסנס, דער ריינער ווייסער טישטעך, די חלהס און שבת־ליכט האָבן דאַן אָנגע־פילט די שטוב. די מאַמע איז געווען צופרידן פון איר ווערק. די שבת־ליכט האָבן זיך געשפּיגלט אין איר פּנים.

*

מיין טאַטע איז געווען אַן איינבינדער. קיין פּר־נסה האָט אָבער די אַרבעט ניט געגעבן. ווער האָט געדאַרפט איינבינדן אַ בוך? דער פאַקנטרעגער פלעגט אָנקלאַפּן אין טיר און פאַרלייגן אַ קליין מעשהלע אויף 12 זייטלעך פאַר אָנדערהאַלבן קאָפּיקעס. אָט דאָס „ביכל" — פון שמ"רס רעפּערטואַר — האָט מען געקענט לייענען ניט קיין איינגעבונדענע...

שפּעטער האָט דער טאַטע געקראָגן אַ שטעלע אַלס שטאָט־שמש. אויף אַ פּשוטן יידיש הייסט עס — אַ קברות־מאַן. מתתיהו בן יהודה הקברות־מאַן — אַ שיינער ייד מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד, פרישע רויטלעכע באַקן און שוואַרצע אויגן, אַ הויכער שטערן און אַ שוואַרצע זיידענע יאַרמלקע, ווי אַ קרוין. די אומגליקלעכע פלעגן קומען צו לויפן צום טאַטן און בעטן מען זאָל צונעמען וואָס גיכער דעם נפטר, ווייל — אַ רחמנות אויף דער פאַמיליע... דער טאַטע פלעגט זיי געבן אַ צעטל צו דער חברה קדישא, וואָס האָט געדאַרפט זיך מטפּל זיין מיטן מת.

דעם טאַטנס שטעלע האָט אונדז פאַרשאַפט אַ היפש ביסל יסורים. לייט האָבן געזאָגט, אַז צוליב אונדז שטאַרבן מענטשן...

אין יענער צייט האָט זיך געגרינדעט דער ערש־טער „ביקור חולים" אין באָברויסק, וואָס האָט זיך פאַרנומען בעיקר מיט אויסלייען וואַנעס, קאַנעס, דאַמפמאַשינקעס, באַנקעס און גלעזלעך.

איין מאָל האָט מיך די מאַמע געשיקט אין „ביקור חולים" מיט אַ צעטל פון דאָקטאָר.

— ווי הייסט דיין טאַטע? — האָט מיך גע־פרעגט דער מאַן פון „ביקור חולים"

— מתתיהו — האָב איך געענטפערט.

— מאַטעס דער קברות־מאַן? — האָט ער גע־פרעגט אַ פאַרציטערטער.

— יאָ!

— איבער אייך שטאַרבן מענטשן, — האָט ער אויסגעשריען, און זיינע אויגן זענען אים פון קאָפּ אַרויסגעקראָכן. ער האָט אַזש ניט געוואָלט אויסלייען אונדז די מכשירים און אין שרעק אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער — אויף אַזוי פיל אָבערגלויבעריש איז מען דאַן געווען.

רב חיים, דער ראש־ישיבה, אַן עלטערער ייד מיט אַ גרויער באָרד און צוויי קלוגע ליכטיקע אויגן אונטער זילבערנע ברילן, איז געווען דער ליבלינג פון שטאָט. ער האָט געקענט אַלעמען און אַלע האָבן אים געקענט. פאַר יעדן איינעם האָט ער געהאַט אַ גוט ווערטל. בעת זיינע דרשות פלעגן יידן זיצן ווי פאַר־כישופטע, אַזוי שיין האָט ער גערעדט. ער איז אויך געווען אַ מוהל און פלעגט אָפט קומען שפּעט. ער איז אַוודאי געווען ביי צוויי־דריי בריתן דעם טאָג. אַ פּאָר גלעזלעך האָט מען דאָך אומעטום געמוזט

נעמען, און אַ שטיקל פריש געבאַקענעם לעקעך מיט ראַזשינקעס, וואָס האָט געשמעקט אַזוי גוט, אויך. איז אַז ער פלעגט קומען אין שול, איז ער געווען אין אַ דערהויבענער שטימונג. ער איז געזעסן נעבן דער גמרא און איינגעטאַנט אַ חסידישן ניגון, זיס און געשמאַק. ער איז געווען אַ חסיד און האָט זיך געהאַלטן ביי דעם בעלשמס לאָזונג: פייער ציט זיך אַרויף, אַש פאַלט אַראָפּ.

איך האָב אים איין מאָל געהערט אין דער פרי, צו סליחות. ער איז געשטאַנען אויף דער בימה, איינגעוויקלט אין טלית איבערן קאָפּ, געהאַלטן אין די הענט די תורה און געזונגען. זיין שיינע שטימע האָט געצערטלט און געכישופט. זיין פנים איז געווען רויט, די אויגן פאַרמאַכט. ער איז געווען דאַן אין הימל, גערעדט מיט גאָט...

אין די קינדער־יאָרן בין איך געווען פרום און אָנגעהיט אַלע יידישע מצוות. מעמדות, תהילים און חומש האָב איך געקענט אויף אויסווייניק. ביים דאַווענען פלעג איך וויינען, ווייל אין שולחן ערוך איז געשריבן, אַז מען דאַרף וויינען אויף גלות ישראל. האָב איך געוויינט. ביטערע טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. אָפט מאָל האָבן יינגלעך געלאַכט פון מיר, געשלעפּט מיך, געריסן און געצופּט: „זע, ער וויינט!“ און מיט גרויס שווערקייט פלעגט מיר אָנקומען דאָס אַרויסרייסן זיך פון זייערע הענט. די עלטערע האָבן מיך באַוווּנדערט, געוווּנטשן זיך צו האָבן אַזעלכע קינדער.

מענדל דער איזוואָשטשיק, וואָס האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, פלעגט אָפּשטעלן זיין דראָזשקע, ווען ער פלעגט מיך דערזען אין דער פרי, גייענדיק אין שול. „ס׳איז אַ מצווה, ס׳איז אַ מצווה צו נעמען, אַזאַ ווי דו“ — פלעגט ער זאָגן, אַרויפזעצן מיך אויף דער דראָזשקע און צופירן צום שול. זיין פערדל פלעגט זיך אָפּשטעלן עטוואָס וויטער, נעבן שענק... מענדל פלעגט זיך ווינצלען:

— מיין פערדל ווייס וווּ זיך אָפּצושטעלן אין דער פרי...

*

באַברויסק איז געווען באַרימט מיט אירע ישיבות און למדנים, געווען אַ „פרומע שטאָט“.

אָבער אין אָנהייב פון יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אַן ענדערונג אין יידישן לעבן. אַלץ אָפטער האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שטאָט יונגע בחורים מיט לאַנגע טשופּרינעס, אין העמדער, פאַרגאַרטלט איבער די הויזן, און גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד...

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען רופט זיי „סאָציאַליסטן“. שווער געווען צו באַגרייפן דעם פרעמדן, משונהדיקן נאָמען!

— סאָציאַליסטן? אָדער ציציליסטן — האָט געפרעגט אַ מאָל, ניט זיכער אַ פרוי.

— ניין, סאָציאַליסטן!..

די ישיבות האָבן צו ביסלעך אָנגעהויבן זיך אויסליידיקן. ניט געווען קיין סך תלמידים, און דאָס ביסל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, האָט אויך אָנגעהויבן צו לייענען טריפה ביכלעך... די נייע צייט האָט זיך בגוואַלד אַריינגעריסן אין באַברויסק.

אין יענער צייט האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אָנגעהויבן אַלץ מער און מער אַריינדרינגען אינעם יידישן לעבן. די שטאָט האָט גערעדט וועגן אַ ד״ר הערצל... הייסע דיסקוסיעס זענען אָנגעגאַנגען צווישן ציוניסטן און פאַרשטייער פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, וואָס האָבן אָנטשיידן באַקעמפט דעם ציוניזם.

די „ס.ר.“, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און אַנדערע, מיט זייערע פייערדיקע רעדעס און דרייסטע לאָזונגען, האָבן צוגעצויגן דעם גרעסטן טייל פון דער יוגנט, פאַרשיכורט זייערע מוחות.

איין מאָל איז געקומען אַ חברה אין בית־המדרש און געוואָלט דאָרט אָפּהאַלטן אַ מיטינג. דער שמש האָט אָבער געפּרווּווט זיי פאַרטרייבן. האָט דודל הענעכס אַרויסגענומען אַ בלאַנקענדיקן רעוואָלווער פון קעשענע און אונטערגעטראָגן דעם שמש אונטערן נאָז. דער שמש האָט זיך אונטערגעגעבן...

איך געדענק, אין אַ שבת־טאָג איז עס געווען, ווען נעבן דער שול זענען געשטאַנען אין אַ רעדל יידן מיט לאַנגע בערד, אין שוואַרצע סורדוטן און יאַרמלקעס און געשמועסט וועגן דער ביטערער צייט, האָט אַ גרופּע יונגע־לייט, בחורים און מיידלעך, איבערגעטראָגן דעם ערוב און אַ לאָז געטאָן זיך צום פאַליגאָן.

אָנגעפירט מיט דער חברה האָט נאָכקע, וואָס האָט פאַרלאָזן זיין רייכע פאַמיליע (זיין טאַטע איז געווען אַ בורזשוי...) און אַוועק זיך לערנען פאַר אַ שוסטער, כדי צו ווערן אַן אמתער „פּראָלעטאַריער“.

ער איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער. איידער ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון קעשענע, אָנגעריבן אַ שוועבעלע און צוגערייכערט. דאָס שוועבעלע האָט אַ פלאַם געטאָן אין אַ ליכטיקן שיין. עס האָט אַ פלאַם געטאָן ביי די יידן אין די הערצער:

— אום שבת?.. — האָבן זיי אויפגעציטערט אין איין קול.

די יונגע מענטשן האָבן אַרומגערינגלט נאָכקען, אַריינגעקוקט אים אין פנים און געשלונגען יעדן וואָרט. באַלד האָט זיך דערהערט דער רעוואָלוציאָנערער מאַרש: „דוכאָם אָקרעפּניעם וו באָרביע...״ די רויטע פאָן האָט אויפגעפלאַקערט, און זיי האָבן זיך געלאָזט צום קליינעם וועלדל.

אין אָקטאָבער 1905 האָבן זיך פלוצעם באַוויזן אין די גאַסן פון באָברויסק סאָלדאַטן און קאָזאַקן אויף פערד. די איינוווינער האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער. ווו ניט ווו פלעגט מיט אַ מאָל אַרויסשפּרינגען פון אַ הויף אַ בחור, פאָכנדיק מיט אַ רויט טיכל, און אויסשרייען: „דאָלאָי סאַמאָדיערזשאַוויע!״ ווען די קאָזאַקן פלעגן זיך אַ לאָז טאָן נאָך אים, פלעגט פון אַ צווייטן ווינקל אַרויסשפּרינגען אַ צווייטער און אויסשרייען: „דאָלאָי ניקאָלאַי!״ פלעגן די קאָזאַקן אויסדרייען זייערע פערד און זיך יאָגן אַהין, פון וואַנען דער אויסרוף איז געקומען.

איך געדענק, אַז די קאָזאַקן האָבן איין מאָל אַלס נקמה דערמאָרדעט אַ יידן — אָראָפּגעהאַקט אים דעם קאָפּ מיט אַ שאַבליע. עס איז געווען אַ גרויסע לויה, אין וועלכער די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטייליקט. געווען זייער אַ געשפּאַנטע סיטואַציע, אָבער צו קיין אומרוען איז ניט געקומען. קיין קאָזאַקן האָט מען ניט געזען.

די נייס, אַז דער צאַר האָט אונטערגעשריבן די קאָנסטיטוציע, האָט דערגרייכט באָברויסק אָוונט צו. מענטשן זענען אַרויס אין די גאַסן, האָבן זיך געטראָגן איבערן שאָסיי אין גרויסע מחנות. אַלע זענען געגאַנגען צום פּאָליגאָן, ווו נאָכקע האָט געדאַרפט רעדן...

און... פלוצלינג, ווי אַ שטורעם, האָט זיך אַריינגעריסן אין דער מאַסע אַ פּאַנישער אויסגעשריי: „קאָזאַקן קומען! קאָזאַקן קומען!..״ דער עולם האָט גענומען לויפן אין אַלע זייטן. נאָכקע האָט זיי געפּרווּט באַרויקן:

— לויפט ניט, — האָט ער געשריען, — דער צאַר אַליין האָט אונטערגעשריבן די קאָנסטיטוציע...

ס׳איז אָבער געווען אַ קול קורא במדבר.

דאָס פעלד איז געוואָרן פּוסט. קיין לעבעדיקער נפש איז ניט געבליבן, בלויז נאָכקע אַליין, אַן איינציקער קריגער אויפן פעלד.

קיין קאָזאַקן זענען ניט געקומען און מע האָט זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען צוריק, אויפגעהויבן די רויטע פאָן, געהאַלטן קליינע רעדעס און געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער; געיובלט, געשאָסן אין דער לופטן.

— דאָלאָי סאַמאָדיערזשאַוויע!.. דאָלאָי... ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען געיום־טובט. דער שאָסיי נעבן אַפּטייק איז געווען איבערפולט פון מענטשן. נאָכקע איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין האַנט, געטראָפן פון אַ קויל. ער איז אַריינגעלאָפן אין אַפּטייק, גיך אַרויסגעלאָפן צוריק מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט און אויסגעשריען מיט היץ:

— דאָלאָי סאַמאָדיערזשאַוויע!.. דאָלאָי!..

— הורראַ, — האָט אונטערגעכאַפּט די מאַסע. אַ שאָס און נאָך אַ שאָס. — הורראַ!..

— דאָלאָי!..

מען דערציילט, אַז איינער איז אפילו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַריינגעשאָסן זיך אַ קויל פון באַגייסטערונג און עקסטאַז — אַן אַנאַרכיסט איז ער געווען. קיין פּאָליציי האָט מען ניט געזען.

אויפן צווייטן טאָג זענען אָנגעקומען וואַרשעווער צייטונגען און געבראַכט די שרעקלעכע נייס: פּאָגראָמען אויף יידן אין גאַנץ רוסלאַנד, גוואַלדטאַטן, שריפות. דער „צאַרישער מאַניפעסט״ איז געווען ניט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע פון דער אָכראַנקע...

אין באָברויסק איז קיין פּאָגראָם ניט געווען.

אין שטאָט האָבן אָבער געבושעוועט אַנאַרכיסטן. צוויי רוסן זענען אַריין אין טאַבאַק־געשעפט אויף מוראַוויאָווסקי און געפאָדערט געלט. ווען דער קרעמער האָט זיך אָנטזאָגט צו געבן, האָבן זיי אים דערשאָסן. די שטאָט האָט געלעבט אין פחד. שפּעטער האָבן די אַנאַרכיסטן צוגעשיקט אַ בריוועלע צו אַ רייכער פאַמיליע און געבעטן געלט, — אויפן שטיי־

גער פון אַמעריקאַנער גענגסטער, — אַ ניט װעלן זײ אַלעמען אויסמאָרדן. צװײ פּאָליצײ־לײט האָבן זיך באַהאַלטן אין שטוב, און װען די אַנאַרכיסטן זענען געקומען און זיך אַנגעשטויסן אויף זײ, האָבן זײ דערשאָסן די צװײ פּאָליציאַנטן און אַנטלאָפן.

שפּעטער האָט מען דערמאָרדעט קאַרפּענקאָן, דעם באַרימטן באָברויסקער גאַראַדאָװאָי. בעת זײַן לויה האָט מען זיך געריכט אויף אַ פּאָגראָם. אין דער שטיל האָבן פּויערים פון די אַרומיקע דערפער זיך צונויפגעקליבן אין שטאָט, באַװאָפנט מיט העק און מעסערס. זײ האָבן זיך אויסגעשטעלט נעבן קלויסטער אויף מוראַװיאָװסקאַיאַ מיט הײליקע בילדער און קרײצן, — און ייִדן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַטײַט פּאַרניכטונג, שענדונגען און רױבערײַ. די אײַזערנע סטאַכעטן אויף די פענצטער פון די געשעפטן און װױנונגען האָבן זיך געשלאָסן, איזװאָזטשיקעס האָבן אומקוקנדיק זיך מיט שרעק געלאָזט זײערע פערד, װאָס גיכער צו אַנטרינען פון גאַס.

געװען אין באָברויסק אַ „גוטער" פּאָליצמײסטער.

װי נאָר עפּעס אַ טומל, פלעגט ער זיך באַװײַזן אין שטאָט בכבודו ובעצמו, אין זײַן בלישטשענדיקן מונדיר, אין דער באַגלײטונג פון פּאָליציסטן און הינט. דער בויך פאַרויס מיט דער גאָלדענער סאַבליע בײַ דער זײַט, און די אָרדענונג איז צוריקגעשטעלט געװאָרן. די באַפעלקערונג האָט פאַר אים געהאַט רעספּעקט. מען האָט געהאַלטן פון אים. ער איז געװען אַ דײַטש. אָבער אַ גוטער מענטש. אַ דאַנק אים האָבן ייִדן אויסגעמיטן אַ פּאָגראָם.

זינט יענער צײַט זענען אַ סך װאַסערן אָפּגעפּלאָסן, אַ סך בלוט פאַרגאָסן געװאָרן, מלחמות, רעװאָלוציעס... באָברויסק איז געװאָרן אַ גרויסע שטאָט, זאָגט מען, ניט צו דערקענען. דאָרט ליגן ניט קײן ציגן מער אויף די פּריזבעס, פּאַסטעכער טרײַבן ניט מער די פּי־סטאַדעס, בהמות אין דער פרי, דורכן שטאָט, מען הערט שוין ניט מער די מעלאַנכאָלישע געזאַנגען פון די פּויערטעס, װאָס קערן זיך אום פון פעלד אין שטאָט אין די שטילע זומער־אָװנטן...

באָברויסק איז ניט מער — װאָס געװען.

ד"ר יהודה מינקין

װאָס איך געדענק פון באָברויסק

1

מײַנע ערשטע צװעלף יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין דער שטאָט ראָמני, אין אוקראַיִנע. איך האָב געװוּסט, אַז מײַן פאָטער, דוד מינקין, איז געקומען פון באָברויסק און אַז זײַן פאָטער — מײַן זײדע, הײסט עס, — אביגדור מינקין, װױנט נאָך אַלץ אין באָברויסק, װי אויך מײַן טאַטנס ברידער און שװעסטער. מײַן באָבע פון באָברויסק האָב איך קײן מאָל ניט געזען, װײַל זי איז יונג געשטאָרבן, מחמת עס איז ניט געװען דאָרט, װער עס זאָל זי אָפּערירן צוליב דער בויך־אַנצינדונג, אַפּנים אַ בלינדאַרם־אַנצינדונג.

די רעװאָלוציע פון 1905 האָב איך דורכגעלעבט מיט מײַנע עלטערן, ברידער און שװעסטער אין ראָמני. איך געדענק עס נאָך װי איצט, װי גײענדיק אַהײם אַ פרײלעכער נאָך אַ מאַניפעסטאַציע, האָב איך אויפן װעג אָנגעטראָפן אַ גרויסע גרופּע יונגע, געזונטע דאָרף־גוײם מיט גרויסע גראָבע שטעקנס. איך האָב זיך געװוּנדערט, װאָס פאַר אַ מחנה דאָס איז. איך האָב ערשט פאַרשטאַנען, װען איך בין אַהײמגעקומען און דערזען די שרעק־פּנימער. מען האָט שוין געװוּסט, אַז עס גרײט זיך אַ פּאָגראָם.

מיר האָבן געװױנט דאַן אין אַ הויף בײַ אַ קריסט, עק שטאָט. די צװײ קריסטלעכע אַרבעטערס אין מײַן פאָטערס זײף־פאַבריק האָבן אונדז באַשיצט און געטרײַ אונדז אָפּגעהיט, כאָטש זײ פלעגן פאַרשװינדן פון צײַט צו צײַט און צוריקקומען מיט אָנגעראַבעװעטן ייִדיש גוטס. מיר אָבער, און אַ סך פון אונדזערע שכנים, װאָס האָבן זיך בײַ אונדז אויסבאַהאַלטן, זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. װײַזט אויס, אַז נאָך דעם פּאָגראָם האָבן מײַנע עלטערן באַשלאָסן צו ליקװידירן דאָס געשעפט און פאָרן קײן

אַמעריקע, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען מיינע עלטערע צוויי ברידער. דאָס ליקווידירן ס׳געשעפט איז אָבער ניט געגאַנגען אַזוי שנעל.

מיך האָט מען נישט אָנגענומען אין דער רעאַלגימנאַזיע אין ראָמני, ניט געקוקט אויף די בעסטע עקזאַמען־מיינונגען. האָט מען באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאָרן קיין באָברויסק, ווייל דאָרט האָט זיך געפונען אַ פּריוואַטע גימנאַזיע, ווו מען האָט אַריינגענומען יידן אָן באַגרענעצונגען. מיט דער גימנאַזיע האָט אָנגעפירט אַ רוסישער לערער צווירקאָ־גאָדיצקי. מען האָט זי קורץ גערופן: צווירקאָס גימנאַזיע. די גימנאַזיע איז געווען אַ לאַנדמאַרק אין באָברויסק, ווייל די יידישע יוגנט האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט דורכצוגיין דאָרט אַ קורס פון אַ גימנאַזיע (מיטלשול) און נאָך אַן עקזאַמען, ביי דער אָנוועזנהייט פון אַ שטאַט־אינספּעקטאָר, צו באַקומען אַ דיפּלאָם, וואָס האָט געעפנט די טויערן צו דעם אוניווערסיטעט, אויב נישט אין רוסלאַנד, איז, לכל הפחות, אין אויסלאַנד.

חוץ די תלמידים פון באָברויסק גופא האָבן זיך ביי „צווירקאָ״ אויך געלערנט אַ סך יידישע יונגע־לייט פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, ווי פּאַריטש, סלוצק, סוויסלאָוויץ, איהומען און אַנדערע.

איך בין אָנגעקומען קיין באָברויסק אין 1906 און דאָרט דורכגעלעבט מיינע יוגנט־יאָרן ביז סוף 1913.

די סביבה אין ראמני איז געווען אַ רוסישע. אמת, דער עלטערער דור האָט גערעדט יידיש, אָבער די אומגאַנג־שפּראַך ביי די יונגע־לייט איז געווען רוסיש. יידן זענען געווען צעשפּרייט איבער דער שטאָט. מחוץ די שולן האָט זיך נישט געפילט קיין יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן אין ראָמני. קאָן זיין, אַז איך בין געווען צו יונג, צו באַמערקן יידישע טעטיקייטן.

גאָר אַנדערש איז דאָס בילד שוין געווען אין באָברויסק. אין „צווירקאָס״ גימנאַזיע האָבן יידן אויסגעמאַכט קרוב 99 פּראָצענט. די גאַסן, ווו מיר האָבן געוווינט און געשפּאַצירט, זענען תמיד פול געווען מיט יידן. די שולן (איך בין אין שול, אגב, נישט געגאַנגען) האָבן זיך ס׳רוב געפונען אַרום אונדזער געגנט. די היים ביי דעם זיידן, ווו איך בין איינגעשטאַנען, איז געווען אַ ביז גאָר יידישע — אַ פרומע יידיש־רעדנדיקע היים. אין שטאָט האָט זיך געפונען אַ יידישער טעאַטער. מען האָט דאָרט אויפגעפירט ערנסטע פּיעסן און וואָדעווילן; געווען יידישע פּאַרטייען. מיט איין וואָרט, אַן אמתע יידישע וועלט. מען באַצייכנט היינט אפשר יענע יאָרן, ווי אַ יידיש געטאָ־לעבן. מיר האָבן דאָס ניט געפילט, ווייל מיר האָבן דאָך געלעבט אין אונדזער אייגענער יידישער וועלט. דאָס האָט אונדז אָבער ניט געשטערט צו זיין באַפריינדעט מיט דער רוסישער אינטעליגענץ און געניסן פון דער רוסישער ליטעראַטור.

נאָך מיין אָפּזיין ביים זיידן צוויי יאָר, זענען מיינע עלטערן מיט די דריי ברידער און צוויי שוועסטער אַריבערגעקומען קיין באָברויסק.

צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע בין איך געווען שטאַרק צערודערט און אָנגערעגט מיט דער צוגרייטונג צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן קיין אַמעריקע, אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבן געהאַט באַשלאָסן. מיין פאָטער האָט פאַרקויפט זיין זייף־פאַבריק, ווו ער האָט שווער געאַרבעט. איך געדענק ניט גענוי, וואָס מען האָט געטאָן מיטן מעבל. כ׳געדענק נאָר, אַז מיר האָבן גענומען מיט זיך אין וואַגאָן די געפלאָכטענע קערב, בעטגעוואַנט, קישנס, פּערענעס און קאָלדרעס, וואָס מיר האָבן אויסגעלאָדן פון וואַגאָן, אָנקומענדיק קיין באָברויסק. מיר האָבן געדאַרפט בלייבן אין שטאָט אויף אַ קורצער צייט, כדי זיך צו געזעגענען מיט אַלע קרובים פון דעם פאָטערס צד.

האָט אָבער דער זיידע איינגעטענהט מיט מיינע עלטערן, אַז ער איז דאָך שוין אַ ייד אַ זקן (ער איז דאַן אַלט געווען ביי 65 יאָר) און ס׳איז אים שווער אָנצופירן מיטן געשעפט; און ווער פאָרט עס קיין אַמעריקע? סיידן מען אַנטלויפט פון מיליטער אָדער מען באַנקראָטירט, צי נאָכן באַגיין אַ פאַרברעכן אָדער ווען מען שטאַרבט פון הונגער... און ער, דער זיידע, גיט דאָך איבער אַ גוט געשעפט, פון וועלכן עס מאַכט אַ לעבן די גאַנצע משפּחה — דער זיידע, צוויי פאַרהייראַטע זין, צוויי נישט חתונה־געהאַטע טעכטער אאַז״וו.

דער זיידע האָט לאַנג געטענהט, ביז ער האָט איבערגערעדט מיין פאָטער, און מיר זענען געבליבן צוזאַמען מיט אים אין זיין הויז.

געמיינט האָט דער זיידע גוט. ער האָט דאָך ניט געקענט פאָרויסזען, אַז ווען ניט זיין עצה וואָלטן מיינע עלטערן ניט אומגעקומען פון היטלערס הענט!

געוווינט האָבן מיר אין באָברויסק אויף דער שאָסיי־גאַס, ניט ווייט פון דער מוראַוויאָווסקער הויפּט־גאַס, איך ביז 1913 און מיינע עלטערן ביז 1919. נאָך 1919 האָבן מיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן אין

הויז פון אלטער קאַצענעלסאָן, נאָך זיין אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל.

2

אַנטקעגן אונדזער הויז, אויף דער שאָסיי־גאַס, האָט געלעבט אַ פרומער רייכער ייד, זלמן מאַרגאַלין, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן בית־תפילה. אויפן ראָג פון מוראַוויאָוװסקער גאַס זענען געשטאַנען נאָך צוויי שולן: די „גרויסע שול" פון די מתנגדים און ניט ווייט פון דאָרט, די שול פון די חסידים. אויף איין זײַט מיט אונדזער הויז האָט זיך געפונען דאָס ווייך־געשעפט פֿון די יאַכווידס. איינער פון יאַכווידס בחורים איז געווען דער באַוווסטער אין באַברויסק און אומ־געגנט „נחקע דער פּאַליצמייסטער" — אַ שיינער און ווילער בחור. וועגן אים איז דאָ אין דאַזיקן בוך אַ באַזונדער מאמר, ווייל זיין טעטיקייט אין באַברויסק איז אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פון דעם יידישן פּאָליטישן לעבן אין יענער צייט.

אויף דער זעלבער גאַס האָט געוווינט די פאַמיליע לוריע. פון דער משפחה איז כדאי צו דערמאָנען באַסיען, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט שמואל ניגער און רבקה (ריוועלע), וואָס איז געוואָרן קאַל־מאַנאָוויטשעס פרוי. מיט ריוועלען און איר ברודער מאָמע זענען מיר — איך און מיין פרוי — געווען נאָענט באַפריינדעט. ריוועלע איז אומגעבראַכט גע־וואָרן דורך די דייטשן אַ קורצע צייט פאַר קאַלמאַ־נאָוויטשן.

איך געדענק, אַז יעדעס מאָל, ווען ניגער פלעגט זיין ביי די לוריעס, איז דאָס ביי אונדז, די יונגע שכנים, געווען אַ געשעעניש, מחמת מיר האָבן געוווסט, אַז ניגער איז אַ שרייבער, אַ קריטיקער און אַזעלכע אַנגעזעענע געסט האָבן מיר ניט אָפט געזען אין יענע יאָרן.

אין אַ הויף, ניט ווייט פון אונדזער הויז, האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען ווינאַקור. ער האָט געצויגן פרנסה פון זיין גאָרטן מיט בלומען. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז בלומען איז אַ גויישער ענין, האָט ער אין אונדזערע אויגן אויסגעזען ווי אַן אויסנאַם. איך געדענק, ווי איך און אויך אַנדערע, פלעגן קומען צו אים און מיט דרך־ארץ קויפן אַ מאָל אַ בלום אָדער בלומען פאַר אונדזערע יונגע חברטעס.

כ׳געדענק ניט, צי זענען בלומען געווען אַן אָפּטער גאַסט אין אַ יידיש הויז, אויב נישט רעכענען, פאַר־שטייט זיך, גרינע צווייגן פאַר דער סוכה...

אַ ביסל ווייטער פון ווינאַקור, איבער דער גאַס, איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס איז אין מיינע יוגנט־יאָרן געוואָרן מיר נאָענט — דאָס הויז פון בערל ראַזאָװסקי אויף דער אַלכאָווסקי גאַס, ווו ס׳איז אויפגעוואַקסן קיילע ראַזאָווסקי. מיר האָבן זיך באַפריינדעט, ווען כ׳בין געקומען קיין באַברויסק און פאַרבליבן טרייע חברים אונדזער גאַנצן לעבן, ס׳הייסט, שוין איבער 55 יאָר.

אויף דער שאָסיי־גאַס, אַ צוואַנציק מינוט פון אונדז, האָט זיך געפונען די געביידע פון דער יידישער געווערקשאַפט־שול. דעם בנין האָט שפּעטער אָפּגע־קויפט אָדער געדונגען אַ געוועזענער דירעקטאָר פון אַ רוסישער גימנאַזיע. דאָרט האָט זיך עס געפונען „צווירקאָס" גימנאַזיע. איך דערמאָן עס ווידער, ווייל די פריוואַטע גימנאַזיע „מיט רעכט" איז געווען איינע פון אַ קליינער צאָל אַזעלכע מיטלשולן, ווו יידישע יונגע־לייט האָבן געקאָנט לערנען און באַקומען אַ דיפּ־לאָם, וואָס האָט געגעבן רעכט אַנצוקומען אין אַן אוניווערסיטעט; זעלטן אין רוסלאַנד, אָבער אָפט אין אויסלאַנד. אין דער גימנאַזיע האָבן געלערנט און זי פאַרענדיקט, אַחוץ מיר, אויך מיינע דריי ברידער און מיין פרויס דריי ברידער.

3

איך געדענק ניט פון קיין יידישער טעטיקייט אין און אַרום דער גימנאַזיע (מען האָט צווישן זיך גערעדט נאָר רוסיש) און אינטערעס מצד די תלמידים צו די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע פּאַרטייען. עס איז, אמת, געווען אַ צייט פון שטילשטאַנד אין פּאַרטיי־לעבן אין רוסלאַנד צווישן די יאָרן 1907 ביז 1913. פון מיינע סטודענטישע יאָרן אין אויסלאַנד איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ לעקציע פון חיים זשיטלאָווסקי (אין בערן, 1914), וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ זייער שטאַרקן איינדרוק.

פאַר וואָס די סטודענטן פון „צווירקאָ" זענען אַזוי ווייט געווען פון יידיש־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־רעלער טעטיקייט איז מיר איצט שווער צו פאַר־שטיין און צו באַנעמען, ווייל אין דער זעלביקער צייט איז אין באַברויסק אָנגעגאַנגען אַן אַקטיוו יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, געווען טעטיק אַ יידישער טעאַ־טער. איך געדענק ווי איך בין געווען באַגייסטערט

פון דער הירשביין־טרופּע מיט די אַקטריסעס נעמי, אָרלעווסקאַ און קלאַראַ יאַנג. עס פלעגט מיך ציען אין טעאַטער יעדן אָוונט. איך האָב זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פון צווירקאָס היטערס, וועלכע האָבן געדאַרפט אונדז פאַרהיטן פון רויכערן, פון גיין אין טעאַטער אין מיטן וואָך און פון נאָך אַנדערע „זינד".

4

אַ וויכטיק אָרט אין יידישן קולטורעלן לעבן אין באַברויסק האָבן פאַרנומען די ביבליאָטעק און דער כאָר. אין דעם צוזאַמענהאַנג דאַרף מען דערמאָנען אַ יונגן־מאַן, וואָס איז פרי געשטאָרבן, אָבער אין די קורצע יאָרן פון זיין לעבן באַוויזן אַ סך אויפצוטאָן פאַר דעם יידישן באַברויסק. ער האָט קאָנצענטרירט אַרום די דערמאָנטע צוויי אינסטיטוציעס דאָס בעסטע, וואָס באַברויסק האָט פאַרמאָגט.

איך מיין דאָ שמואל קאַצענעלסאָן, אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן: שמואליק. פון זיין משפחה זענען אַרויס אַ סך באַקאַנטע פערזענלעכקייטן און טוערס. רחל, זיין שוועסטער, שפּעטער באַקאַנט אַלס רחל רובאַשאָוו (איצט רחל שזר, די פרוי פון דריטן נשיא פון ישראל — זלמן שזר); אַ שוועסטער פרידע כאָמסקי, אַן אמתע ערד־אַרבעטערין אין ישראל אַלע אירע יאָרן. זיינע ברידער אברהם קאַצענעלסאָן, וועלכער האָט געביטן זיין נאָמען אויף ניסן און איז געווען דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין די יונייטעד נעישנס און שפּעטער אַמבאַסאַדאָר אין די סקאַנדינאַווישע לענדער; ראובן קאַצענעלסאָן — וועמען איך וויל דערמאָנען מיט ספּעציעלן שבח, פאַר ניט בייטן זיין נאָמען — אַלע זיינע יאָרן אָנפירער פון קופּת־חולים, פריער אין „הדסה" און שפּעטער אין קופּת־חולים עממית; יוסף קאַצענעלסאָן, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן צו ראַטעווען פוילישע יידן פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע.

חוץ די דערמאָנטע דאַרף מען ניט פאַרגעסן שמואליקס פרוי ראַדאַ און זייערע קינדער צביה, פייגל און אסתר — אַלע יאָרן, ביז איצט, לערערס אין קיבוצים, און זייער זון קלמן, אַ שרייבער און פּובליציסט אין ישראל.

אָט די אַלע, וואָס איך דערמאָן, דאַרפן דאַנקבאַר זיין שמואלן פאַר דער ליבע און אינטערעס צום יידישן לעבן, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט אין זיי. שמואל איז ניט געווען קיין פאַרטיי־מענטש, ניט קיין בונדאָוויעץ און ניט קיין ציוניסט, ווי די מאָדע איז דאַן געווען — ער איז געווען אַן אמתער, גאַנצער ייד.

אין באַברויסק איז געווען אַ שטאָט־ביבליאָטעק, אָבער דאָס ביסל געלט, וואָס מען האָט געדאַרפט אויף צו באַצאָלן פאַר די ביכער, איז דאָך געווען אַ לאַסט פאַר דער אָרעמער יידישער באַפעלקערונג. האָט שמואל קאַצענעלסאָן מיט אַ גרופּע יידן — צווישן זיי געצאָוו — אָרגאַניזירט די „יידישע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק". די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ סך רוסישע און העברעישע ביכער, אָבער צום מערסטן יידישע. דאָרט האָבן זיך געפונען, מיין איך, אַלע דערשינענע אין יענער צייט יידישע ביכער. די לייענערס האָבן געצאָלט זייער ווינציק, אומגעפער 5 קאָפּיקעס אַ חודש, און כמעט אַלע יידישע לייענערס האָבן גענומען ביכער פון דער ביבליאָטעק און געוויס אויך אַלע יידישע קינדער אין שטאָט.

די ביבליאָטעק האָט געהאַט איין באַצאָלטן ביבליאָטעקאַר, חוץ אַ ריי אַקטיוויסטן פון דער שטאָטישער יוגנט, צווישן זיי: יעזערסקי, פּאַשקאָווסקי, זלמן פלאַטקין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער „בונד"־פּאַרטיי און איז פאַרבליבן אין רוסלאַנד; מען ווייסט עד היום ניט, וואָס מיט אים איז געשען. און נאָך איינער, — בערל קאַצענעלסאָן, — וואָס האָט שפּעטער געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויפן אויפבוי פון ישראל און אויף דעם אויפלעב פון העברעיש. ביי אונדז אין באַברויסק אָבער איז ער געווען אַ זייער הייסער, הונדערט פּראָצענטיקער יידישיסט. אין דער ביבליאָטעק האָט ער ניט אויסגערעדט קיין וואָרט רוסיש און מיט דעם משפּיע געווען אויף די שילערס פון דער מיטלשול און די אַקטיוויסטן אין דער ביבליאָטעק, זיי זאָלן אויך רעדן יידיש.

אַזוי ווי אין דער ביבליאָטעק זענען געווען אויך רוסישע ביכער, פלעגן די לייענערס אָפּט אָנרופן די רוסישע טיטלען פון די ביכער. געדענק איך, ווי אַ מאָל האָט אַ מיידל געבעטן אויף רוסיש ביי בערל קאַצענעלסאָן דאָסטאָיעווסקיס „בעליע נאָטשי". האָט בערל זי איבערגעפרעגט: „איר מיינט דאָסטאָיעווסקיס ‚ווייסע נעכט'?" און אַז דאָס מיידל האָט צוגעגעבן, אַז דאָס מיינט זי טאַקע, האָט ער איר ערשט דאַן געגעבן דאָס בוך.

מיר, די יונגע וואָלונטערן, האָבן זיך קולטורעל אויסגעלעבט אַרום דער ביבליאָטעק. די פליכט אַרויס־

צוגעבן ביכער און רעקאָמענדירן ביכער האָט געשאַפן ביי אונדז אַ געפיל, אַז מיר טוען אַ נוצלעכע אַרבעט. אַזוי איז עס דאָך טאַקע געווען, — כדי צו וויסן וועלכע ביכער צו רעקאָמענדירן די לייענערס, וואָס זענען געווען פון פאַרשיידענעם עלטער, בילדונג און אינטערעס, האָבן מיר געדאַרפט אַליין לייענען אַ סך ביכער; מיר האָבן אַפילו געהאַט צוזאַמענטרעפן מיט לייענערס (קאָנפערענצן בלע״ז), אויף וועלכע אַן אַקטיוויסט פלעגט דערציילן די איבעריקע דעם אינהאַלט פון א בוך און זיין מיינונג וועגן בוך. רחל קאַצענעלסאָן (איצט רחל שזר), געדענק איך, איז געווען די אָנפירערין פון די קאָנפערענצן. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די וואָלונטערן זענען אויך פאַרגעקומען ראָמאַנען... איין ראָמאַן געדענק איך זייער גוט, ווייל... עס איז געווען צווישן מיר און קיילע ראַזאַווסקי. מיר האָבן טאַקע חתונה געהאַט אין 1918; באַפריינדעט זענען מיר געווען זינט 1908.

מיט דעם כאָר, וואָס שמואל קאַצענעלסאָן האָט אָרגאַניזירט, האָט אָנגעפירט אַ באַברויסקער ייד מיטן נאָמען קאַץ. דער כאָר האָט געזונגען נאָר יידישע לידער. ער איז געווען אויך אַ מקום מקלט פאַר דער באַברויסקער יונגער אינטעליגענץ. די ביבליאָטעק און דער כאָר האָבן ביי אונדז געשאַפן דאָס געפיל, וואָס איז געווען ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם גלות־מאַרש „אַזוי אַ דור נאָך אַ דור" — גייט פאַרויס אונדזער שפּראַך און אונדזער קולטור.

רעדנדיק וועגן קולטורעלן לעבן אין באַברויסק, דאַרף מען דערמאָנען די לערערס, וועלכע האָבן צוגעגרייט די יונגע־לייט צו די מלוכה־עקזאַמענס, אויף צו באַקומען אַ מיטלשול־דיפּלאָם. דאָס זענען געווען בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָדער, אָפּטער, ניט געקאָנט אַריינגענומען ווערן אין די רעגירונגס־גימנאַזיעס. מען האָט זיי גערופן „עקסטערנס". צווישן אָט די לערערס זענען געווען ראַזענטאַל, יעזערסקי און מייטין. הלל מייטין איז שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע, וווּ ער האָט געלערנט יידיש אין אַן אַרבעטער־רינג־שול. ער האָט אויך איבערגעזעצט אַ סך רוסישע לידער אין יידיש.

איך געדענק אויך אַ לערער לייב לוואָוויטש, באַקאַנט אין באַברויסק פאַר אַ פאַרגעשריטענעם און באַגאַבטן העברעישן לערער. קיילע האָט געלערנט ביי אים העבריש אַ 7—8 יאָר. ער האָט איינגעפּלאַנצט אין די הערצער פון זיינע שילערס ליבע צו ליטעראַטור, העברעישער און יידישער, און דרך־ארץ פאַר דער יידישער עטיק.

5

דער זיידע מיינער, אביגדור מינקין, איז געווען, ווי אַלע אָרום אים, זייער פרום. ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין מנחה, קיין מעריב אין שול, שוין אָפּגערעדט פון אַ שחרית. ער פלעגט אויפשטיין זייער פרי און לערנען ביז פרישטיק. איך האָב זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו זיין גמרא־ניגון, אָבער ניט פרומער געוואָרן פון דעם. אַ יאָר איידער מיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין באַברויסק בין איך בר־מצוה געוואָרן, אַלט געוואָרן 13 יאָר. איך האָב מורא געהאַט, אַז דער זיידע וועט מיך צווינגען צו גיין אין שול צו דער בר־מצוה, האַלטן אַ דרשה, לייגן תפילין און דאַוונען יעדן טאָג. ביז היינט פאַרשטיי איך ניט פאַר וואָס דער זיידע האָט עס ניט פאַרלאַנגט פון מיר, ווי יעדער זיידע אין יענע צייטן. מיר דאַכט זיך, אַז דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ שטילער און אַן איידעלער מענטש; ער האָט, משמעות, פאַרשטאַנען מיינע געפילן; געזען, אַז איך בין ווייט פון דעם... ער האָט, בכן, ניט געוואָלט מיך צווינגען.

גאָר אַנדערש איז געווען ביי מיין פעטער איטשע. אָפט פלעגט מען דערציילן, אַז דער פעטער איטשע האָט צעפּאַטשט אין שול, פאַר אַלעמען אין די אויגן, זיין זון, ווייל ער האָט דורכגעלאָזט אַ דאַוונען, געדאַוונט צו שנעל, אָדער אַ קוק געטאָן ערגעץ אַנדערש און ניט אין סידור און פאַר נאָך אַנדערע עבירות. איך געדענק, אַז מיין זיידע פלעגט אָפט אויסמוסרן זיין זון, אַז אַזוי טוט מען ניט; מען טאָר ניט און עס איז אויך ניט שיין פאַר אים, פאַר זיין זון און פאַר לייטן.

מיין שטילער זיידע, וואָס האָט, דאַכט זיך, ניט געקענט אויסרעדן קיין דריי רוסישע ווערטער, פלעגט דאָך, ווען ס׳געשעפט האָט געפאָדערט, פאָרן אין דער גרויסער שטאָט, צו אונטערהאַנדלען מיט רוסישע אָנפירערס פון די אייזנבאַנען און פאַבריקן. ער פלעגט צוריקקומען מיט באַשטעלונגען פאַר זיין סחורה — אויסגעוואַקסענע אַלטע לייוונט, וואָס מען האָט גענוצט אויף ווישן און רייניקן די מאַשינען און פאַר די פּאַפּיר־פאַבריקן.

6

עטלעכע ווערטער וועגן דער יוגנט אין באַברויסק, ניט וועגן דער פּאַרטייִשער יוגנט, הגם מיינע סימפּאַטיעס זענען געווען מיט זיי און איך בין בכלל געווען אין מיין שטימונג רעוואָלוציאָנעריש. איך געדענק, אַז נאָך אין ראָמני האָב איך פונאַנדערגעוואָרפן פּראָקלאַמאַציעס פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי; אין „צווירקאָס" גימנאַזיע פלעג איך זינגען „גאָט באַגראָב דעם קייסער" אַנשטאָט „גאָט היט דעם קייסער". איין מאָל האָט מען מיך שיער ניט געכאַפּט ביי דעם און — מער וואָלט מיר דאַן ניט געפעלט!...

איך מיין אויך ניט די עלטערע יוגנט, ווי סאַרקיס דעם אַפּטייקערס קינדער, בלומע קאַצענעלסאָן, חילקע און עטיע אַלעקסאַנדראָוו, אוגאַרסקי, ליפּע לעווענסאָן, טשערניאַקס און אַנדערע. זיי זענען געווען נעענטער צו קיילען. איך בין געווען ווייט פון זיי.

איך מיין אָט די יוגנט, וועלכע איך האָב גוט געקענט: די שילערס, די עקסטערנס. מען פלעגט זיך טרעפן, חוץ אין ביבליאָטעק און אין כאָר, ביי אַ רוסישער אָדער יידישער פאָרשטעלונג, בעת אַ קאָנצערט און גאָר אָפטער אויף דער מוראַוויאָווסקער גאַס, ווו מען פלעגט שפּאַצירן הין און צוריק אַ סך מאָל, כמעט יעדן אָוונט. דאָרט פלעג איך טרעפן מיין צוקונפטיקע פרוי, קיילע ראַזאָווסקי, ציפּורה אייזענשטאַט — דער איינציקער פריינד אויף אונדזער חתונה אין אָדעס און קיילעס שוועסטערקינד פריידע קאַצענעלסאָן, איצט פריידע כאָמסקי אין כפר־אז"ר; דעם ברודער פון מענדל עלקין — איסאַק, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה; מענדלס שוועסטערס ראַזע און מאַניע; רבקה — עלקינס שוועסטער און די אָקונס.

איך האָב אויך באַגעגנט איינעם אַ בחור גרינשטיין, וועלכער איז מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1919, געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער קיעווער טשעקאַ. דאַן איז מיין שווער, בער ראַזאָווסקי, געווען אַרעסטירט, כדי פון אים אַרויסצובאַקומען אַ גרויסע קאָנטריבוציע, טראָץ דעם וואָס די באָלשעוויקעס האָבן שוין געהאַט ביי אים אַלץ צוגענומען. דער גרינשטיין האָט באַנומען דעם מצב און מיט זיין הילף (אָדער אָן זיין הילף) האָט מען מיין שווער באַפרייט.

מיר האָבן זיך דאַן באַקענט אַ ביסל נעענטער מיט דעם גרינשטיין. ער האָט אונדז איין מאָל געוויזן זיין רעוואָלווער און געזאָגט, אַז דעם זעלבן טאָג האָט ער דערשאָסן וויערא טשעבעריאַק. אַלע יידן האָבן דאַן געוווּסט, אַז וויערא טשעבעריאַק איז געווען דער וויכטיקסטער פאַלשער עדות אויף דעם טרויעריק־באַרימטן בייליס־פּראָצעס אין יאָר 1913.

איך דערמאָן דאָ מענדל עלקינס משפחה. זייער שטוב איז געווען אַ זייער אָרעמע, נאָר די קינדער און זייערע פריינד האָבן זיך דאָרט געפילט גוט און פריי. מענדלס באַשיידענע פאָטער און מוטער האָבן גוטוויליק זיך צוגעקוקט ווי די יוגנט פאַרברענגט און שטיפט אין הויז. אָפט מאָל האָב איך דאָרט איבערגענעכטיקט, ליגנדיק אויף אַ קאָלדרע אויפן דיל.

מענדל עלקין און זיין רבקהן האָב איך דאַן ווייניק געקענט. דער חילוק אין יאָרן איז געווען אַ צו גרויסער. איך פלעג זעלטן אַריינגיין צו זיי אין הויז מיט זייערע ברידער און שוועסטער — מיינע חברים. געווען איז עס אַ שיינע דירה, אָבער זעלטן האָט מען געפונען מענדלען אין דער היים. איך האָב געוווּסט, אַז מענדל איז געווען באַפריינדעט מיט אַ סך שרייבערס, ווי פּרץ הירשביין, ניגער, דאַניע טשאַרני, קאַלמאַנאָוויטש, ווייטער און אַנדערע. ער האָט אַ סך פון זיי פאַרהיט פון דינען אין דער אַרמיי, ווייל זיי האָבן כלומרשט געאַרבעט אין זיינע וועלדער, פאַר דער רעגירונג. האָט געפועלט ביי דער פּרץ־הירשביין־טרופּע צו שפּילן אַ לענגערע צייט אין באַברויסק. ער איז באמת געווען אַ יידישער מעצענאַט — אַ יחיד במינו אין באַברויסק. מיר האָבן זיך שפּעטער געטראָפן אין ניו־יאָרק, אין 1924, און זיך נאָענט באַפריינדעט. מענדל עלקין האָט אונדז צוגעצויגן צו אַקטיווער אַרבעט פאַרן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוו"א) און יידישן קולטור־לעבן אין ניו־יאָרק. אַ דאַנק אים זענען מיר געוואָרן באַוווּסטזיניקע „יידישע" יידן. געוואָרן אויך טעטיק אין איינער פון די שלום עליכם־שולן אין שטאָט.

7

פון דער באַברויסקער לאַנדשאַפט, פאַרבונדן מיט מיינע יוגנט־יאָרן, איז מיר פאַרבליבן אין זכרון דאָס וועלדל נעבן דער שטאָט: די ראָשטשע נעבן דער אַלטער באַברויסקער פעסטונג, ווו מיר פלעגן אָפט שפּאַצירן; דער טייך בערעזינאַ, דאָס היסטאָרישע אָרט פון נאַפּאָלעאָנס מפּלה, אָבער פאַר אונדז באַרימט ווי אַ פּלאַץ פאַר שווימען און שיפלען זיך. די וואַסערן פון

דער בערעזינאַ פלעגן אָפּט אַדורכשניידן גרויסע דאַמפּשיפן, און מיר פלעגן זיך שיפלען אין קליינע שיפלעך (אויף רוסיש דושעגובקאַ, ווייל עס איז לייכט געווען צו פאַרלירן דאָס לעבן אין טייך) אַזש ביז פּאַריטש — אַ יידיש שטעטל, פערציק מייל פון באָב־רויסק. אַט דעם שפּאַציר מיטן וואַסער האָבן אַ מאָל דורכגעמאַכט ראובן קאַצענעלסאָן מיט קיילען און שפּעטער האָב איך זיי נאָכגעטאָן מיט מיינעם אַ חבר.

*

נאָכן פאַרענדיקן די מיטלשול אין 1913 בין איך שוין זעלטענער געקומען קיין באָברויסק. די סיבה: אַ יאָר אין אויסלאַנד, די ערשטע וועלט־מלחמה, שפּע־טער די רעוואָלוציע, וואָס האָט געטריבן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער, פון איין אוניווערסיטעט אין אַן אַנדערן. איך פלעג דורכפאָרן באָברויסק און בלייבן דאָרט אויף עטלעכע טעג. דאָס זענען געווען קורצע באַזוכן. דאָס לעצטע מאָל, אין 1921, בין איך דאָרט געווען אַ ביסל לענגער, מחמת קיילע איז שווער קראַנק געוואָרן אויף אַסטמע, בעת אַ וויזיט ביי מיינע עלטערן. די באַקאַנטע דאָקטוירים אין באָברויסק ריי־גאָראָדסקי און פּאַפּערנאַ האָבן אונדז געעצהט צו פאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט פאַר איר קיין רפואה. אין יענער צייט האָט מען ניט געוווּסט, אַז שטויב איז איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פון אַסטמע און שטויב איז אומעטום געווען, פון קיין שטויב־זויגערס האָט מען דאַן, פאַרשטייט זיך, ניט געוווּסט.

מיר האָבן דעריבער אָנגעפאַנגען זיך גרייטן צו פאָרן קיין אויסלאַנד. געווען איז דאָס אין יאָר 1921. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזערע עלטערן און מיר האָבן זיי זינט דאַן שוין מער ניט געזען. מיט קיילעס פאָטער, אירע ברידער און שוועסטער האָבן מיר זיך, צום לעצטן מאָל, געזעגנט פאַרן אַוועקפאָרן פון קיעוו קיין באָברויסק. סיי קיילעס פאָטער און סיי מיינע עלטערן האָבן מסכים געווען צו אונדזער רייזע. זיי האָבן דאָס זיכער געטאָן מיט וויטיק אין האַרצן. אויך מיר האָבן געהאַט צער, ווייל מיר האָבן געפילט, אַז מען זעט זיך דעם לעצטן מאָל. אַזוי איז טאַקע געווען!

מיר האָבן זיך שוין מער ניט געזען, אָבער אַ לאַנגע צייט געווען פאַרבונדן דורך בריוו. איך און קיילע האָבן זיך געפילט גליקלעך, וואָס מיר האָבן זיי גע־קענט העלפן, ווי נאָר מיר האָבן זיך צו ביסלעך איינגעאָרדנט אין אַמעריקע. די מאַטעריעלע שטיצע האָט זיי געהאָלפן איבערצולעבן די שווערע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע — די יאָרן פון הונגער. מיר האָבן אָבער, צו אונדזער אַלעמענס צער, זיי ניט געקענט ראַטעווען פון די היטלער־שחיטות.

מיינע עלטערן, דוד און לנה (לאָנע) מינקין, און מיין פאָטערס צוויי שוועסטערס, לאה און רחל, האָבן די נאַציס אומגעבראַכט אין באָברויסק. מיין שוואָער בער ראַזאָווסקי און קיילעס שוועסטער רחל האָבן זייער לעבן פאַרלוירן אין קיעוו — אין באַבי־יאַר.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט פאַר אונדז דאָס קאַ־פּיטל באָברויסק. טראַכטן מיר אָפּט: ווען מיר וואָלטן פּלאַנירט צו פאָרן קיין אויסלאַנד, צווייפל איך שטאַרק, צי מיר וואָלטן געפאָרן זען באָברויסק. די גאַסן און די הייזער זענען, מסתמא, דאָרט די זעלביקע; אָבער ניט די מענטשן — אונדזער באָברויסק, די אייגנט־לעכע נשמה פון דער אונדז נאָענטער יידישער באָב־רויסק, איז דאָך מער ניטאָ.

אַט די באָברויסק לעבט אין אונדזער זכרון — די יידישע באָברויסק, פול מיט יידיש לעבן, מיט אַן אייגנאַרטיקער יידישער אינטעליגענץ און יידישע פאָלקסמענטשן, מיט יידישע פּראָבלעמען, מיט האָפע־נונגען אויף אויסלייז און באַפרייונג. אין אונדזער זכרון וועט אייביק לעבן די אומגעבראַכטע יידישע באָברויסק!

געקויפט עולם־הבא*

(פון אַ בריעף אין באָברויסק)

— און וואָס איהר שרייבט מיר מכח קומען קיין באָברויסק — מיטן גרעסטען פערגניגען!

וואָרום דערמאַן איך מיך מיין זיין אין באָברויסק, מוז איך מיך דערמאָנען אינ׳ם עולם הבא, וואָס איך האָב מיר געקויפט אין באָברויסק...

דאָס איז געווען — איהר געדענקט דאָך ווען איך בין געוועזן אין באָברויסק. איהר זייט דאָך אַ באָברויסקער.

ס׳איז געווען ווינטער צייט.

ס׳איז אויסגעפאַלען אַ שניי, נאָר דער שניי איז צוגאַנגען און ס׳איז געוואָרן... אַ בלאָטע.

די באָברויסקער בלאָטע דאַרף איך אייך ניט בעשרייבען: איהר זייט דאָך אַ באָברויסקער.

דער זאַל, וואו דער אָוונד איז געווען, האָט זיך אָנגעצונדען מיט אַ סך ליכט און לאָמפּען און האָט בעלייכט די בלאָטע ווייט אַרום און אַרום ביז דער אכסניה, וואו איך האָב געהאַלטען סטאַנציע.

און ווייל ס׳איז געווען ליכטיג און גאָרניט ווייט, האָב איך עולה רגל געווען פון דער סטאַנציע ביז׳ן זאַל מחילה צופוס.

געגאַנגען בין איך אַליין מיט מיין פעקיל כתבים, מאַנוסקריפּטען אויף צו לייענען.

אינאיינעם מיט מיר, נאָר אַ ביסעל אָן אַ זייט, איז געגאַנגען נאָך אַ מענש, גלייך מיט מיר געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, בעלויכטען פון די ליכט און לאָמפּען וואָס אין זאַל.

דער מענש, וואָס איז געגאַנגען און געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, איז געווען אַ נקבה.

פריהער איז זי געגאַנגען ביי דער זייט, דערנאָך, ווייטער־ווי־ווייטער, האָט זי גענומען אַביסעל נעהנטער צו מיר.

ביז זי איז צוגעגאַנגען צו מיר גאָר נאָהנט.

עס איז שוין געווען ניט ווייט פון זאַל.

— זאָלט איהר געזונד זיין — מאַכט זי צו מיר מיט אַנ׳אונטערטעניג שמיי־כעלע און פון איהר שפּראַך האָב איך פערשטאַנען, אַז זי איז אַ ליטוועטשקע — זאָלט איהר געזונד זיין, האָט קיין פאַראיבעל ניט וואָס איך בעמיהע אייך. איהר געהט דאָס אויף שלום־עליכם׳ן?

— וואָס איז דען?

— אויב אויף שלום־עליכם׳ן, האָב איך צו אייך אַ גרויסע בקשה.

— דהיינו?

— דהיינו איהר זאָלט מיך אויך נעמען אויף שלום־עליכם׳ן. איהר וועט

---

* געדרוקט אין דעם אָריגינעלן אויסלייג.

פערדיענען אַ מצוה. איהר וועט אייך קויפען עולם־הבא. איך בין איין אָרעם מיידעל, איך דיען דאָ אין אַ הויף. איך האַלט אויס אַ מאַמע מיט צוויי קליינע שוועסטערלעך, אַז איך קען אָפּרייסען אַ גראָשען, טראָג איך אָפּ צו גינצבורגן און לייה אויס אַ ביכעל אויף שבת. האָב איך געהערט, אַז שלום־עליכם איז דאָ. און איך וויל איהם זעהען. און עס קאָסט אַ קאַרב. און איך האָב ניט. זעהט, איך בעט אייך, פערדיענט אַ מצוה, נעמט מיך אויף שלום־עליכם׳ן. איהר וועט אייך קויפען עולם הבא! איהר ווייסט, ווי איך האָב מיך אַרויסגעריסען. מיין בעל־הבית׳טע די ארורה זאָל וויסען, וואָלט זי מיך צוריסען. זעהט, פערדיענט אַ מצוה, נעמט מיך אויף שלום־עליכם׳ן — איהר וועט אייך קויפען עולם הבא!

— גוט, איך וועל אייך נעמען אויף שלום־עליכם׳ן.

מיר זענען געווען ביי דער טיהר. דאָס הייסט ביי דער קאַססע.

— לאָזט דורך אָט דאָס מיידעל...

און איידער איך האָב מיך אַרומגעקוקט, איז זי שוין געווען אינווייניג און אויסגעמישט זיך מיט׳ן געדיכטען עולם, וואָס האָט אָנגעפּאַקט דעם זאַל פול און פול — ס׳איז אַזש געגאַנגען אַ רויך.

נאָר נישט דאָס, זאָגט דאָך דער זיידע מענדעלי, בין איך אויסען. מיר קערען זיך אום צו דער מויד.

ביי דער ערשטער פאָרלעזונג האָב איך נישט געזעהן קיין מויד און כמעט פערגעסן שוין, אַז איך האָב מיך גענומען קויפען עולם הבא.

צו דער צווייטער פאָרלעזונג האָב איך שוין באַמערקט אין דער צווייטער אָדער דריטער רייהע אַ שיינענדיקע לבנה מיט צוויי אויגען, וואָס האָבן זיך איינגעזויגען אין מיר ווי די פּיאַווקעס.

צו דער דריטער פאָרלעזונג האָט די לבנה אַרויסגעשיינט צו מיר פון דער ערשטע רייהע.

צום לעצט איז זי געשטאַנען צווישן אַ גאַנצער כאַליאַסטרע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט אַרום טישעל, געוואָלט זיין וואָס נעהענטער, און געהאַט חשק די דאָזיקע מויד אַוועקשטויסען אַביסעלע אָן אַ זייט, זיי האָבען אָבער נישט געטראָפען דעם פּלאַץ. אַ סברה, אַז זי וויל זיין נאָך נעהענטער פון אַלע. נישט קוקענדיג האָב איך געזעהן, ווי זי אַרבייט מיט די עלענבויגענס אויף ביידע זייטען, אויף רעכטס און אויף לינקס. איהר פּנים איז שוין געווען נישט מעהר אַ לבנה, נאָר אַ זונן, אַ תמוז׳דיקע זונן.

זאָגען אַז זי האָט מיך געהערט — איז ניט שייך. זי איז געווען מיט מיר צוזאַמען ביי אַלע מיינע העלדען, מיט זיי אינייינעם געלאַכט, מיט זיי אינייינעם געזיפצט. כמעט, קאָן איך זאָגן, אַז זי האָט מיר געהאָלפען לייענען. איך האָב אַריינגעקוקט אין מיינע שריפטן און דאָך האָב איך געזעהען, ווי זי לאַכט און ווי זי זיפצט און ווי זי שאָקלט מיטן קאָפּ און ווינקט מיט די אויגען.

איך האָב געענדיקט.

זי האָט ניט אַפּלאָדירט ווי אַנדערע, זי האָט נור אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ, פריהער צונומען ביידע הענד, דערנאָך אַ זעץ געגעבן זיך מיט די הענד אין קאָפּ אַריין, זיך געלאָזט געהן, אומגעקערט צוריק, אַ קוק געגעבן מיר אין פּנים אַריין און ווידער זיך געלאָזט געהן. ווידער זיך אומגעקערט און ווידער געלאָזט זיך געהן.

דערווייל האָט מען געגומען אַרויסטראָגן די בענקלעך. נאָכן אָוונט דאַרף מען טאַנצען, ווי געשיקט זיך עס אַ ליטעראַרישער אָוונט אָהן טענץ? מה יאמרו הבריות — וואָס וועלן לייטען זאָגען? גוים טאַנצען, דאַרפען מיר נאָכטאַנצען. טאַנצט אייך געזונדערהייד, איך וועל מיר געהן אַ היים.

אָפּגעקיהלט זיך, האָב איך גענומען מיין פעקל כתבים און מאַרש אַ היים.

אַרויסגעכאַפּט זיך פון זאַל. — פינסטער חשך, ווי געוועהנליך נאָך אַנ׳אָוונד אין באָברויסק, איך דאַרף אייך ניט דערצעהלען: איהר זייט דאָך אַ באָב־רויסקער...

ביז מיינע באַגלייטערס, אַ פּאָר יונגעלייט האָבען אָפּגעזוכט זייערע קאַלאָשען, בין איך דערווייל געבליבען שטעהן איינער אַליין אין דרויסען, ביי דער טיהר, און אַ ווײַלע איינגעקוקט זיך אין דער באָברויסקער פינסטערניש.

פּלוצים, פון וואַנען עס נעמט זיך ניט אַ פּאָר הענט, פעסטע, געזונדע וואַרעמע הענד אַרום מיין האַלדז, צוגעצויגען מיין קאָפּ און אַ קוש, אַ הייסער, אַ פריינד־לעכער, אַ הילכיקער קוש איז מיר געשענקט געוואָרן.

— אַ געזונד אָף אייך! לאַנג לעבען זאָלט איהר! עולם הבא האָט איהר אייך געקויפט...

אַ גליק וואָס איז געווען פינסטער; אַ גליק וואָס מיינע בעגלייטער האָבן געזוכט די קאַלאָשען; אַ גליק וואָס קיינער האָט ניט געזעהן דעם עולם הבא, וואָס איך האָב פערדיענט.

מיינע בעגלייטער זענען אַרויסגעקומען מיט אַ לאַנטערן, וואָס האָט בעלויכט די באָברויסקער בלאָטע.

מיר האָבן געשמאַק געטיאָפּקעט אין דער בלאָטע, אַלע גערעדט פונ׳ם אָוונד, געשמועסט און געלאַכט.

אינאיינעם מיט אונז, נאָר אַביסעל ביי אַ זייט, האָט געטיאָפּקעט נאָך אַ פיגור.

די פיגור האָט זיך גענומען לינקס, זיך אָפּגעטיילט פון אונז און פערשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער באָברויסקער נאַכט.

גריסט דעם ה׳ מ. אויך אַלע באָברויסקער ליעבהאָבער פון עולם הבא.

(„באָברויסקער וואָכענבלאַט")

ד. ב. סלוצקי

רייזע־נאָטיצן

די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „נאָך אַ שריפה ווערט מען רייך". אויף באָברויסק פּאַסט דאָס ווערטל אין דער אמתן.

צוריק מיט אַ צען־פופצן יאָר, פאַר דער גרויסער שריפה, איז באָברויסק געווען אַ פאַרוואָרפענע חושכדיקע כתרילעווקע. ווער האָט דעמאָלט געוווּסט פון באָברויסק? און טאָמער פלעגט מען זי יאָ אַ מאָל דערמאָנען, האָט מען זיך מתכוון געווען ניט צו איר, נאָר צו דער פעסטונג, וואָס האָט פאַרלאָרן איר באַדייטונג נאָך מיט וויפל יאָר צוריק. דעם רעכטן שם האָט באָברויסק באַקומען ערשט נאָך דער שריפה. און ניט אומזיסט. ווייל צייט יידישע שטעט ברענען ר"ל, האָט נאָך קיינע זיך אַזוי ניט אָפּגעשרפהט, ווי באָברויסק. דערפאַר אָבער איז מיט איר געשען אַ גרויסער נס. ווי דער פויגל חול (פעניקס) פון דער אגדה, איז די שטאָט אַרויס פון אייגענעם פייער אַן אויפגעלעבטע, באַנייטע און יונגע, ניט צו דערקענען: שיינע ברוקירטע גאַסן, ברייטע טראָטואַרן, גרינע ביימער, לייטישע מויערלעך, גאַסן־באַלייכטונג; אַ טעלעפאָן, שילדן אַ־לאַ בערדיטשעוו, נאָר אויפן ליטווישן מאַניער: „גאַלאַנטעריינע", „באַקאַליינע", מיטן קמץ... רייכע און גוט איינגעאָרדנטע קראָמען. אין קיין שום יידישער שטאָט האָב איך נאָך ניט געזען אַזעלכע ריינע קאַלאָניאַל־געשעפטן, ווו מען גיט פּוטער ניט מיט די פינגער און אַלע עסנוואַרגן ווערן איינגעוויקלט אין ריין פּאַפּיר, אַן פלעקן. טאַקע נאָר אַ ברכה צו מאַכן...

היינט די יידן — גאָר נייע ברואים געוואָרן, היינטמאָדישע, אויפגעגרויסטע, אויפגעהויבן די קעפּ, תקיפים! דער באָברויסקער בעל־הבית האַלט אין איין ווערן רייך. דאָס איז ניט קיין דל וקופץ בראש, נאָר טאַקע אַ ייד אַ סוחר, וואָס, קאַטאָרי מאַבט, קיין עין־הרע, ניט קיין שלעכטע געשעפטן. אַנהייב זומער, ווי נאָר עס „עפנט" זיך דער טייך, ווערט אַ לעבן. די אָנגעזעצענע בעלי־בתים און גבירים זענען אין דער צייט אויפן „ניז" (אין יעקאַטערינאָסלאַוו) מיט זייערע פּאַרטיעס טראַטוועס (פליטן). ווער עס וואַרט אויף זיין אַטשערעד (ריי) אויף די „פּאַראָגען", וועמענס עס איז שוין דורכגעגאַנגען. ביי די לעצטע איז ששון ושמחה, די ערשטע זענען אָנגעבלאָזן. שטאָט קוקט אַרויס אויף זיי, ווייל זיי ברענגען קאַפּיטאַל. ווער עס קומט מיט אַ ברייטער קעשענע — פרייט זיך די שטאָט מיט אים. ער קליידט זיך און פּוצט זיך, גיט אַ צווייטן פּאַרדינען, קויפט זיך אַ גראַמאָפאָן און לאָזט אים שאַלן בהרחבה איבער דער ברייטער גאַס: „שטויסט זיך אָן, זייט ניט קיין יאַלדן"...

זיך אַליין האַלט ער געוויס ניט פאַר קיין יאַלד. אַלס אויפגעקומענער נגיד, וויל ער יענעם אויך אַ טובה טאָן... עצהט ער, זאָגט דעות. ווייל איצט איז ער דאָך דער חכם און, דוכט זיך, טאַקע דער בעל־יחוס. זוכט איינער אין די אַרכיוון גבית־עדות און אין דעם העברעישן זאַמלבוך, וואָס איז דערשינען אין באָבר'ויסק, ווייל דערווייזן, אַז באָברויסק עקזיסטירט נאָך פון ארתשחסתא־יאָרן... אויף אַ בערגל נעבן וואָקזאַל וועט מען אייך אָנווייזן אַן אָרט, אַרומגעזוימט מיט לינדן, און דערציילן, אַז דאָס איז אַ מאָל געווען אַ יידישער בית־עולם. מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען מען האָט געבויט די פעסטונג, האָט מען די קברים אויסגעגראָבן און די ביינער איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט. נאָר איין קבר, פון אַן אומבאַקאַנטן צדיק, האָט זיך ניט געלאָזט נעמען. האָט מען פון „אויבן" באַפוילן אים ניט צו רירן און אַרומצוימען דאָס אָרט. היינט וועט מען אייך דאָ אָפּלייקענען כלל, אַז באָברויסק איז אַ מאָל געווען אָרעם. אדרבה, זי איז תמיד געווען גבירה אדירה, נאָר אַ באַהאַלטענע, פאַרשטעלטע, און איצט איז געקומען די צייט נתגלה צו ווערן פאַר דער וועלט...

ווי אַזוי איז אָבער באָברויסק נתגלה געוואָרן? איז טאַקע ווידער דער איינציקער תירוץ: האָלץ! די גאַנצע געגנט האַלט זיך אויפן וואַלד. מיט האָלץ ווערט מען דאָ געבוירן און מיט האָלץ אויך באַגראָבן. דער וואַלד־האַנדל האָט זיך אין באָברויסק אַנטוויקלט ערשט ניט לאַנג. אַ יאָר פופצן, זינט דער באַן־טאַריף איז געוואָרן ביליקער. פריער, אַז מען האָט געהאַט נאָר איין וועג — דאָס וואַסער — האָט מען געברויכט צו האָבן גרויסע קאַפּיטאַלן, כדי צו טרייבן גרויסע

פּאַרטיעס. איצט לוינט שוין צו שיקן קליינע מיט דער באַן, און די קליינע קאַפּיטאַלן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין מסחר. דערהויפּט ווערט פון דאַנען געלי־פערט אויסגעאַרבעטע האָלץ־מאַטעריאַלן און כלים. עס האָבן זיך אין דער סביבה געעפנט העכער דרייסיק זעג־מילן. ס'זענען צוגעקומען, אויסער דעם פריערדיקן דרום־מאַרק, נאָך פיל אויסלענדישע. עס ווערן געשיקט אין אַ גרויסער צאָל שפּולן (שוועלן), דעמבענע קלעפּ־קעס קיין עסטרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד; אַלערליי סאָרטן ברעטער קיין בעלגיע. דאָ ווערן אויסגעאַרבעט פעסער (פאַר ראַסטאָוו), שינדלען (פאַר דרום), לאָפּאַ־טעס (פאַר די באַנען), אבאדעס (פאַר קאַווקאַז, דאָנער געגנט, כערסאָן), מולטערס א. א. וו. אַ מסחר איז אויך האָלץ־קוילן, וואָס ווערן געשיקט אין בערלינעס און וואַגאָנעס אויף דרום.

די אַלע עסקים ליגן כמעט דורכויס אין יידישע הענט. די יידן האָבן זיי טאַקע איינגעפירט דאָ און ענערגיש אַנטוויקלט. אינעם מסחר נעמט אַ גרויסן אָנטייל דאָס דאָרף. דער ייד גיט דעם פּויער מוסטערן און יענער אַרבעט עס אויס, ווינטער, אויפן קוסטאַרנעם אופן. אַרום די סוחרים דרייט זיך אַ גרויסע צאָל אַנגעשטעלטע, פּאַרמיטלערס, קאָמיסיאָנערן, בלויז יידן. דער פּויער איז ניט אַזוי אָרעם, ווי אין אַנדערע ערטער, און גיט צו לייזן אין שטאָט די קראָמען. פון די דערפער און קליינע שטעטלעך שטראָמט אַהער דער יידישער קאַפּיטאַל און פירט איין געשעפטן. ווי נאָר אַ ייד שלאָגט צונויף אַ רעכט קערבל, הייבט עס אים אָן צו ציען אין שטאָט אַריין: ווער צוליב קינדער־דערציונג, ווער צוליב דעם, וואָס אַ דאַנק די נייע פאַרפאָלגונגען האָט ער ניט וואָס צו טאָן מער אין דאָרף, און ווער — ווייל עס ווילט זיך, פּשוט, לעבן בעסער, קולטורעלער. צוליב דעם וואַקסט טאַקע די שטאָט. דער פּרייז אויף הייזער און פּלעצער שטייגט.

די שריפה, פון איר זייט, האָט אויך געווירקט צום גינסטן פון דער שטאָט. צום גליק איז די שריפה אויס־געבראָכן אין דער צייט, ווען באָברויסק האָט אָנגעהויבן וואַקסן און ווערן רייך, אַזוי, אַז די שריפה־ווונדן זענען גיך געוואָרן פאַרהיילט. היינט טאַקע דער האַלבער מיליאָן רובל נדבות, וואָס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף דער שטאָט, האָט דאָך אויך עפּעס געהאַט ממשות. איז טאַקע מעגלעך געווען באַלד צוריק אויפ־צושטעלן די חורבות. אַנשטאָט בויען, האָט מען גענו־מען מויערן, און דאָס אויפמויערן פאַר אַ פּאָר יאָר אַ גאַנץ גרויסע שטאָט האָט געגעבן פיל פאַרדינסט די היגע בעלי־מלאכות. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיט אַ מאָל אויפגעהויבן די שטאָט צו אַ גרויסער מדרגה.

אמת, ווידער אַ מאָל הייבט זיך שוין אָן צו פילן אויף דער סלאָבאָדאַ און אויף „מינסקער פּלאַן” דער דלות, נאָר מען זעט אים שוין ניט אַרויס ווי אַ מאָל. דער „מינסקער פּלאַן”, וואָס איז געווען דאָס זעלבע, וואָס דער ראַי אין האָמעל, זעט איצט שוין אויס אַ סך לייטישער, דאָך קרעכצט מען דאָרט שטאַרק. די אַר־בעט אין שטאָט האָט זיך אויסגעלאָזט, דער יקרות איז געוואָרן גרויס — און דער דלות האָט גענומען פייפן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט מעכב־הקריאה געווען אינעם גרויסן בית־המדרש, מען זאָל עפּעס אויפטאָן פאַר די אָרעמע־לייט, וואָס קאָנען ניט אַריבערטראָגן דעם יקרות.

דאָך מאַכט באָברויסק פאָרט אַ גוטן רושם מיט איר לעבעדיקייט און ווילשטאַנד. איי די אָרעמע־לייט? איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט אַ יידישע שטאָט געהאַט אָן זיי? בפרט נאָך, אַז עס איז דערויף פאַראַן מפורשע גמרא: יאה עניותא לישראל.

דער גוטער עקאָנאָמישער צושטאַנד האָט געווירקט צו גוטן אויף די באָברויסקער יידן, איבערהויפּט אויף דער היגער יוגנט. זי זעט אויס פרייער ווי אין אַנדע־רע שטעט. אַ מאָל, דאָס הייסט, ביז קאַסאַס צירקוליאַר, איז כמעט די גאַנצע שטאָט געווען עקסטערנס, און ניט פון בטל־אַרומגיין, נאָר טאַקע אפשר פון ווילטאָג. אין באָברויסק האָט מען געשמאַק געלערנט דעם קורס. איצט איז געוואָרן אויס עקסטערנס, און ווי אומעטום, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו בוכהאַלטעריע; ווער צו לערעריי, ווער עס עמיגרירט קיין אַמעריקע, ארץ־ישראל; די רעשט, וואָס די עלטערן לאָזן זיי ניט עמיגרירן, און בוכהאַלטערס ווערן שטייט זיי ניט אָן — לערנען ענגליש. ענגליש איז אין באָברויסק שטאַרק אין דער מאָדע. אַלע לערנען ענגליש. דאָס „ספּיקען ענגליש” האָט דאָ אויסגעבילדעט אַ נייעם מין טרוימער, עפּעס מעבר־לימעדיקן. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט, מערסטנס גימנאַזיסטקעס, וואָס האָבן געענדיקט דאָס לערנען, און בחורים, וואָס זענען נאָך ניט אַריינגעטראָטן אין טעגלעכן לעבן־טומל, טרוימט, איז פאַרנומען מיט וועלט־טרויער, מיט פאַנטאַסטישע פּלענער פון מאַין־ריד און זשול ווערן: גייט אָפּט פאַרנאַכט אינעם בעראַזע־וועלדל, ווייט ביי דער פעס־

טונג „שווייגן און טרוימען”... און אַז איר זאָלט זיך אַריינכאַפּן אַהין אין אַ זומערדיקן לבנה־אָוונט, וועט איר זען באָברויסקער טרוימער פאָרלעכוויז, בלייכע, מיט פאַרנעפּלטע אויגן, אַרומגיין לאַנגזאַם און שטיל — און שווייגן...

דאָס איז אַ מין ספּעציעלער באָברויסקער שווייגן.

דאָך אַזוי, בכלל, קאָן מען ניט זאָגן, אַז באָברויסקער יוגנט ריכט אָפּ גלות. באָברויסק איז ניט פּינסק.

דאָ זענען דער רוב בחורים דווקא פריילעכע און די מיידלעך זענען אויך ניט קיין אומעטיקע, און דער עולם האַלט זיך אונטער, איז לוסטיק. קאָרטן גייט אויך אָן, שאַכמאַט, ביליאַרד — די דאָזיקע תענוגים בליען אפילו אום זומער אויך. און אַרום פיר פאַרטאָג קאָן מען באַגעגענען פאַרטיעס פאַרמאַטערטע יונגעלייט.

(„הײַנט”, 1912, נומ׳ 268)

דער טונקעלער

באָברויסק*

א. די געאָגראַפישע לאַגע

אַזאַ אויסזען האָט שוין באָברויסק.

אַ גאַנצע שטאָט, ווי אַ הינטערשטאָט.

איר פאָרט און פאָרט און איר מיינט אַלץ, אַז דאָס פאָרט איר הינטערן שטאָט, אַז דאָס איז אַלץ די אומגעגנט פון באָברויסק און אַז באַלד וועט קומען די אמתע רעכטע שטאָט. ערשט שפּעטער, ווען איר כאַפּט זיך אין דער צווייטער עק שטאָט — צווישן אַ גרויסן פּוסטן „פּאָליגאָן”־פּלאַץ און אַ שיטער וועלדל, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ראָשטשאַ” — פאַרשטייט איר דאַן, אַז איר זענט שוין די שטאָט דורכגעפאָרן, און איר בעט דעם פורמאַן פירן אייך צוריק און פאַרפירן אייך אין אַן אכסניה.

צווישן אַלע גרויסע שטעט אויף דער וועלט וואָלט איך באָברויסק אַמגיכסטן פאַרגליכן מיט — ניו־יאָרק. אמת, די צאָל איינוווינער, דער מסחר, אינדוסטריע און באַוועגונג אין די גאַסן און די מויערלעך זענען אפילו ניט גאָר גלייך צו ניו־יאָרק, און אפילו דער באָברויסקער „פּריסטאַן” אויף דעם טייך בערעזינאַ אין סאַמע ברען פון זומער־סעזאָן, ווען די פאַראַכאָדן רייסעווען צווישן באָברויסק און די כרכים פאַריטש, דאָמינאַווא און בערעזין, און די גאַנצע באָברויסקער יוגנט לאָזט זיך אַרויס צו שיפן זיך אויף לאָדקעס, און ניקאָלאַי דער לאָדקע־גוי שעברעוועט דעמאָלט געלט, כמעט אַזוי פיל, וויפיל די האַמבורג־אַמעריקאַן ליניע, דאָס אַלעס אפילו קען מען ניט פאַרגלייכן מיט ניו־יאָרקער פאָרט.

אלא, מיט וואָס דען איז באָברויסק ענלעך אויף ניו־יאָרק? — מיטן פּלאַן. ווי ניו־יאָרק, אַזוי באָברויסק זענען געפּלאַנעוועט קוואַדראַט־מעסיק. פּירעקעדיק; אַזוי, אַז די גאַנצע שטאָט זעט אויס ווי אַן אמתע שאַך־ברעט.

די צרה איז נאָר, וואָס אָט די דאָזיקע גוט און ריכטיק, קוואַדראַט־געפּלאַנעוועטע גאַסן זענען אַממיינסטן ניט מער ווי גוט געפּלאַנעוועטע זאַמד־מדבריות אין זומער־צייט און בלאָטעס אַ גאַנץ יאָר. הויפּטזעכלעך די בלאָטעס. די בלאָטעס אין באָברויסק זענען שוין, דאַכט זיך, געוואָרן אַ שם־דבר אויף דער וועלט, אַ מין זעהענס־ווירדיקייט, ווי דער אייפל־טורעם אין פאַריז, ווי די פּיראַמידן אין קאַהיר, ווי דער בריטישער מוזיי אין לאָנדאָן און דער ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל אין אַמעריקאַ.

פאַראַן אַ סך ווערטן און וווּנדער אויף דער וועלט, וואָס שפּילן די הויפּט־ראָל אויף אַ באַשטימטן אָרט, זענען אַרומגעבויט מיט האָטעלן, אכסניהס, רעסטאָראַנען, פאַרוויילונגס־פּלעצער וכדומה, נאָר דאָס איז

* באָברויסק וועט מיר אַנטשולדיקן מיין לייכטן טאָן. איך ווייס, אַז באָברויסק איז אַ גאַנץ גוטע שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער קהילה, מיט אַ סך שיינע און נוצלעכע אינסטיטוציעס, ווי די ליי־ און שפּאָר־קאַסע, וואָס דינט אַלס אַ מוסטער אין הונדערטער פּראָווינציעלע שטעט אַרום, מיט דער „רעמעסלענע אוטשילישטשע” (האַנטווערקער־שול — רעד.), מיט דער פאָלקס־ביבליאָטעק וכדומה, וואָס פאַרדינען מען זאָל וועגן זיי זאָגן אַן ערנסט וואָרט, נאָר וועגן דעם אַ צווייטן מאָל.

אַליץ אַ טפּל, אַ ביי־זאַך, כּדי אויסצונעמען ביי די טו־ריסטן און רייזנדער. דער עיקר אָבער בלייבט די זעהענס ווירדיקייט, אַזוי, למשל, איז ביי די שווייצער־בערג, ביי דעם ניאַגאַראַ־וואַסערפאַל אז"וו. דאָס זעלבע איז אויך אין באַברויסק מיט די בלאָטעס, עס שיינט, ווי זיי וואָלטן זיין דאָ די הויפּטזאַך. ווי זיי וואָלטן שפּילן די הויפּט־ראָל, דער מיטל־פּונקט. נאָר גלאַט אַזוי זיך, אגב אורחא הייסט עס, איז אַרום די בלאָטעס אויסגעבויט עטלעכע הייזלעך אויך...

אַ באַברויסקער ייד לעבט, אייגנטלעך, צווישן צוויי פּעריאָדן אין יאָר. צווישן שטויב און בלאָטע, זאָגאָר דער סאַמע שטרענגער ווינטער מיט די שטאַרק־סטע פרעסט, וואָס שטעלן אַוועק די גרעסטע טייכן און ימען, האָבן ניט די שליטה איבער די באַברוי־סקער בלאָטעס, וועלכע הערן די פרעסט ווי דעם קאָטער און בלייבן זיך רויק ברייט, גרויס און מלכות־דיק אין זייערע ברעגן פונאַנדערגעגאַנגענע און שפּיג־לען אָפּ די אַרעמינקע הייזלעך און לאַמטערנעס, ממש ווי ווענעציע; אָדער שטורמען, ברויזן, צאַרענען און טרייבן כוואַליעס, ווי דער ים אוקינוס.

ב. שפּראַך

אַז באַברויסק איז אַ יידישע שטאָט — דאָס איז געוויס באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט. און דאָס קענט איר באַמערקן ביי אייער ערשטן אַריינפאָר. און טאַקע צוליב דער שפּראַך, מחמת אַלע רעדן דאָ... רוסיש.

שטעלט איר אָפּ אַ ייד און פרעגט ביי אים, ווו וווינט דער און דער, און אַז דער ייד וועט אין אייך באַמערקן, אַז איר זענט אַ שטיקל „אַנטיליגענט" און איר זענט מסוגל צו פאַרשטיין רוסיש אויך, וועט ער אייך ענטפערן ניט אַנדערש ווי אין רוסיש. און אַז איר פרעגט אים, פאַר וואָס, פעטערקע, רעדט איר עפּעס רוסיש, האָט ער אַ תירוץ. אַ באַברויסקער ייד וועט זיך מיט אייך ניט אַריינלאָזן אין לאַנגע חקירות ודרי־שות און ויכּוחים וועגן שפּראַך, נאַציאָנאַליזם, צוקונפט אדג"ל. ער האָט זיין אייגנאַרטיקן תירוץ, ער דאַרף — זאָגט ער — „אופּראַזשניאַיען" זיך. עס קומט צו נוץ. און גיי מאַך עפּעס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי באַלד באַברויסק איז אַ יידישע שטאָט, הערט מען דאָ רעדן יידיש אויך... נאָר דאָס ווענדעט זיך ווו און ווען. ביי אַנדערע יידן איז די שפּראַך איינגעטיילט לויט דער צייט. אין מיטן וואָך, למשל, רעדט ער יידיש, נאָר אום שבת ויום־טוב — רוסיש. ביי אַנדערע, ווידער, איז עס לויט דעם אָרט: געפינט ער זיך אין די נידעריקערע גאַסן, לאָמיר זאָגן, סלאָבאָדע, „אַלטן שליאַך", הינטערן „נאָסיפּ", וועט ער רעדן יידיש. קוים כאַפּט ער זיך אַריבער אין די העכערע גאַסן, לאָמיר זאָגן, „שאָסיינע", „מוראַ־וויאָוועסקע גאַס" אָדער „מינסקער פּלאַן", וועט ער מיט אייך רעדן נאָר רוסיש.

אָט האָבן זיך חתן־כּלה פון אַ נידעריקער סלאָ־באָדע־געסל געלאָזן אויף אַ שפּאַציר. איר גייט זיי נאָך, איר הערט זיך צו — זיי רעדן יידיש, נאָר אָט קומען זיי שוין צו דער גרענעץ, עס איז שוין „ראַבי־נאָוויטשעס גאַס". עד כאן. דאָ מוז מען שוין אָנהייבן אַן אַנדער שפּראַך. עס קומט די העכערע טייל פון שטאָט און עס דרייען זיך ביי זיי פּלוצלונג איבער די צינגער, און ס'גייט אַוועק אַ רוסיש, אַז רחמנא יצילנו...

ג. מסחר

מיט וואָס באַשעפטיקט זיך אַ באַברויסקער ייד?

גייט, זייט מוחל, אַרויס אין גאַס, וועט איר הערן וועגן וואָס מען רעדט, וועט איר פאַרשטיין, מיט וואָס אַ באַברויסקער ייד באַשעפטיקט זיך.

דוב, זעקסער זעקס, גרוזן, קראַקווע, מיעלאָטש, היילע „פּינפּן" אויסגעהאַלטן, דירעקטאָר, אינספּעק־טאָר, דיעליאַנקע, אַנגעקומען, פּראַצענט־נאָרמע, עקזאַ־מען, וואַגאָנעס, „סרעזשיט", פּליטן, נאַגראַדע, אָלכע, מעדאַל, ברעטער און נאָך און נאָך אַזעלכע ווערטער. פון דעם דאַזיקן ווערטער־מישמאַש איבערצייגט איר זיך, אַז אַ באַברויסקער ייד האָט, אייגנטלעך, צוויי געשעפטן: וואַלד־מסחר און „אַריינמאַכן" אַ זון אין גימנאַזיע. וועלכער פון דיביידע מסחרים איז ביי אים ברענענדיקער און שאַרפער? און וועלכער גע־שעפט פון די ביידע בלייבט בכלל אין באַברויסק אַמבעסטן? איר וועט מסתמא גלייך זאָגן, אָט דאָס ערשטע, ס'הייסט, דער וואַלד־האַנדל, און איר וועט מיר באַלד ברענגען אַלס באַווייז די פּראָטעסטירטע וועקסעלעך, וואָס מערן זיך דאָ און וואַקסן, ווי שוועמ־לעך נאָך אַ רעגן. בין איך מיט אייך מחולק — איך האַלט, אַז דאָס צווייטע געשעפט, ד.ה. דאָס „אַריינ־מאַכן" דעם זון אין גימנאַזיע שפּילט דאָ אַ גרעסערן

אַרט. איך וועל דאָס אייך באַווייזן מיט ראיות ברורות: צוליב דעם וואַלד־האַנדל וועט אַ באָברויסקער ייִד פאָרן קיין האָמליע, העכסטנס קיין מינסק. צוליב דאָס צווייטע אָבער וועט אַ באָברויסקער ייִד פאָרן קיין האָמליע, קיין מינסק, קיין ווילנע, קיין בויבעריק, קיין האָצע־פּלאָץ, קיין סאַמע פּעטערבורג. צוליב דאָס ערשטע וועט אַ באָברויסקער ייִד פאָרן זען זיך מיט אַ מעקלער, מיט אַ לעסניטשי, העכסטנס מיט אַ פּריץ; צוליב דאָס צווייטע וועט ער פאָרן „זען זיך" (ס'הייסט אָפּשלאָגן די הינטער־טירן) מיט אַ דירעקטאָר, מיט אַ פּאָפּיעטשיטעל, מיט אַ וויצע־מיניסטער און אפילו מיטן סאַמע מיניסטער אַליין. צוליב דעם ערשטן מסחר וועט אַ ייִד אַ באָברויסקער צונעמען זיין זון, האַלטן אַ פּריקאַזשטשיק, אַ משולח, אַ בראַקער, און יוצא. צוליבן צווייטן געשעפט וועט ער אייך איינשפּאַנען דאָס גאַנצע הויז־געזינד, דאָס ווייב, די קינדער, קרו־בים, באַקאַנטע, צדדים, שתדלנים, כאַדאַטאַיעס, און וואָס נאָר עפּעס „אַ פערד־פוס־בייטש־פּאַדקאָווע", וועט ער לאָזן אין גאַנג אַריין און אַלע זאָלן אַרבעטן אויף אַלע כלים און אַנקלאַפּן אין אַלע טירן, אַבי זיין זון זאָל דאָך אַריין אין דער גימנאַזיע.

און נאָך אַ ראיה האָב איך, אַז דער ענין גימנאַזיע פאַרכאַפּט דעם באָברויסקער ייִד אַ סך מער ווי אַלע געשעפטן פון אַ גאַנץ יאָר. והראיה, אַזוי שפּיציק, איינפּאַלנד און געשייט, ווי דער ענין גימנאַזיע האָט אים געמאַכט, האָט אים קיין געשעפט אין דער וועלט ניט געמאַכט: אויף אַזעלכע המצאות פאַלן — דאַרף מען קענען.

אָט האָט, למשל, אַ באָברויסקער ייִד, וואָס וויל אַריינשטופּן אַ זון אין גימנאַזיע, מנדב געווען צוואַנ־ציק טויזנט ציגל אויף אַ פּאַרקאַן אַרום קלויסטער. וועט איר דאָך פרעגן: מה ענין שמיטה לבאַרג סיני? ווי קומט גימנאַזיע צו אַ פּאַרקאַן אַרום אַ קלויסטער? — מסתמא איז יאָ דאָ אַ שייכות, און מסתמא דאַרף מען אַזוי. אַ באָברויסקער ייִד וועט ניט מויערן קיין פּאַר־קאַנעס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, מיר־ניט דיר־ניט. אַ באָברויסקער ייִד ווייס וואָס ער טוט!

נאַטירלעך, וועט איר דעם דאָזיקן מעכאַניזם ניט לייכט פאַרשטיין, דעם דאָזיקן דעטערמינאַלאָגישן צו־זאַמענהאַנג ניט באַגרייפן, די דאָזיקע געקייטלטקייט פון סיבות וועט איר ניט דערגיין, ווען איר זאָלט אפילו זיין מיט טויזנט קעפּ. איר וועט גיכער אויס־געפינען, וואָס ס'איז פריער באַשאַפן געוואָרן: צי די הון, צי די איי; ווי וואָלט די וועלט אויסגעזען, ווען ביי קלעאָפּאַטרען וואָלט געווען אַן אַנדער נאָז און וואָס פאַר אַ פּנים די גאַנצע מענטשהייט וואָלט איצט געהאַט, ווען דעם מענטש וואָלט געפעלט דער גראָ־בער פינגער און נאָך אַזעלכע היסטאָריש־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אָבער פאַר קיין פאַל וועט איר ניט אויס־געפינען, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט אַ געמויערטער פּאַרקאַן אַרום אַ קלויסטער צו אַ גימנאַזיסטן־שינעל.

איך קען דאָך אייך אָבער, איר זענט אַ ייִד אַן עקשן און איר וועט מיר אַ זאָג טאָן: עט, ס'איז גאָר־ניט אַזוי די געשיכטע. באָברויסק איז נאָך גאָרניט אַזוי פאַרגימנאַזיעוועט. אַ שטאָט איז ניט הפקר־פּעטרישקע, והראיה, אָט האָט זיך אָפּגעזוכט אַ צווײ־טער ייִד, אַ באָברויסקער נגיד, וואָס האָט אַנגענומען קנאת ד' צבאות, וואָס האָט געמאַכט יעלות אין הימל אַריין: ס'טייטש! אַ ייִד זאָל גאָר שטעלן אַ פּאַרקאַן אַרום אַ קלויסטער! ס'טייטש, אַז דער בית־הקברות איז ביי אונדז אַזוי פאַרלאָזן, ענג, און אַז מען לייגט שוין פאַרנוויז, ממש ווי אַ שטרודל! דער מושב־זקנים — ווי אַן אַלטמאָדישער הקדש! דער „לינת צדק" שלאָפט! אין שפּיטאָל פעלן בעטלעך, מכשירים, אַרעמע־לייט האָבן ניט וווּ צו היילן זיך! דאָקטוירים ווילן ניט פאָרן, רייסן די הויט וכדומה. און נאָך אַזעל־כע קריוודעס האָט זיך דער נגיד אַנגענומען.

טאָ זאָלט איר מיר מוחל זיין, איר קענט ניט דעם באָברויסקער נגיד. אַ באָברויסקער נגיד האָט די אַלע זאַכן אין דער לינקער פּיאַטע אויך ניט. אלא וואָס דען?.. — גאַנץ פּשוט: דער דאָזיקער נגיד, וואָס האָט זיך אַנגענומען גאָטס קריוודע, וואָס נעמט זיך אַזוי אָן פאַר דער שטאָט פלאַם־פייער, וואָס פירט אָן די דאָזיקע מחלוקת לשם שמים, אָט דער דאָזיקער ייִד האָט אויך אַ זון און דער זון דאַרף אויך אַנקומען אין גימנאַזיע, און באַקאַנטע ערטער איז דאָ אַזוי ווייניק. שטייט אים יענער גביר מיט זיין געמויערטן פּאַרקאַן, ווי אַ ביין אין האַלדז. אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

ד. באַוועגונגען און שטרעמונגען

די שטאַרקסטע באַוועגונג איז, נאַטירלעך, אין מאַרק צווישן די קראָמען, און ניט חלילה פון קונים. פון קונימס וועגן וואָלטן אַ סך באָברויסקער קרעמער פאַרקלאַפּט דאָס קרעמל אויפן טשוועקל און געגאַנגען

אַהיים שלאָפֿן. נאָר די באַוועגונג, וועגן וועלכער איך רעד, נעמט זיך דערפֿון, וואָס די קרעמער צעיאָגן זיך נאָך גמילות־חסדים. דעמאָלט קענט איר מיינען, אַז דאָס איז גאָרניט דער באַברויסקער מאַרק, נאָר אַ יריד אין ניזשני נאָווגאָראָד. הגם, אין תוך גענומען, איז עס ניט מער ווי אויפֿן הימל אַ יאַריד... און אַ גמילות־חסד קריגן, זאָגט אַ קרעמער, איז פֿון די איידעלע זאַכן.

די דאָזיקע באַוועגונג ווערט ביים באַברויסקער קרעמער נאָך שטאַרקער, ווען ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער היים, אָן עין־הרע, באַוועגט זיך אַ געזינדל פֿון 8—9 פּאַרשוינען, וואָס באַוועגן די מיילעכלעך און בעטן פֿון אַ בייגל ביז אַ קליידל, מיט אַ באַיאָרטע טאָכטער, וואָס האַלט אין באַוועגונג אַ גאַנצן טוץ שדכנים, אויף צו באַוועגן די אומבאַוועגלעכע חתנים, מיט נאָך אַ טאָכטער, וואָס באַוועגט זיך אויף קורסן, מיט אַ זון, וואָס באַוועגט זיך גלאַט אַזוי איבער די גאַסן שלינג־און־שלאַנג, אָן אַ שטאָך אַרבעט; מיט נאָך אַ פּאָר טעכטער, וואָס באַוועגן זיך מיט שקצים איבער דעם אַזוי גערופֿענעם באַברויסקער „ניעוווסקי פּראָספּעקט".

אין דעם פּרט שטייט אַ באַברויסקער בעל־הביתישע טאָכטער ניט אָפּ פֿון אַלע לייטישע שטעט, ווי גראָדנע, קאָוונע, מינסק, ווילנע אדג"ל. ווי יענע, אַזוי אויך די, האָבן אַ שטאַרקע בענקעניש נאָך אַ שייגעץ און אַ לעכצעניש נאָך אַן אָפֿיציר.

ניט אומזיסט זאָגט מען אין באַברויסק אַ ווערטל: ווערט געבוירן אַ יינגל, האָט מען מורא פֿאַר אַ סאָל־דאַט; ווערט געבוירן אַ מיידל — האָט מען מורא פֿאַר אַן אָפֿיציר.

און אָט אַזוי באַוועגן זיך די יידישע מיידלעך נאָך שקצים און די יידישע בחורים — נאָך די מיידלעך און שלינגען די שפּייעכץ נעבעך. און דווקא, ניט זייענדיק קיין גרויסע נאַציאָנאַליסטן, קלאָגן זיי אויף דער ביטערער קללה פֿון דער תוכחה: „... בנותיך נתונים לעם אחר". די שענסטע מיידלעך פֿאַרכאַפּן זיי, צו אַלדע רוחות! און גיי קאָנקורירן מיט זיי, מיט די גויים.

און אַזוי פֿאַלן זיי אַריין, די יידישע בחורים, אין אַ שטאַרקן פּעסימיזם; קוקן אויף דער וועלט מיט טריבע בליקן, און פֿון גרויס יאוש לויפֿן זיי צום טייך, כאַפּן לאָדקעס און פֿאָרן שפּאַצירן. אַנדערע, ווידער, לאָזן זיך פֿון גרויס עגמת־נפש צו די גרינע טישעלעך, „ביליאַרדנעס", און עס באַוועגן זיך קאָרטן, לאָדקעס, וועסלעס, קוילן און ביליאַרד־שטעקנס דורך טאָג און נאַכט.

ה. דער וווּקס פֿון שטאָט

איר קענט אַוודאי טראַכטן: פּש, פּש, פּש, אַזאַ שטאָט, וואָס פֿאַרמאָגט אַזעלכע קאָפּ־מענטשן, חכמים, אויפֿטועָר, דיפּלאָמאַטן, מוז אַוודאי שטייגן און וואַקסן, ווי אויף הייוון, און די קולטור בליט אין יעדער ווינ־קעלע, און די בילדונג לייגט איין וועלטן, און איר ווערט מיר באַלד ברענגען אַ ראיה לדבר, כדומה למשל, אַז אָט האָט מען די לערערס און די לערערינס פֿון דער פּרויען־שול פֿאַר אָרעמע מיידלעך געהעכערט דאָס געהאַלט אויף אַ גאַנצן קאַרב אויפֿן חודש.

טאָ האָט איר ווידער אַ מאָל אַ טעות. דאָס איז אַלץ פֿאַר די, וואָס געפֿינען זיך שטענדיק אויף איין אָרט, די מיינען, אַז די שטאָט פּראָגרעסירט. פֿאַר די יעניקע, וואָס זענען אַ מער אָדער ווייניקער לענגערע צייט אין דער פֿרעמד און קומען ווידער צוריק קיין באַברויסק, באַמערקן קוים־קוים דעם פּראָגרעס. די זעלבע מחלוקות, די זעלבע ענינים, די זעלבע אַמ־ביציעס, די זעלבע דרשנים, די זעלבע רעדל־פֿירער, די זעלבע „אויעזדנע" אינטעליגענץ און, דער עיקר, — די זעלבע פּוסטקייט, אינטערעסנלאָזיקייט און לאַנג־ווייליקייט.

מיט אַ יאָר צוריק האָט באַברויסק אָנגעוואָרן איינעם פֿון אירע בעסטע מענטשן, דעם פֿול באַליבטן און פֿאַרגעטערטן ביי אַלע קלאַסן מענטשן — דעם ד"ר פֿייערטאָג. איר האָט געדאַרפֿט בלויז צוקוקן, ווי אַ גאַנצע שטאָט, ווי איין מענטש, האָט אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלעכן יאָמער. איר האָט באַדאַרפֿט פֿון דער ווייטן לייענען די באַברויסקער בלעטלעך מיט די היסטערישע נעקראָלאָגן, הספּדים — איר האָט מיט־געפֿילט דעם גרויסן פֿאַרלוסט, וואָס באַברויסק האָט געליטן, באַוווּנדערט, ווי אַ גאַנצע שטאָט באַקלאָגט איינעם פֿון אירע בעסטע זין; איר האָט געלייענט וועגן די פּלענער, וואָס באַברויסק האָט געמאַכט, צו פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם דאָקטאָר; די אַסיפֿות, זיצונגען און באַראַטונגען, וואָס זענען צוליב דעם דאָזיקן צוועק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק.

ענדלעך, אין אַ יאָר אַרום, ווען אייך האָט זיך

ביים פרישטיק דערוויס איך זיך וועגן פיל מענטשן, וועמען איך האָב אין זינען געהאַט צו באַזוכן: דעם העברעישן לערער לוואָוויטש, וועלכער איז איצט אַ לערער אין אַ זיבניאָריקער שול; וועגן הערשל יאַכוויד, נאַכקעס ברודער, וועגן אַרע דעם הויכן און אַרע „גזלן" און אַנדערע. מיין פלימעניק איילט זיך צו דער אַרבעט, וואָס ער האָט איבערגעריסן צוליב מיין קומען, און איך לאָז זיך אַרויס זען מיין היימשטאָט.

איך דערקען יעדעס הויז. עס איז ווינטער, די שנייאיקע פייכטקייט, וואָס שמעלצט זיך, איז אַן אָנזאָג פון אָנקומענדיקן פרילינג. באַלעגאָלעס מיט לאַנגע וועגענער שטייען אין די רייען. אויפן ראָג — איז־וואָזשטשיקעס אין אַ רעדל, וואַרטן, אפשר וועט קומען אַ קליענט. פון ביידע זייטן גאָס קלייטן. די אַמאָליקע פאַך־שילדן פון שניידער, מאָדיסטן און שערער הענגען נאָך. אָט איז האָלאָדעצעס מויער, אַ מאָל געווען אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. ווייטער אַ ביסל, לינקס צו, איז דעם רב שניאורסאָנס גרויסע הויז. דוכט זיך, אַ סך עלטער געוואָרן דאָס הויז, עפּעס ניט אַזוי גרויס ווי אַ מאָל. פון ווייטנס זעט זיך די קאָנדיטערסקע, ווו חברה יאַטן פלעגן אין אַ יום־טובדיקער שטימונג קויפן פּיראָזשניעס, דריי קאָפּיקעס אַ שטיק.

איך וואָלט שווערן, איך דערקען אַ סך מענטשן, אַזעלכע היימישע פּנימער. אוודאי, אָט קומט מיר אַנטקעגן ירחמיאל פּעטשורא, געוווינט אַ מאָל ביים פעטער מענדל נארקין אין הויף. סארא באָרד ער האָט עס אָפּגעשפּאָרט! מיר דוכט, איך זע צוויי ירחמיאלס, יענעם פון אַ מאָל און דעם, וואָס קומט מיר אַנטקעגן. איך דערמאָן זיך, אָט דער ירחמיאל פּעטשורא פלעגט ליב האָבן מיך פאַרטשעפּען און זאָגן שפּאַסיק: — „אין קיעוו געווען, אין טורמעס געזעסן און די וועלט, אַרטשע, האָסטו ניט בעסער געמאַכט". — איך פלעג אים אויפן זעלבן שטייגער ענטפערן: — „וואַרט, מיר וועלן נאָך מאַכן אַ שענערע וועלט". אָט גלייך איך זיך איצט אויס מיט אים. ער איילט פאַרביי, אָבער ער באַמערקט מיין אַמעריקאַנער הילוך און וואַרפט אַ בליק. געפעלט מיר זיין קוק אויף מיר. איך בין זיך פשוט מחיה, וואָס ער דערקענט מיך ניט גלייך און איך טו פלוצלונג אַ זאָג: „רב ירחמיאל!" אַז דער ייד טוט זיך אַ קער אויס צו מיר — „וואָס מיינט איר, רב ירחמיאל? מיר זענען איצט „גראַזשדאַנעס". אַז ער באַטראַכט מיך בעסער, קוקט ער און קוקט און טוט אַ פּראַל אַרויס:

— זע נאָר, זע! אַרטשע איז דאָך דאָ! ווי קומסטו אַהער? האָסט זיך דאָך געקליבן קיין אַמעריקע, טפו, וואָס רעד איך? — כאַפּט ער זיך גלייך.

מיר איז אַזוי געפעלן זיין פּאַרלוירנקייט, אַז איך האָב זיך צעלאַכט. ירחמיאל באַטראַכט מיך בעסער, כאַפּט זיך ווו ער האַלט מיט מיר אין דער וועלט:

— וואַרט נאָר, וואַרט, — שטעקט ער מיר אַריין אַ ברייטן שלום עליכם, — וואָס רעד איך, ביסט שוין צוריקגעקומען. וואָס דען? — די גאַנצע וועלט וועט איצט קומען צו אונדז, ווי מיר זענען פריער צו זיי געלאָפן — לאַכט ירחמיאל גוטמוטיק און האַלט נאָך אַלץ מיין האַנט אין זיינער, — זע נאָר, זע, האָסט דאָך געקראָגן אַ ווייבערישן פּנים אָן דיינע לאַנגע וואָנצעס, — דוקעט ער מיך. באַלד פאַרכאַפּט ער זיך למאי ער האָט מיך פאַרגליכן צו ווייבער: — כ׳מיין, אַן אמתער אַקטיאָר, אָן די וואָנצעס.

מיר צערעדן זיך וועגן דער איצטיקער לאַגע:

— וואָס איז שייך בעסער? עסט מען ניט אַלע טאָג געענדזענע גריוון, און קיין כרעמזלעך אויך ניט, אָבער איך מאַך זיך מיין פּשוטן חשבון, אַז אין צען יאָר צייט איז אויף אַזוי פיל בעסער געוואָרן, היינט וואָס וועט שוין זיין אין אַ צען יאָר שפּעטער? — ביי ירחמיאל פּעטשורא צעשפּילט זיך דעם טאַטנס „נחת פון קינדער”: — „מילא מיר, ווי מיר, אָבער אונדזערע קינדער! אַי, וועט זיי זיין גוט! געדענקסטו, אַרטשע, מיין מאָטעלע? וואָס מיינסטו איז ער איצטער? ער איז אַ גאַנצער מאַכער, אַן אינזשינער אין מאָסקווע. אַניט שטייט ער אין אויף איין אָרט? רק מ׳האַלט אים אין שיקן, פּאָרט אויף קאַזיאָנני שטשאָט*. און גיטעלע די ממזרת, געדענקסטו? זי איז דאָך שוין אַ דאָקטאָר אין מינסקער שפּיטאָל”. — ירחמיאל לאַכט גוטמוטיק, מיט געשמאַק און אמתער הנאה. ער לאַדט מיך איין, כאָטש אויף איין וועטשערע „מיט אַן אמתן ביטערן טראָפּן”, — גיט ער צו מיט אַ קוועטש מיטן אויגל. איך דאַנק אים און מיר געזעגענען זיך. נאָך אַ פּאָר ענלעכע באַגעגענישן מיט אַמאָליקע שכנים, און באָברויסק דערוויסט זיך, אַז איך בין ערשט געקומען פון אַמעריקע.

לויט די אַדרעסן, וואָס מיין פלימעניק האָט מיר געגעבן, עפן איך די ערשטע טיר ביי „אַרע גזלן”. ער האָט אויך געהייסן אַהרן גאַרעליק, ווי מיין נאָמען, אָבער צוליב זיין אויסזען — שוואַרצער נעגער־פּנים, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, געדיכטע האָר, געדיכטע ברעמען און שוואַרצע וואָנצעלעך, האָבן אים יאָטן אַ נאָמען געגעבן — אַרע גזלן. ער איז מיר געווען מער ווי אַ חבר, ער פלעגט מיט מיר טיילן גאָר אַ סך זאַכן. איין מאָל פאַרטרויט ער מיר אַ סוד, אַז ער האָט ליב געקראָגן אסתר די גרויסע. מיט איר אויסזען האָט אסתר געקענט זיין זיינע אַ שוועסטער. זי איז אויך געווען שוואַרץ, גזעצט, מיט אַ געזונטן אויסזען. געווען אַ גוטע נייטאָרין. אויסגעוואָקסן אַ יתומה, געוווינט ביי אירע ברידער און אַלץ מורא געהאַט, אַז זי באַעסט זיי. אַרע איז געווען אַ בויגער פון „וויטשעסקעס” (סאָלדאַטסקע שטיוול) און פון אים פלעגט שטענדיק שמעקן דער דזיעגעכץ, דערצו איז ער געווען אַ קליינער פאַרדינער. אסתר די גרויסע איז געווען פון די ערשטע אין מיין קרייזל און מיך געהאַלטן פאַר אַ נאָענטן חבר. איין מאָל פאַרטרויט זי מיר דעם גאַנצן אמת — „ער איז אַ וווילער יאָט, אָבער זיין מלאכה, זאָל מען באַהיט ווערן!”

אין אַ צייט אַרום, נאָך מיין צווייטן אַרעסט, ווען איך בין צוריקגעקומען קיין באָברויסק פאַר נאַדזאָר־ראָם*, איז שוין אַרע גזלן געווען חתונה געהאַט מיט אסתר דער גרויסער. ביידע פּראַקטישע מענטשן, האָבן זיי מסתמא באַשלאָסן, אַז זי קען עפענען אַ מאַסטערסקאַיאַ**, זי איז אַ גוטע מאָדיסטקע, און ער האָט געעפנט אַ קרעמל פון פּאַפּיראָסן און טאַבאַק, און קליינקייטן, ווי העפטן און בליישטיפטן. ביי אים אין קרעמל האָט מען שוין אויך געקענט קריגן שקאַרפּעטקעס, פּאַפּירענע קראַגנס און מאַנזשעטן, אַ שניפּס און שלייקעס. זייער איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג איז געווען זייער גרויס, האָט טאַקע אַרע גזלנס קרעמל אונדז געדינט ווי אַ בירזשע. אין אַן עת צרה, אין צייט פון אַרעסטן, פלעגט מען דאָרטן אָפּשטעלן ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס, איבערלאָזן פּאַראָלן, און יאָטן פלעגן כלומרשט אַריין קויפן פּאַפּיראָסן און איבערגעבן, וואָס מ׳האָט געדאַרפט. „דאָס קרעמעלע אויף דער בירזשע”, אַזוי האָט געהייסן אַרעס קרעמל. שפּעטער, פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אין 1913, האָט אַרע שוין געהאַט אַ גרויס געשעפט אין סאַמע מאַרק. אסתר האָט שוין געהאַט אַ

* אויפן חשבון פון דער מלוכה.

* אונטער אַן אויפזיכט.

** וואַרשטאַט.

היפּשן וואַרשטאַט מיט עטלעכע מיידלעך אַרבעטאָרינס. אייניקע מיידלעך פון דער באַוועגונג האָבן געהאַלטן, אַז אסתר איז ווי אַלע באַלעבאָסטעס. מערסטע מיידלעך האָבן זי אָבער געשעצט און זיך געווונטשן: הלוואי אַ סך אַזעלכע באַלעבאַטים. ביידנס געשעפטן זענען געווען אויפן נאָמען גאָרעליק. האָט מען זיי טאַקע אָנגעהויבן רופן לויט זייער פירמע־נאָמען — גאָרעליקס קראָם, אָדער אסתר גאָרעליק די מאָדיסטין. יאַטן זענען געקומען אָפּעסן אַ מאָלצייט, געליען ביי זיי אַ פּאָר רובל, געבאָרגט אין קרעמל און סיי אַרע און סיי אסתר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געהאָלפן דער באַוועגונג.

שווער איבערצוגעבן די התפעלות פון אַרען מיט אסתרן, ווען איך האָב פּלוצלונג געעפנט די טיר. אסתר איז געוואָרן עלטער, שווערער אַ ביסל, אויף איר אויבערשטער ליפּ האָט זיך געזען אַ קליינער שאָטן פון וואָנצעלעך, וואָס האָבן זי געמאַכט אויסזען אַ ביסל מענעריש. מיט דער נאָדל און פינגערהוט אין האַנט, מיט אַן אָנגעפאַנגענעם קלייד אויפן טיש, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אסתר נייט נאָך אַלץ יענעם קלייד, וואָס אַ מאָל, ווען מיר האָבן איר געזאָגט אַ „זיי געזונט” פאַרן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע.

— סאַראַ גאַסט! סאַראַ טייערער גאַסט געקומען! — האָט אַרע אויסגערופן. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט חן, זיינע ווייסע ציין האָבן זיך אַרויסגעלויכטן, ווען ער האָט האַרציק געלאַכט פון פרייד, דערזעענדיק מיך. מיר האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט, געלאַכט און גערעדט, גערעדט און געלאַכט. אין אונדזער געשפּרעך האָט זיך אָפּגעדורכגעוואָרפן די באַמערקונג: פאָרט דערלעבט אַ פרייע רוסלאַנד!

עס עפנט זיך די טיר און ס׳פאַלן אַריין צוויי דערוואַקסענע בחורים, כוואַטסקע יאַטן, שווער־ברעמעוודיקע, מיט קורץ געשוירענע, פּעך־שוואַרצע האָר, איינער עלטער פונעם צווייטן, אָבער מ׳זעט — ברידער, פון איין טאַטע־מאַמע. איינער דערלאַנגט מיר די האַנט, דער צווייטער; אין זייערע הענט פיל איך — שטאַרקע יונגען. באַלד פאַלט אויך אַריין די טאָכטער. — די מיטלסטע צווישן ביידע יאַטן — זאָגט מיר אונטער די מאַמע. דאָס מיידל איז שלאַנק, שפּראָצט מיט יוגנט.

— מ׳קען אין איר פּנים ניט אַריינקוקן... אַ קראַסאַוויצע, — שעפּטשעט מיר אסתר אַ סוד אין אויער.

(וועגן גאָרעליקס יאַטן האָב איך שפּעטער, אין דער צייט פון דער מלחמה, געלייענט אין די צייטונגען, זיי זענען איצט צווישן די העלדן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד *).

אין אונדזערע געשפּרעכן בלעטערן מיר דורך פערצן יאָר, איך וועגן מיינע דערפאַרונגען, זיי וועגן די אָקופּאַציעס — אונטער די דייטשן און אונטער די פּוילישע פּאַנעס, און וועגן די צען יאָר פרידן אין לאַנד.

— סאַראַ נחת דאָס לעבן איז! — איז אַרע אויפגעלייגט — אויס קרעמעלע. אונדזערע סאָוויעטישע געשעפטן זענען אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. ס׳איז אַ וועלט מיט וועלטלעך. מיר, ווי מיר, אָבער די קינדער! — ווערן שוין די עלטערן ענטוזיאַסטיש, און אַרע דערציילט מיר וועגן זיין נייער מלאכה: ער איז אַ פאַרוואַלטער פון אַ גאַנצן קוואַרטאַל הייזער, אויף וועלכע ער גיט אַכטונג און איז אַ זייער נוצלעכער בירגער.

די באַלעגאָלעס, די שוסטערס, די שניידערס האָבן זיך דערוווסט, אַז אַרטשע דער שוסטער, פון די ערשטע אין דער באָברויסקער באַוועגונג, איז אַ גאַסט אין שטאָט און זיי האָבן מיר געלאָזט וויסן, אַז מ׳לאַדט מיך איין צום יום־טוב פון דער פאַריזער קאָמונע, וואָס וועט פאָרקומען אין האָלאָדעצעס מויער, ווו די קלובן זענען.

מענטשן זענען געקומען מער, ווי דער זאַל קען אַריינגעמען. מ׳שטייט אויף די שפּיץ פינגער, איינער קוקט אַריבער איבערן צווייטנס אַקסל. איך זיץ אין פּרעזידיום, אויבן אָן, און טראַכט ווי בעסער, ווי קירצער אַרויסברענגען, וואָס איך וויל זאָגן. צווישן עולם מערק איך לוואָוויטשעס פּנים. ער איז פאַרעלטערט געוואָרן. מיט זיין איינציק קלוג אויג קוקט ער אויף מיר אָנגעשטרענגט. און איך פיל זיך אַ ביסל שולדיק, וואָס איך האָב זיך פריער מיט אים ניט געזען.

אָט זיצט הערשל יאָכוויד, נאַכקעס ברודער. איך הער די רעדנער און הער זיי ניט. דערינערונגען קריכן מיר אין קאָפּ, קומען און קומען. מ׳רופט אויס מיין נאָמען. איר הער שבחים צו מיר, צו דער אַמאָליקער באַוועגונג און עס גיט מיר צו ענטוזיאַזם, ווי מ׳וואָלט מיר צוגעטראָגן ווערטער — נעם און רעד! איך האָב זיך ווי אויף פליגל צעלאָזט, פון שטעטל צום שטאָט,

---

* זע זייט 738.

שטעט ווו איך בין געווען, געגעבן אַ בילד פון מיין לעבן. צו די פּעטשורעס — די באַלעגאַלעס און שוסטערס, וואָס זענען געזעסן אַנטקעגן, האָב איך געערדט אויף מיין אַרבעטער־שטייגער. צייטנווייז האָב איך געפילט, אַז מיך שטיקן טרערן. דער עולם האָט אַפּלאָדירט און געלאַכט.

לוואָוויטש האָט אַלעמען איבערגעוואָרט, מיך אַרומ־געכאַפּט: איך זאָל קומען אין דער קינדער־שול, ווו ער איז לערער, צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער צו די קינדער.

הערשל יאַכוויד, וועלכער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז, האָט געשוויגן, געלאָזט מיך פריער זיך דורכרעדן מיט לוואָוויטשן, נאָך דעם האָט ער מיך פאַרבעטן צו אים אין הויז, ווו ער וווינט נאָך מיט זיין מאַמען, אין טאַטנס גרויסן הויז. אויף מאָרגן בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין „קרעפּאָסט" (פעס־טונג) צו די רויט־אַרמייער, אַנטייל צו נעמען אין דעם יום־טוב פון דער פאַריזער קאָמונע.

די „קרעפּאָסט" איז געווען אַ שטאָט פאַר זיך, מיט גרויסע געמויערטע קאַזאַרמעס, מיליטערישע שפּי־טאָלן, מיט אָפיצירישע שיינע וווינונגען, קלובן און קראָמען. די גאַסן זענען געווען ברוקירט, עס זענען דאָ געווען שיינע סעדער, בולוואַרן און קלויסטערס. אין די טויערן איז געשטאַנען אַ מיליטערישע וואַך. די טויערן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט אויף שווערע קייטן.

אין אָוונט, צו דער באַשטימטער צייט, ווען איך האָב באַדאַרפט גיין אין קרעפּאָסט, איז געקומען אַ רויט־אַרמייער מיך נעמען אהין. ער האָט געבראַכט פאַר מיר אַ פערד צום רייטן און געבעטן איך זאָל פאַרן ביי זיין זייט, ווייל די אַדליגע אין דרויסן האָט ערטערווייז, אויפן פאַליגאָן, איבערגעלאָזט טיפע גרובנס מיט וואַסער. איך האָב זיך אַליין אַ וויצל געטאָן אויפן קול, אַז מיר טיאַכקעט דאָס האַרץ, דער פערד זאָל, חלילה, ניט אַרונטערלאָזן די אויערן און מיך אַריבערגליטשן איבער זיין קאָפּ. ס'איז אָבער געווען מיט חסד.

די גרויסע קאַזאַרמע איז יום־טובדיק פאַרפּוצט און איז פול־געפּאַקט. די פנימער פון די רויט־אַרמייער זענען צערויטלט פון וואַרעמקייט. מיין וועגווייזער פירט מיך צו צום לאַנגן טיש פון פּרעזידיום, פון וואַנען מ'וועט מסתמא באַלד אָנהייבן רעדן.

די וואַרעמע אויפנאַמע, אויף אַ דיסציפּלינירטן אופן, ווי עס פּאַסט פאַר סאָלדאַטן, און דער פּלוצ־לונגער צעשפּילן זיך פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער, האָט מיך איבערראַשט. אויף אַזאַ כבוד זיך ניט געריכט. שווער איבערצוגעבן אין ווערטער, ווי איך האָב זיך דערפילט. מיר קומט אויפן געדאַנק דער קאַנוואָי אַ מאָל, ווי ער פלעגט מיך ברענגען אין מיין היימשטאָט אַלס אַרעסטירטן, און איצט נעמט מען מיך אויף ווי אַ חשובן בירגער, מיט אַזאַ פּאַראַד! אָבער ווער האָט צייט צו טראַכטן ?..

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן אָט די מאָמענטן פון מיין לעבן, די וואַרעמקייט, דאָס אויסהערן מיך, דעם פּאַטשן בראַוואָ און דעם וואַרפן מיך אין דער הויך, ווי אַ פּילקע, פון געזונטע סאָלדאַטישע הענט, און דאָס אַרויסבאַגלייטן מיך מיט מוזיק. דאָס איז געווען דער בעסטער שכר פאַר צולייגן אַ האַנט צו דער באַוועגונג, צום קאַמף פאַר בעסערע צייטן.

איך בין איינגעשלאָפן זייער שפּעט. אין דער פרי האָב איך באַזוכט לוואָוויטשעס שול, ווו מ'האָט מיך געבעטן ריידן צו די פאַרזאַמלטע קינדער. איך האָב גערעדט און מ'האָט מיך געבעטן איך זאָל ריידן נאָך און נאָך, דערהויפּט — דערציילן וועגן די אַמע־ריקאַנער שולן. אַלע האָבן געשטעלט פראַגן, גרויס און קליין. אין אַלע זייערע פראַגן האָט זיך געמערקט דער דראַנג צו וויסן.

מיט געזאַנג פון סאָוויעטישע לידער, קאַמפּס־לידער, האָט זיך פאַרענדיקט דער שול־יום־טוב, צו אַ וועלכן איך האָב ניט זוכה געווען אין מיינע קינדער־יאָרן.

נאָך אַ היימישער געזעגענונג מיט חברים פאַרלאָז איך באָברויסק — אויפן וועג קיין קיעוו, אָדעס, צום „יוג", ווי אַ מאָל.

ישראל יהושע זינגער

אין באָברויסק - 1927

נישט איין מאָל האָבן יידן ליב צו טרעפן, אין וואַגאָן, מיין באַשעפטיקונג. פאָרנדיק איבער שטעט און שטעטלעך אין פוילן, לייגן מיר יידן פאַר פאַר־שידענע געשעפטן. טייל נעמען מיך אָן פאַר אַ האַנ־דלס־אַגענט, טייל פאַר אַ פּוטער־סוחר, אַנדערע פאַר אַ לעדער־סוחר. אין באָברויסק האָט מען מיך כסדר אָנגענומען פאַר אַ האָלץ־מענטש.

— אַ ליעסניק? — האָט מיך דער באַלעגאָלע געפרעגט, פירנדיק מיך אין האָטעל.

דאָס זעלבע איז געווען אינעם פּריוואַטן האָטע־לעכל אויף הירש לעקערט־גאַס. — אַ „ליעסניק״?

— אַ צימער וועל איך קריגן ביי אייך?

— אפילו צוויי — ענטפערט דער אייגנטימער, אַ ייד מיט אַ פּנים פון אַ יורד, וואָס טוט זיך אָן פּראָלעטאַריש — אין שטיוול און אין אַ קעפּקע.

— נישטאָ קיין געסט?

— פון וואַנען זאָלן זיין? — פרעגט דער ייד צוריק — אַ מאָל פלעגט מען אַ סך קומען אין באָב־רויסק. פון דאַנען פלעגט גיין אַ סך האָלץ קיין אויס־לאַנד. אויסלענדער פלעגן קומען, אַ מאָל פלעגן קומען פּריצים אין געריכט, הויכע טשינאָווניקעס. היינט זענען נישטאָ קיין פּריצים, נישטאָ ווער ס׳זאָל קומען פירן פּראָצעסן, און טאָמער קומט שוין יאָ אַ „סאָוויעטסקי סלוזשאַשטשי״, איז ער אַן אָרעמאַן, קוים וואָס ער האָט אויף הוצאות, און מען פאַרדינט נישט קיין געלט.

אויף דער ברייטער הויפּט־גאַס, וואָס ווי אומעטום הייסט זי אָדער „קאַרל מאַרקס״, אָדער „רעוואָלוציאָנ־נאַיאַ״, אָדער „סאָוויעטסקאַיאַ״, אָדער „לענינאַ״, שפּאַ־צירן אַרום יידן ליידיקגייער און שמעקן מיט די נעזער אַ פאַרדינסטל, נאָר צוגיין פרעגן פרעגט מען נישט. נישט צו יעדן קען מען צוגיין פאַרלייגן געשעפטן. אַ מאָל פלעגט מען צו אַ ייד קענען צוגיין, מיט אַ ייד איז מען געוועזן זיכער. „אַז מען הייסט מענדל, מעג מען עסן פון זיין פענדל״.

היינט איז מענדל נישט מער קיין זיכערער מענטש. מענדל קען זיין אַ פאַרברענטער קאָמוניסט, אַ קאָנ־טראָלאָר, אַן אַגענט, און מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק.

אַ ייד מיט אַ פּנים פון אַן איוואַן, אַ שכן פון מיין האָטעל, כאַפּט מיט מיר אַ שמועס.

— נישט גוט — זאָגט ער — אונדזערן אַ מענטש, אַ „ניעטרודאָוואָי״, מ׳האָט נישט קיין „פּראַוועס״ און מיט די קינדער איז שווער אין די שקאָלעס.

אַלע קלאָגן זיך דערויף, אַלע סוחרים, קרעמער, לופט־מענטשן, וואָס זייערע קינדער נעמט מען אָן מיט שוועריקייטן אין די שולן, איבערהויפּט אין די העכערע שולן.

— טאָמער איז נאָך דאָס ווינציק — זאָגט מיין באַקאַנטער — לערנט מען נישט קיין רוסיש.

— וואָס דען לערנט מען?

— יידיש. איר הערט אַן עסק?

— אָבער רוסיש לערנט מען דאָך אויך דאָרטן!

— יע, נאָר מערסטנס לערנט מען אין זשאַרגאָן.

— וואָס זשע איז דער אומגליק?

— וואָס הייסט? וואָסער תכלית איז דאָס?

שילער פון יידישע שולן נעמט מען אָן אומעטום. פאַראַן, אויסער דעם, יידישע טעכניקומס, פּעדאַגאָגישע פאַקולטעטן, אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע אוניווער־סיטעטן. מיט יידיש קען מען ווערן אַ טעכניקער, אַ באַאַמטער, נאָר יידן לעבן נאָך אַלץ מיטן אַמאָליקן תכלית.

— וואָס וועט זיין דער תכלית?

— וואָס זשע טוט איר מיט די קינדער?

— זיי לערנען אויף „ביעלאָרוסקי״.

— נו און ווייסרוסיש איז מער תכלית?

— אויך נישט.

— פאַר וואָס זשע שיקט איר די קינדער אין די ווייסרוסישע שולן, נישט אין די יידישע?

— טאַקע אויך שלעכט, נאָר אַלץ בעסער ווי יידיש.

— פאַר וואָס?

— איך ווייס? — ווייסרוסיש פאַרשטייט מען כאָטש נישט.

— וואָס זשע איז די מעלה דערפון?

—דאַרף מען כאָטש לערנען. יידיש פאַרשטייט מען, צו וואָס זשע לערנען?

✶

סך־הכל עטלעכע טריט ווייטער, און אַן אַנדער וועלט.

איך קום אַריין אין הויז פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן. מען פירט מיך אַריין צום פאָרזיצער פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן אין באָברויסק און גאַנצן קרייז.

אַ קאַבינעט אַ גרויסער, אַ ברייטער. אַ מאַשי־ניסטקע קלאַפּט אויף דער מאַשינקע, באַאַמטע גייען אַריין און אַרויס מיט פּאַפּירן. דער טעלעפאָן קלינגט.

דער פאָרזיצער איז אַ יונגער שיין־געבויטער, פולבלוטיקער יונג, איינער פון די יידישע שוואַרץ־האָריקע, שוואַרץ־אויגיקע בחורים, וואָס די ענערגיע שפּראָצט פון זיי פון אומעטום, פון די אויגן, פון די האָר, פון די שלאַנקע פיס, פון יעדער ריר און באַ־וועגונג.

— פון אַ מענשעוויסטישער צייטונג? — פרעגט ער מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל — זאָל זיין אַזוי... איר ווילט וויסן וועגן די אַרבעטער, ביטע.

ער נעמט אַרויס פּעק פּאַפּירן, סטאַטיסטישע צי־פערן, ליסטעס און לייענט פאָר:

באָברויסקער קרייז האָט 20.000 אַרבעטער; באָב־רויסק אַליין ציילט 8.000 אַרבעטער. יידן־אַרבעטער בילדן אין באָברויסקער קרייז 36 פּראָצענט. די אַרבעט ביי אונדז ווערט געפירט אין דער שפּראַך, אויף וועל־כער עס רעדט די מערהייט אַרבעטער אויף רער פאַבריק. ביי די שניידער, טאַבאַק־אַרבעטער, פאַרניר־אַרבעטער, לעדער־אַרבעטער, שאַכטל־מאַכער אאַ״וו ווערט די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט געפירט אין יידיש. ווו די מערהייט איז רוסן, — אויף רוסיש, אָבער אומעטום קאָן יעדער, אפילו עמעץ פון דער מינדער־הייט, אַרויסטרעטן אין זיין שפּראַך.

ער קלינגט אָן, הייסט זיך דערלאַנגען עטלעכע אַקטן און ווייזט מיר ווי איינע און די זעלבע אינסטי־טוציע, דער ראַט פון די פּראָפפאַראיינען פירט זיין אָפיציעלע אַרבעט אין עטלעכע שפּראַכן — אין רוסיש, ווייסרוסיש, יידיש, פויליש.

— אין טייל ערטער — זאָגט ער — מוז מען אפילו קעמפן ביי יידישע אַרבעטער פאַר יידיש. — זיי רעדן שלעכט רוסיש און ווילן נישט יידיש — קאָ־מעדיאַנטן!.. אָבער מיר פירן דורך ווי די מערהייט וויל.

די ידיעות זיינע גיט ער פּינקטלעך, געגוי, ווי ער וואָלט דאַרפן אָפּגעבן אַ באַריכט.

— מיר האָבן אַ סך יידן אַריינגעצויגן אין די פאַבריקן — זאָגט ער — מאַסן מיידלעך, פרויען, וואָס פלעגן זיך אַרומשלעפּן מיט קאָשיקעס, געהאַנדלט, אַרבעטן איצט אין די פאַבריקן און זענען צופרידן.

נאָך די אָפיציעלע געשפּרעכן רעדן מיר זיך אַזוי אַ ביסל דורך, און איך זע אין דעם ענערגישן יידישן בחורעץ גאָר אַן אינטערעסאַנטן מענטש.

ווייזט זיך אַרויס, אַז אָט דער דאָזיקער באַאַמטער, וואָס פירט אַן מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, וואָס מוז פירן זיין אַרבעט אין עטלעכע שפּראַכן, אין רוסיש, ווייסרוסיש און יידיש, איז סך־הכל מיט זיבן יאָר צוריק, נאָך אין 20סטן יאָר, געווען אַ פּשוטער שמיד, וואָס האָט זיך נישט געקענט אונטערשרייבן.

— אַלמאי זאָל איך זיך שעמען — זאָגט דער שיינער געזונטער יונג — דער טאַטע מיינער האָט אויך נישט געקענט, און מיך האָט ער נישט געלערנט...

נאָר מיט אים איז געשען אַ צופאַל — איין מאָל, ווען אַ פרעמדע אַרמיי איז געשטאַנען אין מינסק, ווו ער האָט געוווינט, האָט אים אַ זעלנער געטאָן אַ פּאַטש אומזיסט און אומנישט, בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַ ייד, און דער שמיד האָט באַשלאָסן נקמה נעמען. ווי נאָר די באָלשעוויקעס זענען צוריק אַריין אין שטאָט, איז ער אַריינגעטרעטן צו זיי אין דער אַרמיי, כדי צו שלאָגן די, וואָס האָבן אים געפּאַטשט אומזיסט און אומנישט.

גאַנצע צוויי יאָר איז ער געווען אין דער אַרמיי, געווען אויף די פראָנטן. דאָרטן, אין דער אַרמיי, האָט ער דאָס ערשטע מאָל גענומען אַ פען אין האַנט און מיט דעם גאַנצן ברען פון אַ פּשוטן בחור, אַן עם־הארץ, גענומען זיך צו לערנען.

איצט איז ער דער פאָרזיצער פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען און טוט זיין זאַך גלענצנד. ער האָט אונטער זיך אַ גאַנצן פּערסאָנאַל מיט מענטשן, מיט אינטעליגענטן, אַלע רעכענען זיך מיט אים, שעצן אים און האָבן פאַר אים מורא.

עס איז באמת צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי אָט דער דאָזיקער שמיד אַרבעט. אַלץ געדענקט ער, אַלץ ווייסט ער, אין אַלעמען אָריענטירט ער זיך, אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער זיך שוין אויסגעלערנט די אָפיציעלע שפּראַך, ווייסרוסיש, און ער רעדט גאָר פליסיק.

— איר רעדט דאָך ווי אַן אמתער וויסרוס — זאָג איך אים.

— אַז מען דאַרף — זאָגט ער — ס'איז דאָך ווייסרוסלאַנד...

צווישן די פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן איז אויך פאַראַן אַ פאַראיין פון קאָפּמענטשן, — פון דאָקטוירים, אינזשעניערן און אַנדערע. אָט זיצט טאַקע איינער אַזאַ געבילדעטער און פירט מיטן פּאַרזיצער אַ פּראָפעסיאָנעלן געשפּרעך. דער מינסקער שמיד אָריענטירט זיך אין אַלע העכערע מאַטעריעס. און מיט וויפל טאַקט און שכל ער באַציט זיך צו די דאָק־טוירים און אינזשעניערן.

— נישט גוט — זאָגט ער מוסר דעם געבילדעטן פאַרשטייער — איר מוזט אָפּהאַלטן מער באַראַטונגען...

ער ווייסט, אַז מיט שוסטערס און שניידערס איז בעסער צו אַרבעטן. אינטעליגענטן קומען נישט אַזוי פיל אויף באַראַטונגען. אָבער ער ווייסט אויך, אַז מען מוז האָבן די אינטעליגענץ.

— איצט — זאָגט ער מיר — וועל איך זיך באַמיען, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער אַרבעט. איך ווייל אָנקומען אין „וווז" (אוניווערסיטעט), אָבער איך גלייב נישט, אַז מען זאָל מיך באַפרייען...

*

אַן אַנדער באַגעגעניש — שוין נישט מיט אַ בחור אַ העלד, נאָר מיט אַ געוויינלעך מיידל.

אַ קליינע איז זי, דאָס מיידל, מיט וועלכער מ'באַ־קענט מיך, אַ נישט אַנזעעוודיקע און פון אַ „נישט מיוחסדיקער" אָפּשטאַמונג. אַז סך־הכל איז דער טאַטע אירער נישט קיין שוסטער, נישט קיין שניידער, נישט קיין פויער, נאָר אַ סוחר, נעבעך. נאָר זי אַליין האָט פונדעסטוועגן אַ פּאָסטן ביי דער רעגירונג אַלס אַגראַנאָמקע.

פון וואַנען איז איינגעפאַלן דעם מיידל פון אַ באַברויסקער סוחר צו נעמען זיך אַזש צו אַגראַנאָמיע, ווייסט איין גאָט אין הימל.

ווי ס'זאָל נישט זיין, זי האָט זיך אויסגעלערנט לאַנדווירטשאַפט, גוט אויסגעלערנט, און באַקומען אַ פּאָסטן ביי דער רעגירונג אין דער אָפּטיילונג פון לאַנדווירטשאַפט.

גייט זיך אַרום אָט דאָס דאָזיקע יידישע מיידל פון באַברויסק איבער אַלע דערפער און דערפלעך און לערנט ווייסרוסישע פויערים ווי אַזוי צו אַקערן ערד, ווי אַזוי צו זייען ווייץ, באַאַרבעטן גערטנער, פלאַנצן סעדער און אומגיין אַרום בהמות.

אַ קליינעם פאַרדינסט האָט זי, דאָס מיידל, 70—80 רובל אַ חודש, נאָר אַרבעטן אַרבעט זי גאַנצע טעג און נעכט. נישט אַלע מאָל קריגט מען אַ פערד און וואָגן אַרומצופאָרן איבער די דערפער, נעמט דאָס מיידל, די אַגראַנאָמקע, אַ פּאָר שטיוול אויף די פיס, אַ טיכל אויפן קאָפּ און גייט צענדליקער קילאָמעטער צו פוס איבער די פאַרוואָרפנסטע ערטער.

— גוטמאָרגן, חבר! — באַגריסט זי דעם פויער — וואָס מאַכט די קו? ווי זעט אויס דער סאָד? וואָס הערט זיך אויפן פעלד?

פויערים פאָלגן אָט דאָס קליינע יידישע באַברויס־קער מיידל, וואָרעם ווער דען ווייסט אַזוי גוט ווי זי אין מיסטיקן פעלדער, אין אויסראָטן ווערעם פון די סעדער, אין זייען, אַקערן און שניידן?

קומט צו מיטאָג, שטעלט די פויערטע אַוועק אויף דער באַנק אַ גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און חזיר־גריוון פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, טיילט יעדן אַ היל־צערנעם לעפל און אויך איין לעפל פאַרן גאַסט. זיצט די גאַנצע פאַמיליע, שעפּט פון דער גרויסער שותפות־דיקער שיסל, און דאָס יידישע מיידל פון באַברויסק האַלט מיט.

און דערנאָך הילט זי זיך איין אין לייוונטענעם רעגנמאַנטל און גייט פון דאָרף צו דאָרף, קריכט איבער וועגן און טאָלן, איבער זומפּן און בלאָטעס, אין שנייען און רעגנס. און קומט אָן די נאַכט, גייט זי אַריין צו אַ פויער און נעכטיקט איבער אין שייער היי, אָדער אויף דעם גרויסן אויוון, אָדער גאָר אויף דער האַר־טער באַנק, די שטיוול אונטערגעלייגט צוקאָפּנס...

*

ניין, נישט אַלע זענען אַרבעטער אין באַברויסק, און נישט אַלע זענען איינגעאָרדנט.

ביי דער יידענע, ווו איך האָב געגעסן מיטאָג, אַ געוועזענע גבירטע פון שטאָט, איז אומעטיק, דער זון אירער זיצט און לערנט זיך אין שטוב. אין קיין הויכשול נעמט מען אים נישט אַן צוליב זיין בור־זשואַזער אָפּשטאַמונג, און די מוטער זיינע איז פאַר־צווייפלט:

— וואָס טוט מען מיט אים? — ווי אַזוי קאָן ער זיך דערשלאָגן צו אַן אַרבעט?..

די גרעסטע שטרעבונג איז, ער זאָל קאָנען ווערן

אַ מיטגליד פון אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, ווערן אַן אַרבעטער, אָבער ווי אַזוי קומט מען דערצו?

דאָס איז די גרעסטע זאָרג. עס וואַקסט אונטער אַ דור, אַ נייער דור, וואָס שטרעבט צו לערע, אַרבעט, אַ דור, וואָס פילט מיט די באָלשעוויקעס, האָט פיינט די בורזשואַזיע, איז דורך און דורך פּראָלעטאַריש, און קיין אַרבעט באַקומט ער נישט. די גרעסטע זאָרג פון טאַטעס איז, וואָס טוט מען מיט די קינדער? ווי אַזוי מאַכט מען זיי פאַר „טרודאָוויע"?

מען ציט אַ סך אַריין אין דער אינדוסטריע, אָבער די אינדוסטריע איז קליין. די גרעסטע אינדוסטריע אין רוסלאַנד איז דערווייל — קינדלען. די שטעט וואַקסן, קינדער וואַקסן אונטער, און וואָס טוט מען מיט זיי?

— שלעכט — קלאָגן זיך טאַטעס פון די נישט־אַרבעטנדיקע עלעמענטן — ביטער, מען נעמט נישט אונדזערע קינדער אין שול, נישט אין פאַבריק, נישט אין דער אַרמיי — כאָטש וואַרף זיי אין טייך.

איין ייד האָט דווקא געוואָלט ביי מיר פועלן, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע זאָלן דאָ מאַכן אָרדענונג. אַז איך האָב דעם ייד געזאָגט, אַז ענגלאַנד און אַמע־ריקע האַלטן נישט דערביי, איז ער מיר געוואָרן אַ דם שונא.

— וואָס זשע — האָט ער געשריגן — זיי ווילן טאַקע אַזוי לאָזן הפקר אַ וועלט?

און איינער אַ ייד האָט דערקלערט מיר מיט יאוש, אַז די אַלטע וועלט מוז אויסשטאַרבן, ווי דער דור פון מדבר, וועלכן מ'האָט נישט געקענט אַריינפירן קיין ארץ־ישראל.

— איר פאַרשטייט — האָט מיר דער ייד געזאָגט מיט אַ גמרא־ניגון — „זיי" האָבן פיינט אַלטע, זיי ווילן פון אונדז, אַלטוואַרג, פטור ווערן. די יונגע האָבן זיי ליב און זיי האָבן ליב נאָר די יונגע.

אין דעם יידס ווערטער איז פאַראַן אַ סך אמת. די יונגע זענען טאַקע מערסטנס צופרידן. פונקט ווי אין אַמעריקע, איז אַלטקייט אין רוסלאַנד איצט נישט קיין כבוד. דער יונגער־מאַן האָט דעם קלוב, פאַר־שטעלונגען, לעקציעס, צייטונגען, קורסן. אים איז פריילעך. אפילו עולם־הזה האָט ער פאַר גראָשנס. דער בופעט אין קלוב איז אַ ביליקער און אפילו דער יונגער נישט־אַרבעטער־עלעמענט איז נישט אַזוי מרה־שחורהדיק. ער באַמיט זיך צוצופּאַסן, פּראָלעטאַריזירן זיך. דער עלטערער עולם איז אומעטיק. קיין געשעפטן מאַכט מען נישט. קיין ששי אין שול, ווי אַ מאָל, קריגט מען אויך נישט (ס'איז נישט דער אַמאָליקער ששי). קיין אָפּשיי פאַר זיין ווייסן קאָפּ און באָרד אויך נישט. קיין איבעריקן כבוד פון די קינדער אַוודאי נישט — וואָס זשע האָט ער?...

*

פאַר מיין אָפּפאָרן פון באָברויסק זענען געקומען צו מיר עטלעכע יידישע לערער און איינגעלאַדן מיך, איך זאָל האַלטן אַ פּאָרטראַג וועגן דער יידישער לי־טעראַטור און קולטור־לעבן אין אויסלאַנד.

מיר האָט זיך נישט שטאַרק געגלוסט, נאָר די לערער האָבן דורכויס געוואָלט הערן אַ גרוס פון יידישן קולטור־לעבן.

— מיר זענען נייַנציק יידישע לערער — האָבן זיי געזאָגט — און איר פאַרשטייט אַליין, ווי אונדז אינטערעסירט די יידישע ליטעראַטור און קולטור אין אויסלאַנד.

עס איז געבליבן, איך זאָל מאַכן אַ שמועס מיט די לערער. שפּעטער איז געקומען אַ לערער אַ קאָמוניסט און געבעטן, אַז דער שמועס זאָל זיין נישט נאָר מיט די לערער, נאָר אויך מיט די יידישע קולטור־טוער.

עס איז געבליבן אַזוי. צו מאָרגנס האָט מען מיך איינגעלאַדן אין דער יידישער סעקציע. אַ בלאַסער יונגער־מאַן איז געזעסןביים טיש און נעבעך גע־האָרעוועט ביים שרייבן אַן אַרטיקל אין ווייסרוסיש פאַר אַ צייטונג. ער האָט אַוועקגעלייגט די פּען און זיך פאָרגעשטעלט.

— אפשר וועט איר לייענען שוין פאַר די יידישע אַרבעטער אויך?

— אָבער איך דאַרף אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איך בין אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס".

— איר וועט דאָך רעדן וועגן ליטעראַטור!

— וועגן יידישער ליטעראַטור, פּרעסע, שול, טעאַטער.

— גוט, מיר בעטן אייך.

אַז מען האָט מיך געבראַכט שפּעטער אין קלוב פון די בויאַרבעטער, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ בית־מדרש, איז געווען פול געפּאַקט, מערסטנס מיט יוגנט.

איך האָב נישט דערציילט קיין נייס. איך האָב בלויז דערציילט, ווי אַזוי עס זעט אויס די יידישע ליטעראַטור, פּרעסע, שול, טעאַטער. מען האָט גע־שלונגען די ווערטער. יעדעס בוך, וואָס איך האָב אויס־

גערעכנט, איז געווען אַ נייס. פון אַשס „כישופמאַ־כערין פון קאַסטיליען", „קידוש השם", „מוטער" א. אַנד. האָט מען קיין מאָל נישט געהערט. פון מערסטנס יידישע ביכער, וואָס זענען דערשינען אויסער רוסלאַנד פון דער רעוואָלוציע ביז איצט, אויסער קליינע אויס־נאַמען, ווייסט מען נישט. די לערער זענען געזעסן מיט אָפענע מיילער.

— אָך, ווען מיר האָבן די ביכער — האָבן זיי געזאָגט — אַ גליק וואָלט דאָך דאָס געווען. מיר האָבן אַבסאָלוט נישט וואָס צו לערנען אין די העכערע קלאַסן. שטענדיק די עטלעכע אייגענע שרייבער און איבערזעצונגען פון רוסיש. די געציילטע עקזעמפּלאַרן פון „אויסלענדישע" ביכער, וואָס פאַלן אַריין, ליגן אין די רעדאַקציעס.

צוזאַמען מיט דער אַנטציקונג פון דער לערער־שאַפט, האָט אָנגעהויבן וואַקסן דער אומרו אין זאַל צווישן דער יוגנט, צווישן די בחורישע קעפּקעס און מיידלשע טיכלעך.

איך האָב דערציילט, אַז אין צפון־ און דרום־אַמע־ריקע פאַרשפּרייט זיך די יידישע פּרעסע אויף העכער דריי מיליאָן יידן אין אַ זיבן הונדערט טויזנט עקזעמ־פּלאַרן, אין פּוילן איז דער טיראַזש פון דער יידישער פּרעסע העכער הונדערט טויזנט עקז. און אין סאָ־וויעטן־רוסלאַנד צעגייט זיך די יידישע פּרעסע קוים ביז דרייסיק טויזנט עקז.

איבערן זאַל האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק.

— וואָס לאָזט מען אים רעדן? — האָבן זיך געהערט שטימען.

— רעדט! רעדט! — האָבן שטימען איבערגע־ריסן — מיר ווילן הערן!

איך האָב ווייטער גערעדט.

— איר האָט אויפגעטאָן דאָ וווּנדער. הונדערט און פופציק טויזנט יידישע קינדער לערנען אין יידישע שולן. איר האָט געשאַפן יידישע פאַקולטעטן, טעכני־קומס — אָבער אין דער זעלבער צייט טוט איר אַ זינד קעגן דער יידישער ליטעראַטור. איר לערנט אין די שולן נאָר פון די אייגענע שרייבער כמעט. די שילער פון אייערע שולן לערנען געאָגראַפיע און אַריטמעטיק אין יידיש און בעלעטריסטיק מוזן זיי לייענען אין רוסיש. די יידישע ליטעראַטור לאָזט איר צו זיי נישט צו, אַחוץ עטלעכע אייגענע — מיט איין האַנט בויט איר און מיט דער צווייטער צעשטערט איר...

— שווייגט! — שרייען קולות — קאָנטרעוואָ־לוציע — שווייגט!

— גערעכט! גערעכט! — רייסן איבער אַנדערע — ביטע זייער, רעדט!

איך האָב גערעדט, אָנגעוויזן אויף אַלעם גוטן און אַלעם שלעכטן, און מען האָט מיך פונדעסטוועגן נישט געלינטשט, נישט אָפּגעשיקט אין „געפּעאו" און נישט באַוואָרפן מיט שטיינער.

מען האָט נאָר געפירט מיט מיר דיסקוסיעס דער־נאָך, אַ ביסל היסטעריש, איבערהויפּט די מיידלעך, אָבער אָן סכנות. און קוויטלעך האָט מען מיר אָנגע־וואָרפן אין די הונדערטער — ווי עס געפעלט מיר די רויטע אַרמיי? און וואָס זאָג איך וועגן שלום אַשס בריוו צו פּילסודסקין? און וואָס איז מיין מיינונג וועגן פּראָלעטאַרישער קולטור? און צי בין איך אַ מענ־שעוויק?

פאַרשטייט זיך, אַז דער זעלבער אָנפירער פון דער יידישער סעקציע, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן צו לייענען, כאָטש איך האָב אים דערציילט וועגן מיין מיטאַרבעטערשאַפט אין „פאָרווערטס", איז דערנאָך אַרויסגעטרעטן קעגן מיר, דעם „פאָרווערטס"־מיט־אַרבעטער, מיט גרויסע טענות און געשרייען פאַר מיין חוצפּה אא"וו.

אָבער מען דאַרף אים נישט נעמען פאַר אומגוט. ער האָט זיך געמוזט ראַטעווען. ער איז פון דעסטוועגן געווען גענוג טאָלעראַנט, מיר צו לאָזן דערקלערן פאַרן עולם, אַז איך האָב וועגן מיין „פאָרווערטס"־מיטאַרבעטערשאַפט דערציילט און אויפמערקזאַם גע־מאַכט.

שפּעטער האָבן מיר לערער און ביבליאָטעקאַרן גערעדט.

— עס וועט זיך מוזן ענדערן — האָבן זיי זיך אַליין געטרייסט — די לעזער פאָדערן „אויסלענדישע" ביכער. פאַלט אַריין אַן עקזעמפּלאַר, צערייסט מען אים שיער נישט.

באַקאַנטע האָבן באַוווּנדערט מיין „העלדישקייט", מיין „וואַגונג". ווער ווייסט, צי איך טראָג נישט אַ מאָל די פּירער פון שטאָט אויף מיין געוויסן?

אסתר פלדמן

ביקור בבתי־ספר במחוז בוברויסק (1934)

לימודי באספירנטורה נמשכו כסדרם. הגיעה השעה לחלוקת הנושאים לדיסרטציות. לאחר דיונים ממושכים הוחלט לקבוע לי כנושא: „מצב המורה בבית־הספר היסודי היהודי". תחילה היה עלי לערוך תכנית ולהגישה לפרופסור שאליו הוצמדתי. אחרי־כן צריכה הייתי לבסס את החלק העיוני בנסיון מעשי בבתי־ספר יסודיים יהודיים. מנין אקח בתי־ספר כאלה? במוסקבה ובשאר ערי הרפובליקה הרוסית רספס"ר לא נמצאו. בחיפושי אחרי החומר הדרוש לי נאלצתי לנסוע לבילורוסיה, שם עוד הוסיפו להתקיים בתי־ספר יהודיים.

אור ליום 9 בדצמבר 1934 הגעתי למינסק. בבית־המלון לא נמצא, כמובן, חדר פנוי. בבוקר הופעתי עם צר־השליחות שלי במחלקת החינוך המחוזית. בקושי הצלחתי למצוא בית־ספר יהודי. התברר, שמנהלו הוא מכרי הטוב מימי עבודתי בקיוב מפיו שמעתי על מצבו העגום של בית־הספר. מה רבים היו הקשיים הכרוכים בהחזקתו המלאכותית של בית־ספר כזה! תלמידיו לא היו להם שום סיכויים לעתיד. מוסדות חינוך גבוה בשפה היהודית לא היו בנמצא. עם זאת לא ניתן לילדים ללמוד את תולדות העם היהודי, כי מקצוע כזה לא נכלל בתכנית הלימודים. אולי היה טעם לקיים בית־ספר בעברית; בתי־הספר ביידיש — לא היה להם שום טעם. אל מסקנה זו הגעתי תחילה בדרך עיונית, והנה מצאתי לה ביסוס בעובדות. ההורים סירבו לשלוח את ילדיהם לבתי־ספר אלה. אף־על־פי־כן חייבת הייתי לכתוב עבודת־מחקר על נושא זה שאין בו תועלת. המנהל יעצני לצאת אל המחוז ולהתבונן בבתי־הספר המקומיים באזורים שבהם עדיין היתה יידיש השפה השלטת.

לפי עצתו יצאתי למחוז בוברויסק. מסילת־הברזל לא הגיעה לשם ונאלצתי לנסוע בעגלה. העיירות היהודיות שכנו ממש על הגבול. בבתי היהודים היו החדרים מושכרים לאנשי־צבא. כל אדם חדש היה מעורר חשד. בעלי־הבית שלי, זקן וזקנה, חששו להכני־סני לביתם. הם שאלו מיד, מה מטרת בואי. הזקנה לא האמינה, כמובן, לדברי; היא חשבה שאני איזו מפקחת או מנהלת. היא מיהרה להודיעני, שנכדיה לומדים ב„חדר" ואחד מהם, המתקרב לגיל בר־מצוה, כבר יודע את כל התורה בעל־פה. הזקן הפסיק את שטף דיבורה; הוא הבין, כנראה, שדיבורים כאלה מסכנים גם אותם וגם את ה„חדר". אולם אני התעניינתי דווקא בשאלה זו, ועד מהרה התברר לי, כי בכל העיירות קיימים „חדרים" וכמעט כל ילדי היהודים לומדים בהם.

במחלקת החינוך המחוזית חזרו והצהירו לפני כי בברית־המועצות זכאים כל העמים לקיים תרבות לאומית וחינוך לאומי משלהם. עצם הופעתי גרמה שם להתרגשות בין הפקידים; דומה, שגם הם סבורים היו, כי אני איזו מפקחת, והתאמצו להסתיר מעיני כל מה שאפשר היה להסתיר.

לא רציתי לבוא אל בתי־הספר במפתיע ולכן הייתי מודיעה מראש על מועד בואי והמנהלים היו משליטים איזה סדר. אף־על־פי־כן לא יכלו להסתיר את המצב האמיתי בבתי־הספר. הכיתות היו ריקות למחצה: מעשרה עד חמישה־עשר תלמידים לכיתה. בואי היה מטיל מבוכה כזאת בקרב המורים, עד שהיו מתבלבלים בפתרון שאלות חשבון. אני אספתי את מחברות הילדים על מנת שאוכל להשתמש בהן בעבודת המחקר שלי בעתיד.

רושם טוב יותר עשו עלי בתי־הספר המקצועיים לנערות. שם הורו בעלי מקצוע מנוסים, כל אחד במלאכתו. הנערות למדו בעיקר גזירה ותפירה וגם לימודים כלליים. בתי־ספר אלה אמנם לא נכללו בתחום המחקר שלי ואף־על־פי־כן ביקרתי בהם ואספתי עליהם חומר.

בדרך כלל נצטייר לפני המצב בעיירות כעגום למדי. בתי־הספר לא היה להם סיכוי לקיום של ממש. הנוער בעיירות התאמץ להיטמע ודיבר רוסית עילגת. מאידך גיסא ניסו הזקנים לעצור את תהליך הטמיעה, בעיקר על־ידי חינוך דתי וקיום מנהגי המסורת. נישואי תערובת היו טראגדיה שפקדה כמעט כל משפחה. בשכנות לביתי גרה בת יחידה יפהפיה, חברת קומסומול. שם, בקומסומול, התידדה עם צעיר רוסי שהתאהב בה. הוריה לא הסכימו בשום אופן לזיווג זה ואיימו על הבת שיסעו מן העיירה לכל אשר תשאם

הרות, ובלבד שלא יראו ב„נישואי־קלון" אלה. האביר בן העשרים הכריז באזני אהובת נפשו, שאם לא תינשא לו, יאבד עצמו לדעת בו במקום. הנערה, בעלת לב יהודי, הסכימה להינשא לו נגד רצון הוריה. כעבור חצי שנה החל הבחור להשתכר ולהכות את אשתו הצעירה. לבסוף נכמרו רחמי ההורים על הבת; הם החזירו אותה אל ביתם, יחד עם התינוק, ואילו הבחור נעלם והתחמק מתשלום המזונות.

עובדות רבות ממין זה נודעו לי בעיירה הזאת. כך נצטיירה לפני העיירה הזאת. כך נצטיירה לפני העיירה היהודית בבילורוסיה בירידתה ובהתנוונותה.

(מן הספר „כלא בלי סוגר", ת"א תשכ"ד)

צ. דולגופולסקי

בתי־הספר היהודיים בבוברויסק

פגשתי את המנהל בחדר־משרדו החדש, שעוד לא נסתיים סידורו, כשהוא משוחח עם תלמיד. השיחה היתה, כנראה, חשובה מאד ועמדה להסתיים.

בית־הספר היהודי ע"ש סטאלין נבנה זה רק עתה. ועכשיו זקוק הוא לתשומת־לב רבה ולעזרה.

אבות ואמהות המובילים ילדים בידיהם צרים על משרד המנהל. הם באים כאן עם בקשותיהם וטענותיהם. סוף סוף נשארים אנו לבדנו. המנהל אומר: ממנהל בית־ספר נדרש שיכיר אישית כל ילד וילד, ואת הוריו של הילד. סברתי שקומיסר החינוך העממי ירצה להכירני אישית, את מנהל בית־הספר החדש בן עשר שנות הלימוד בבוברויסק. מתברר כי הקומיסר לחינוך אישר אותי מבלי שראַני.

אמנם, זו הפעם לא החטיא הקומיסר לחינוך את המטרה. מנהל בית־הספר החדש ע"ש סטאלין בבוב־רויסק, החו' חיניץ', שייך למתקדמים שבמורים היהודים ברוסיה הלבנה. הוא הקים בליוּבאן בית־ספר יהודי בן שבע שנים.

בית־הספר בן עשר שנות לימוד ע"ש סטאלין בבוברויסק עלה למדינה 400,000 רובל ונבנה תוך 3 חדשים. — — אנו עולים עם המנהל לקומה השניה, לכיתה השמינית. כשלושים ילדים, נערים ונערות, מברכים את פנינו בקימה, נקיים ומלבושיהם לא רעים. שלושת החלונות הנרחבים של הכיתה השמינית תופסים את כל הקיר השמאלי — אור רב יש כאן. הקירות צבועים בצבע שמן. מארבע פינות הגג מציצות נורות חשמל באבז'ורים של מאט. הכל חושב כאן מראש, הכל נעשה ביד מלאה ורחבה.

ביה"ס החדש ע"ש סטאלין נבנה במרכז הדרך הישנה (דער אַלטער שליאך). הדרך הישנה — זהו רחוב הדלות הבוברויסקאית, רחוב בעלי־המלאכה, שומרי היערות, מובילי הרפסודות, בעלי־העגלות, העמלים. על הגגות הישנים, המטולאים, מתיבשים להם בשמש גרעיני דלעת (ציטקע קירבעס), אולם מתחת לגגות גדל דור חדש הקשור באלפי חוטים בקומבינט העצום הבוברויסקאי, בבית־החרושת לתפירה, בכל מפעליה של העיר הסוציאליסטית.

בעת שחיניץ' מסיים את שיעורו בהיסטוריה יושבים כרבע מתושבי בוברויסק סמוך לספרי הלימודים שלהם. ב־27 בתי־הספר של בוברויסק לומדים עתה לא פחות מ־12 אלף תלמידים. 3000 ילדים של עמלים יהודים לומדים עתה בבתי־הספר היהודיים המשובחים, הנוחים, המוארים יפה של בוברויסק.

(„עמעס", 23.9.36)

מכתבו של אב

בבוברויסק נסגרו בעת האחרונה הקבוצות היהו־דיות בגני־הילדים. כך, למשל, העבירו בשנה שעברה את העבודה בגני־הילדים מס' 2 ומס' 16 לרוסים ובילורוסים (בגן־הילדים מס' 16 נשארה רק קבוצה יהודית אחת...). עוד יותר בלתי־נסבלת היא העובדת שמצאה לה מקום בגן־הילדים מס' 11, סמוך לבית־החרושת לתפירה ע"ש דזרז'ינסקי. המנהלת ריווינה משתדלת בכל כוחה למען סגירת הקבוצה היהודית

בגן. לשם כך היא פשוט מסיתה את ההורים, החו׳ בלברובה, אם של ילד המדבר בביתו אך ורק אידיש, הפועל סוידער, אביו של ילד המדבר אך ורק אידיש, להגיש הודעה שהם רוצים כביכול, שהילדים ילכו לקבוצות הרוסיות. מהראשון בפברואר נסגרת הקבוצה היהודית. בבית־החרושת לתפירה עובדים למעלה מ־400 פועלים יהודים. במקום לנהל פעולת חינוך תרבותית ולהסביר להורים את היעילות שישנה בחינוך הילדים בשפה בה קל להם יותר להשתמש, הולכים בדרך ההתנגדות הקלה ביותר. גם מנהל מחלקת החינוך המחוזית הח׳ מורוזוב והמפקחת של מחלקת גני־הילדים הח׳ סלוצקאיה אינם מודאגים כלל וכלל מסגירת הקבוצות היהודיות בגני־הילדים.

(„עמעס", 27.5.37)

סאָניע מייזנער

יידישע־סאָוויעטישע שולן אין באָברויסק

ווען די גרויזאַמע דייטשישע חיילות האָבן אין 1939 אָנגעהויבן זייער מאַרש איבער אייראָפּע, זיינען מער ווי העלפט מיטלשולן און שולן אין באָברויסק געווען יידישע: אומגעפער ¾ פון אַלע יידישע קינדער אין באָברויסק און סביבה האָבן זיך געלערנט דאָ אין די יידישע שולן.

יידיש איז געווען די הויפּטשפּראַך. פון 1טן קלאַס ביזן 7טן איז געווען ניט קיין פולע מיטלשול; פון 8—10 קלאַס איז געווען אַ פולע מיטלשול. אין צווייטן קלאַס האָט מען שוין געלערנט ווייסרוסיש און רוסיש. דייטש האָט מען געלערנט אַלס פרעמדע שפּראַך פון 6טן קלאַס.

אין די ייִנגערע קלאַסן האָט מען פיל געזונגען יידישע לידער, לידער וועגן דער נאַטור, וועגן דער העלדישער רויטער אַרמיי א. א. וו. די איינציקע יידישע פאָלקסליד, וואָס מען האָט געלערנט, איז געווען „אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל" — מיט דעם האָט מען אונטערגעשטראָכן ווי אַזוי עס האָבן זיך געלערנט קינדער אַמאָל.

די קינדער אין שול האָבן זיך דערצויגן קעגן שאָוויניזם, און דאָס וואָרט ציוניזם האָט מען ניט דערמאָנט.

רעליגיע איז אַ סם, כדי צו פאַרסמען די אַרבעטער. די קאַפּיטאַליסטן האָבן דאָס געדאַרפט אין רוסלאַנד און דאַרפן עס אויך איצט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער צום פאַרטעמפן די מוחות פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז מען זאָל אים קענען בעסער אויסנוצן. עס איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן פעלקער, נאָר צווישן קלאַסן. אַזוי האָט מען מיט אונדז געלערנט.

אָבער באָברויסק איז פאָרט געווען אַ ריין יידישע שטאָט. און נאָך די אַלע אַנטירעליגיעזע לערעס און שווערקייטן האָט מען דאָך אין פיל הייזער אָפּגעהיט די יידישע טראַדיציעס און יום־טובים און אין אַ קליינער טייל משפחות איז מען אפילו געווען שטאַרק פרום.

איז דאָך דעריבער קיין וואונדער ניט, אַז דווקא אין די סדר־נעכט אָדער אַנדערע יידישע יום־טובים פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אַנטירעליגיעזע אָוונטן. און אַזוי ווי אַלע יום־טובים זיינען געווען לערנטעג, דעריבער האָבן די קינדער געמוזט דעם טאָג קומען אין שול. איך, צום ביישפּיל, האָב ליב געהאַט די סדר־נאַכט. פלעג איך, און אויך פיל אַנדערע שילער, ספּעציעל קומען פריער אַהיים פרעגן די 4 קושיות און אויך העלפן זינגען די „חד־גדיא" לידער אין יידיש. דעם אינהאַלט פון דעם יום־טוב האָט זייער ווייניק ווער פון מיין דור פאַרשטאַנען. פיל קינדער פלעגן קומען הערן כל־נדרי אין בית־המדרש (ביי אונדז אין גאַס איז נאָך ביז 1941 געווען אַ בית־המדרש) און ביזן היינטיקן טאָג קען איך ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָבן מיר זיך אַזוי צוגעהערט צו דער מעלאָדיע מיט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און מיט ציטערדיקע הערצער. מיר האָבן דאָך אין דעם גאָרניט פאַרשטאַנען. אפשר די טרויעריקע פנימער פון די באָבעס, זיידעס און עלטערן האָבן אויף אונדז געווירקט ? !

מיר האָבן געוווּסט, אַז סוכות בויט מען סוכות, אַז חנוכה עסט מען לאַטקעס און מען שפּילט אין געלט, ווייל קיין דריידלעך זיינען שוין דאַן ביי אונדז

ניט געווען. אַנדערע האָבן געוווּסט, אַז ל״ג בעומר שפּילט מען אין פייל און בויגן, אָבער פאַרוואָס? אַנ־דערע עלטערן אָדער זיידע־באָבעס פלעגן דערקלערן די קינדער דעם אינהאַלט פון אַלע יום־טובים, אָבער אַז מען האָט עס ניט געלערנט אין שול, פלעגט עס אין איין אויער אַריין און פון צווייטן אַרויס.

מיר האָבן פיל געלערנט וועגן שלום עליכם, מענ־דעלע, פּרץ, בערגעלסאָן — זייער ווייניק. אין די דרייסיקער יאָרן האָט מען פיל געלערנט די פּאָעמעס פון איציק פעפער, מאַרקיש, מאַרשאַק, איזי כאַריק.

עס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן שלום עליכם־אָוונטן: פאַרשטעלונגען „טוביה דער מילכיקער״, „מאָטל פייסי דעם חזנס״. מען פלעגט אויך פאַרשטעלן אין שול „הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע״, „די כישופ־מאַכערין״, „צוויי קוני לעמלעך״ און אַנדערע. די אַלע דערציילונגען, די אַלע פאַרשטעלונגען זיינען געווען, — דאָס האָב איך שוין דאַן פאַרשטאַנען — גוט דורכ־געזיפּט, דאָס הייסט, אַזוי באַאַרבעט, אַז עס זאָל זיך, חלילה, ניט אַריינכאַפּן אַ וואָרט, וואָס איז „טריף״ פאַר דער סאָוויעטישער יוגנט.

אין די יידישע שולן האָט מען אפילו ניט דער־מאָנט, אַז עס זיינען פאַראַן און עס זיינען געווען אַזוינע גרויסע שרייבער ווי ביאַליק, טשערניכאָווסקי, אַש, קאַצענעלסאָן, שמעוני און אַנדערע. מיר האָבן געלערנט גאַנץ פיל ווייסרוסישע ליטעראַטור און גראַמאַטיק.

די לערערין פּאָפּיערנע האָט זיך צוזאַמען מיט די שילער פון די עלטערע קלאַסן באַמיט, אַז די קענטעניש פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין דער יידישער שול זאָלן ניט זיין קלענער ווי אין די רוסישע שולן. און מיר האָבן דאָס דערוויזן, ווען מען האָט צוגעמאַכט די יידישע שולן. מיר, די גע־וועזענע יידישע שילער, האָבן זייער גוט אויפגענומען די ווייסרוסישע און רוסישע לימודים, און אונדזערע קענטענישן זיינען אפילו אפשר נאָך געווען שטאַרקער ווי ביי די שילער פון די ניט יידישע שולן. באַ אונדז אין שול זיינען געווען די בעסטע לערער פון שטאָט. פיזיק און מאַטעמאַטיק האָט אונדז געלערנט לאַזאַ־ראָווע, וואָס האָט געהאַט העכערע בילדונג. לעווינאַ — כעמיע. דייטש האָט אונדז געלערנט לעווינסאָן־־ליפּעץ.

פון די ערשטע קלאַסן אָן האָבן אונדז געלערנט אַזוינע איבערגעגעבענע לערער ווי בערמאַן, גערשענ־גאָרן. פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז דער דירעק־טאָר פון אונדזער שול געווען ווײַשינקער; ער איז אויך געווען אַ לערער פון געאָגראַפיע און היסטאָריע. מיר האָבן פיל געלערנט געשיכטע. אַ סך וועגן דער רוימישער אימפּעריע, וועגן מצרים, אָבער קיין איין מאָל האָט מען ניט דערמאָנט, אַז עס איז מיט טויזנ־טער יאָרן צוריק געווען אַ פאָלק יהודה, וואָס האָט העלדיש געקעמפט פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט קעגן די רוימער. וועגן באָגדאַן כמעלניצקי, פוגאַטשאָוו, ראַזין — האָבן מיר געוווּסט, אַז זיי זיינען געווען פאָלקס־העלדן. וועגן בר־כוכבא, שמשון הגיבור האָבן מיר ניט געהערט.

פון געאָגראַפיע האָבן מיר געוווּסט, אַז אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים איז דאָ אַ מאַנדאַט־קאָלאָניע פון דער ענגלישער אימפּעריע, וואָס הייסט פּאַלעס־טינאַ; מער האָבן מיר וועגן דעם כמעט ניט געוווּסט.

אין די טעג פון די סאָוויעטישע יום־טובים, ווי ניי־יאָר, טאָג פון אָקטאָבער רעוואָלוציע, ערשטער מאַי, יובילייען פון שרייבער, סאָוויעטישע העלדן, — פלעגן איינגעאָרדנט ווערן קאָנקורסן פון יונגע קינסט־לערישע פייאיקייטן: געזאַנג, טאַנץ, ספּאָרט־פאָרמעס־טונגען. די שילער פון די יידישע שולן פלעגן תמיד פאַרנעמען די ערשטע פּלעצער. אַזוי אויך אויף אַנ־דערע קולטור־געביטן.

אין לערניאָר 39—1938 האָט מען אין אַלע יידישע שולן צוזאַמענגערופן עלטערן־פאַרזאַמלונגען. מען האָט דערקלערט, אַז צוליב די יעניקע, וואָס ווילן פאָרזעצן זייער לערנען אין די אוניווערסיטעטן, טעכניקומען און אַנדערע לערן־אַנשטאַלטן, וווּ די לימודים זיינען נאָר אין דער רוסישער און ווייסרוסישער שפּראַך, וועט בע־סער און גרינגער זיין, אַז אויך די לעקציעס אין די שולן זאָלן פאָרקומען אין רוסיש אָדער ווייסרוסיש. די על־טערן האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז נאָך דער קורצער פאַר־זאַמלונג מיט איין פאַרשטייער פון בילדונגס־פאַראיין וועט מען פאַרמאַכן אַלע יידישע שולן אין רוסלאַנד. אַזוי פלוצלינג האָט זיך געענדיקט די עפּאָכע פון די יידישע שולן. דער יידיש האָט אָבער ניט געשטערט די יוגנטלעכע צו זיין גוטע דאָקטוירים, אינזשענערן, טעכניקער, פליער און קאַפּיטאַנען. שווערלעך איז געווען די שילער, שווער איז געווען די לערער, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געלערנט אין דער יידישער שפּראַך. אַמשווערסטן איז געווען פאַר אַזאַ לערער ווי שוב. דעם

לעצטן יאָר האָט אונדז געלערנט יידישע ליטעראַטור און גראַמאַטיק דער לערער קאַגאַן־העלער — ער איז אויך געווען א יידישער שרייבער און רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג אין באָברויסק.

די יידישע קי־דער, וי־אס זיינען געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, האָבן שוין אפילו דעם א־ב ניט געלערנט. אַזוי ביסלעכווייז ווערט אָפּגעמעקט צווישן די יונגע דורות דער זאַפּטיקער, ליטעראַרישער און דער טאָג־טעגלעכער יידיש. אַ שאָד. ווער מען האָט דער יידיש געשטערט?

איך האָב נאָך צום גליק באַוויזן צו ענדיקן 7 קלאַסן אין יידיש.

מ. פ.

פליט מלחמה מספר...

(מתוך עדות שהוקלטה)

בס־יו 1939, כאשר פרצה המלחמה, התגוררתי עם משפחתי בעיר .N. כעבור חודש ימים לשלטון הגרמנים אספו השליטים החדשים את כל היהודים בש־ר והגלום לאזורי הכיבוש הסוביטיים. וכך הגעתי לב־אליסטוק. כעבור שנים־שלושה שבועות לשבתי בביאליסטוק הכריזו השלטונות על גיוס נוער ופועלים לאזורי בילורוסיה המזרחית. חיי הפליטים בביאליסטוק, בלי עבודה ובמחסור תמידי, נמאסו עלי; כן נמשכתי אחר קסם החיים בברית־המועצות. הייתי אז כבן 17 שנים, קראתי בספרות הסוביטית באידיש ונדמה היה לי כי שם קיימים חיים יהודיים לאומיים שלא על בסיס דתי ומובטחת פריחת הספרות היהודית. אמנם בעצם הימים ההם כבר נסגרו בתי־הספר היהודיים בברית־המועצות, אולם דבר זה לא הגיע לידיעתנו. נרשמתי בין המתנדבים, שרובם באו מקרב יוצאי תנועת הנוער הקומוניסטית בפולין לשעבר, או מבין אוהדיה, וכעבוד זמן־מה מצאתי את עצמי עם כמה עשרות נערים ובחורים יהודים במחנה־בניה, כמה קילומטרים מבוברויסק.

במחנה־בניה זה שהיתי כחודש ימים. הפועלים שעבדו בו היו אסירים עובדי־כפיה. רובם ככולם לא יהודים. לא ידענו את שפתם ולא היה לנו קשר עמהם. העיר בוברויסק היתה קרובה ובה יהודים רבים. בבואך אל העיר נפגשת בהם על כל צעד ושמעת אותם מדברים אידיש בכל רחוב ורחוב. כל אחד מאתנו השתדל לעזוב את המחנה ולהסתדר בבוברויסק. מי שהיה בעל מקצוע רצה להסתדר במקצועו, אחרים רצו ללמוד רוסית, ובכלל להי־טיב את תנאי חייהם. לא היה קשה לעבור לבוברויסק. היינו חדשים ומצאנו עזרה ביהודים המקומיים, שהיו להם אפשרויות רבות, מאחר שבכל מוסד, מפעל, בית־חרושת היו יהודים והם עזרו ברצון לכל אחד מהפליטים שפנה אליהם וביקש את עזרתם.

סבור אני כי מאות פליטים יהודים מפולין הסתדרו בבוברויסק. מאחר שהיו מרוכזים בכמה מקו־מות עבודה, היתה מציאותם בולטת. כך, למשל, עבדו פליטים רבים בבית־החרושת לתפירת בגדים.

אחת מן החויות הגדולות שהיו לנו בימים הראשונים לבואנו לבוברויסק, היתה הופעתו של התיאטרון היהודי ממינסק, שבא להתארח בבוברויסק לרגל חגיגות השבעה בנובמבר. הם הציגו שתי הצגות, שמהן נחקקה בזכרוני הצגת „בר־כוכבא" לשמואל האלקין. בעת ההפסקות, בין מערכה למערכה, הפך כל פליט ופליט למרכז, אותו הקיפו חבורות יהודים, וכל אחד מהם השתדל להטות אוזן ולהקשיב למה שסיפרנו ולתשובות לשאלות שהופנו אלינו. השאלות שנשאלנו היו שונות ומשונות. היו מהן שנראו לנו תמימות וילדותיות, כמו: האם היו בפולין מכשירי רדיו? האם היו שם בתי־ספר? אולם העיקר לא היה בשאלות ובתשובות, אלא בעצם הפגישה בין יהודים מפולין לבין יהודים מברית־המועצות. זו היתה עבורם חויה כבירה. הדבר מצא ביטויו גם בכך שכל יהודי שהיה באותה הצגה, התחנן ממש לפנינו שנבוא ללון בביתו.

הייתי בין הפליטים האחרונים שעזבו את המחנה. אנחנו, הנשארים הבודדים, שמענו כי חברינו שיצאו לבוברויסק הסתדרו יפה. החלטנו ללכת בעקבותיהם. עזבנו את המחנה בחוסר כל. איני זוכר בדיוק איך קיבלתי עבודה בעיר, אבל בסופו של דבר זכורני

שעבדתי יום ראשון בקואופרטיב („ארטיל") של פחחים. באתי לעבודה בבוקר מבלי שהיתה לי עוד דירה ללון בה. אולם במהרה התברר שהדאגה לכך מיותרת. מיד כשנודע ליהודים שעבדו בקואופרטיב על בואנו (היינו כמה פליטים באותו מקום), החלו להתחרות ביניהם ממש על הזכיה הגדולה שנבוא ללון בבתיהם.

הלכתי אחר העבודה עם בחור צעיר בן גילי, כבן 17 או אף פחות מזה. הוא הביאני לבית הוריו. אביו ואמו שמחו מאד על בואי, והתברר לי לאחר מכן ששמחתם היתה לא רק על כך שזכו לעזור לפליט יהודי, אלא גם מסיבה נוספת. הצעיר היה בן יחיד להוריו, והמשפחה היתה משפחה עממית, אבל בלי כל סימן של מסורת דתית. האב גידל אפילו חזירים בחצר, ובכל זאת השמיע לא פעם כי מחבב הוא אותי יותר מאשר את בנו, מאחר שבנו הוא „גוי", זר לכל ערך יהודי, ולא פעם היה שואל אותי משהו מן התורה-או מענינים יהודיים אחרים, ומאד היה רוצה שאשפיע על בנו בהתחברי עמו. הם רצו שמשהו מהיהדות שהבאתי עמי מפולין ידבק בבנם. גרתי אצלם קרוב לשנה, אכלתי ולנתי בביתם. ניסיתי מפעם לפעם לשלם להם, אך הם סירבו לקחת ממני כסף. לא היה לי נעים לחיות בצורה זו בביתם. השתכרתי לא רע, והחלטתי לשכור לי חדר ליחיד ולא להיות תלוי באחרים. היתה זו עבורם מכה גדולה. ברור שיחסם זה לא נבע מרחמנות. לרחמנות היה מקום בימים הראשונים, כאשר באתי אליהם קרוע ובלוי בגדים, אבל עכשיו היה מצבי לא רע. הם פשוט רצו שאתגורר בביתם, ביחוד השתדל בדבר האב.

דער סאַמאָוואַר זידט. מיין שוועסטער פרעגט זיך נאָך אויף מיין משפחה אין אַמעריקע, דערלאַנגט צום טיש דעם היימישן שוואַרצן ברויט, מילך און פוטער, דערלאַנגט הערינג מיט קאַרטאָפל און האַלט אין איין דאַנקען גאָט, וואָס זי זעט מיך. — יינגער געוואָרן! שענער געוואָרן! — פרייט זי זיך מיט מיר. די שפּענער, דאָס האָלץ אין אויוון צעפלאַקערן זיך, עס ווערט וואַרעם און היימיש אין דער אַלטער היים.

מיין שוואָגער איילט זיך: אַ צוג מיט ברעטער

---

* א. גאָרעליק, שטורעמדיקע יאָרן, ניו־יאָרק, 1946, 334—340.

דאַרף באַלד אָפּגיין קיין מינסק. ער גייט אַוועק און זאָגט צו, צו ברענגען הענעכן שפּעטער.

מיין שוועסטער זיצט קעגנאיבער מיר. ווידער זע איך אין איר מיין מאַמען. ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע איז מיין מוטער געווען אין זעלבן עלטער, וואָס מיין שוועסטער איצט. איר לשון מאַכט זי ענלעך צו דער מאַמען מיט אַלע פּיטשעוווקעס. זי רעדט מיט גאָט און האָט שטאַרק מורא, אַז „גויים וועלן זיך ניט בייטן"... אַז איך פרעג איר, וואָס ערגערט זי זיך אַזוי, ענטפערט זי: — וואָס מיינסטו, מיין ברודערל, ערגערן זיך? אַלע קינדער קאָמוניסטן און דער אַלטער מיינער שמייעט, דרייט נאָך מער פון זיי אַלעמען. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז מ'וועט אים אויסקלייבן אין די סאָוויעטן. אסור מיר, אויב איך וועל שטימען פאַר אַזאַ לא יוצלח. — זי לאַכט גוטמוטיק, ווי זי מיינט עס בלויז אין שפּאַס. מיין מאַמעס שמ־יכל ליגט איר אויף די ליפּן.

מיין שוואָגער האָט דערווייל פאַרשפּרייט איבערן שטעטל די נייעס וועגן דעם גאַסט פון אַמעריקע. באַלד איז געקומען מיין פּלימעניק הענעך, לויטן אויסזען אַ וואַלד־סוחר. ער וואַרפט זיך מיר אויפן האַלדז. ער פאַרזיכערט מיר, אַז ער האָט מיך גלייך דערקענט. איך אים געדענק אַלס קליין דאַר יינגל, מיט זומערשפּרינקעלעך, ווי זיין מאַמע. איצט אָטעמט פון אים די פרישע לופט פון וואַלד און פעלד, ווו ער פאַרברענגט גאַנצע טעג אַרום דעם געהילץ. ער נעמט צערונטער זיין לעדערנעם בגד און בלייבט אין אַ טאַלסטאָוועקע און הויכע שטיוול. באַלד לויפט ער ברענגען זיין ווייב און קינד, און מיין שוועסטער באַמערקט: — טייערע קינדער.

עס געדויערט ניט לאַנג און הענעך מיט זיין ווייב און קינד קומען: — די גאַנצע פאַמיליע צוזאַמען, — טוט ער אַ זאָג.

זיין ווייבל — ברונעט, שיין, אָבער דאָס דאַרפישקייט ליגט איר אויפן פּנים. זיין דריי־יאָריק קינד האָט אַ געזונטן אויסזען. ווען הענעך הייבט אָן דערציילן, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען אונטער דער דייטשער און פּוילישער אָקופּאַציע, דערוויס איך זיך, אַז זיין ווייב האָט אויך געקעמפט און געהאָלפן פאַרטרייבן פון לאַנד די אַריינדרינגלער.

הענעך איז ניט נאָר אַן אָנגעשטעלטער אין דער זעגמיל, ער איז אויך דער אָנפירער פון דער פייערלעשער־קאָמאַנדע און איז אין סאָוויעט פון שטעטל. פון קאָמסאָמאָל איז ער אַריין אין דער פּאַרטיי, איז ערשט דורכגעגאַנגען די פּאַרטיי־רייניקונג.

מענטשן האַלטן אין קומען. וויינשטיין מיט דער ברייטער באָרד פרעגט מיך, צי האָב איך געזען זיינע טעכטער אין אַמעריקע. איך גיב אים אָפּ אַ גרוס פון זיי. דער רב פון שטעטל וויל וויסן, ווי גייט עס עפּעס מיט יידישקייט אין אַמעריקע. איך קען דעם רב נאָך פון יענע צייטן, ווען ער איז נאָר וואָס געקומען פון סלוצק. געווען אַ גוטער מגיד. אַ משכיל אַ ייד, איז אָנגעשטאָפּט מיט תורה, — פלעגט מען אויף אים זאָגן. ווי ער איז דאָס אַלט געוואָרן! זיין בערדל — אַ מאָל איז עס געוואַקסן אויף גאָטס באַראָט, איצט, אויף דער עלטער, איז עס אונטערגעשאָר', צוגעפּוצט. ער איז צופרידן מיט זיין קהילה, ניט צו אָרעם און אַוודאי ניט רייך. ער איז אויך צופרידן פון דער יוגנט. אמת, זיי קומען ניט אין שול דאַוונען, אָבער זיי קומען אַהין אויף לעקציעס, פאַרזאַמלונגען, און די שול קוקט אויס גאָר לעבעדיקער. ער גיט דערביי צו: — „דאָס שטערט ניט, חלילה, די יידן, צו דאַוונען אויפן אַלטן שטייגער".— ער וויל מיך פרעגן בלויז איין פראַגע — צי רבנות איז אַ גוטע סחורה אין אַמעריקע?

ווייבער קומען פרעגן אויף קרובים אין אַמעריקע, קאַנאַדע און אפילו אַרגענטינע. ביי זיי איז דאָס אַלץ איין אַמעריקע.

הענעך איז צופרידן מיט זיין פעטער פון אַמעריקע. ער פירט מיך ווייזן די זעגמיל, ער באַקענט מיך מיט די פאַרוואַלטער, מיטן פּאַרטיי־סעקרעטאַר, מען ווייזט מיר די אַרבעט־פּלענער אויף עטלעכע יאָר, ווי אַזוי צו דערגרייכן אַ גרעסערע און בעסערע פּראָדוקציע.

מ'ווייזט מיר די געוועזענע פּאַליאַקאָווס הייזער. איצט איז דאָרט אַ מעדיצינישער פּונקט פאַר די אַרבעטער פון דער זעגמיל, אַ שפּיטאָל פאַרן שטעטל און אומגעגנט, אַ זיבניאָריקע פאַלקסשול. אין דער שול איז פאַראַן אַ לענין־ווינקל. די ווענט זענען באַהאָנגען מיט דיאַגראַמען, אַ וואַנט־צייטונג, רעדאַקטיר'ט כון קינדער, פאַר קינדער, בילדער, צייכענונגען, קאַריקאַטורן פול מיט הומאָר, אין גייסט פון דער צייט.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין סטאַרע דאָראָגי גראָד דעם אַכטן מערץ, צום פרויען־טאָג, וואָס ווערט

אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד געפייערט לכבוד דער פרויען־באַפרייונג.

הענעכס פרוי האָט גערעדט וועגן דעם אין הויז אַ גאַנצן טאָג און צוגערעדט מיין שוועסטער, זי זאָל זיך אַ ביסל צופוצן לכבוד דעם יום־טוב. ריווע האָט אָפּגעשטויבט איר מאַנטל, דער שוואָגער האָט איר אויסגעבאַרגט זיינע שבתדיקע שטיוול, בייצוקומען דעם טיפן שניי אין שטעטל. זי האָט אָנגעטאָן אַ גרינע וואָלענע פאַטשיילע אויפן קאָפּ, מיטביידע עקן פאַרוואָרפן אויף הינטן, גרייט צו גיין. מיר האָט זיך געדוכט, אַז זי איז יינגער געוואָרן. זי ווערט פריילעכער, קוקט צו לייבן פון אַ זייט און זאָגט: — „און דער אַלטער נאַר האָט געמיינט, אַז די סאָ־וויעטסקע .מאַכט איז נאָר פאַר מאַנסביל". — לאַכן מיר אַלע.

אין זאַל, וווּ די פאַרזאַמלונג קומט פאָר, אויבן אָן, אין פרעזידיום, שטייט אַ פרוי אין אַ רויטן טיכל. אירע ציין זענען היפּשלעך גרויס, אונטער דער עלעקטרישער ליכט איז איר פּנים צונטער־רויט. מיט אירע קלוגע אויגן באַטראַכט זי דעם עולם. הענעך זאָגט מיר אונטער, אַז חברטע פּאַראַסיע, דאָס ווייבל אויף דער בינע, איז פריער געווען אַ פּראָסטע אַר־בעטערין. זי קומט פון מינסק און איז אין ראַיאָנעם פאַרטיי־קאָמיטעט.

פּאַראַסיען פעלן ניט קיין ווערטער און קיין ענ־טוזיאַזם. זי רעדט מיט אַ שפּראַך, גאָר אַנדערש ווי די פויערים אין מאַרק אַ מאָל, אָדער אין קרעטשמע.

די ווייסרוסישע שפּראַך קלינגט שיין, געשליפן. איך הער ווי זי דערמאָנט מיין נאָמען: „אַ קעמפער, נאָך אין די צאַרישע צייטן". דער עולם קערט אויס די קעפּ צו מיר און אַפּלאָדירט.

פּאַראַסיעס רייד האָבן געגעבן דעם טאָן דער פייערונג. האָב איך טאַקע אין מיין באַגריסונג צו די פרויען דערציילט, אַז אין די פרייע לענדער, ענג־לאַנד, אַמעריקע, פראַנקרייך און אַנדערע מוזן די פרויען נאָך אַ סך קעמפן, ביז זיי וועלן דערגרייכן די זעלבע מדרגה, ווי די סאָוויעטישע פרוי.

נאָך מיר רעדט „טאַנקאַ מאַלענקאַיאַ" — די קליינע טאַניע. זי ברענט אַ וועלט. זי וויל ניט און קען ניט פאַרשטיין די נאַרישקייט פון האַלטן די פרוי אין שקלאַפעריי. צו מיר ווענדט זי זיך, איך זאָל איבערגעבן אין אויסלאַנד, וואָס די סאָוויעטישע פרויען טראַכטן, און אַז זיי זענען שוין באמת פריי.

נאָך דער פאַרזאַמלונג רינגלען מיך אַרום יונגע חברה און פאַרשיטן מיך מיט פראַגן וועגן אַמעריקע. הענעך האָט מיך באַגלייט ביז צום הויז. שוועסטער און שוואָגער זענען ניט געשלאָפן, געוואַרט, געוואָלט נאָך אַריינכאַפּן אַ וואָרט מיט מיר.

— זאָג מיר נאָר, ברודערקע, פון וואַנען ווייסטו אַזוי גוט די ווייבערישע פּאָלאָזשעניע? — פרעגט מיך מיין שוועסטער נאַיִוו און דער שוואָגער לאַכט, ווי אַ „סאָזנאַטעלנער" (באַוווּסטזיניקער) מענטש שוין.

שמחה גאָרעליק

מיין שטעטל פּאַריטש

אַלע פּאַריטשער זענען געווען איבערצייגט, אַז אונדזער שטעטעלע איז דאָס שענסטע און בעסטע פון אַלע דערבייאיקע שטעטלעך. ס'האָט אונדז בלויז געקרענקט, וואָס פּאַריטש האָט ניט קיין באַן. דערפאַר איז אָבער דאָס שטעטעלע געלעגן ביי די ברעגעס פון דער שיינער בערעזינאַ. דער טייך איז געווען דער חוט־השדרה, דער הויפּט־נערוו פון שטעטל. איבער זיינע רויקע וואַסערן האָט מען געטריבן פליטן מיט געהילץ פון ווייסרוסלאַנד קיין אוקראַינע און צום שוואַרצן ים. דער וואַלד־האַנדל און די געהילץ־אינדוסטריע זענען געווען די וויכטיקסטע צווייגן אין דער פּאַריטשער ווירטשאַפט. שיפן זענען געקומען און אָפּגעגאַנגען פון פּאַריטש, געבראַכט און אַוועקגעפירט מענטשן און סחורות קיין באָברויסק, בערעזין און באָריסאָוו, — ארויף מיטן וואַסער; קיין רעטשיצע, לאָיעוו — אַראָפּ מיטן וואַסער. דער „אַראָפּ" האָט אונדז פאַרבונדן מיט אוקראַינע, ביז סאַמע אָדעס. אונדזערע פּאַראַכאָדן (שיפן) זענען געגאַנגען ביז לאָיעוו, דאָרטן פלעגט מען זיך איבערזעצן אויף די גרויסע דניעפּער־שיפן. דאָס אָנקומען און אַוועק פון „פּאַראַכאָד" איז געווען אַ געשעעניש אין לעבן פון שטעטל. אין מיטן דער נאַכט, אַז מ'פלעגט דערהערן, פאַר מיילן ווייט, דעם מעכטיקן אָטעמען פון „פּאַראַכאָד", פלעגט מען אויפשטיין אים באַגעגענען. וויפל שיינקייט האָט דער טייך אַריינגעבראַכט אין אונדזער לעבן. ווער פון אונדז האָט זיך ניט געבאָדן אין דער בערעזינאַ?! די מאַנסבילן, די גאַלאַנטנע „קאַוואַליערן" — אויף דעם נאָענטן ברעג און די אָרעמע ווייבער — אויף דעם ווייטן הויפישן ברעג. ווער פון אונדז האָט זיך ניט געשפּילט אויף זיינע וואַסער־שפּיגלען; ווער האָט ניט געקוקט פאַרבענקט צום אויסבויג, ווו דער טייך האָט זיך פאַרלוירן צווישן דעמבן־וואַלד און די גרינע לאָנקעס.

די געשיכטע פון פּאַריטש טיילט מען אין צוויי עפּאָכעס: פאַר און נאָך דער שריפה. דאָס שטעטל האָט אָפּגעברענט אין 1891. דאָס פייער האָט אויפגעפלאַמט פרייטיק נאָך ליכט־בענטשן, ווען מ'האָט אין די שולן מקבל־שבת געווען. אייניקע דערציילן, אַז דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ שבת־ליכט, וואָס איז אומגעפאַלן אין אַ הויז און האָט אָנגעצונדן דעם טישטעך; אַנדערע, ווידער, ווילן, אַז ס'איז געווען אַן אַרבעט פון אַן אונטערצינדער. אין משך פון עטלעכע שעה איז דאָס שטעטל אָפּגעווישט געוואָרן. עס זענען נאָר געבליבן עטלעכע אָפּגעזונדערטע הייזלעך, צום פעלד צו. לאַנג האָט פּאַריטש געדענקט דעם „רויטן האָן". אָבער, ווי דער שטייגער, האָט דאָס שטעטל זיך צוריק אויפגעבויט, שענער און בעסער ווי פריער און איז דערפאַר באַרייכערט געוואָרן מיט אַ נייער אינסטיטוציע — „די פרייוויליקע פייערלעשער־געזעלשאַפט". פּאַריטשער יונגע־לייט און מיטליעריקע מאַנסבילן האָט מען פון דאַן אָן שוין געטיילט אין נייע קאַטעגאָריעס — „קריכערס" און „פּאַמפּערס", אַנשטאָט כוהנים, לוויים און ישראלים. די „קריכערס" אין די מעשענע היטלען זענען געוואָרן די שטאָט־העלדן. יינגלעך, וואָס האָבן געהאַט „קריכערס" אין דער משפחה האָבן זיך געגרויסט דערמיט. די רעפּעטיציעס און פּאַראַדן פון די פייערלעשער, מיט מוזיק און צערעמאָניע, זענען געוואָרן ציווילע יום־טובים, אָנערקענט אפילו פון די מלמדים, וואָס פלעגן אין יענע טעג פונאַנדערלאָזן די חדרים. אין דעם דעפּאָ פון די פייערלעשער פלעגן מיר פון צייט צו צייט אויפפירן אַמאַטאָרן־פאָרשטעלונגען אין רוסיש און יידיש. אַן אויסערגעוויינלעכער יום־טוב פלעגט יענער טאָג זיין פאַר דער יוגנט פון שטעטל. זומער פלעגט מען צו דער געלעגנהייט אויספוצן דעם דעפּאָ־הויף מיט ביימער און יאַפּאַנעזישע לאַמטערנעס.

פּאַריטש האָט געהאַט 5 שולן, 4 חסידישע און איינע אַ מתנגדישע. „אמתע חסידים" אין פּאַריטש זענען אָבער געווען די מתנגדים. אין דער גרויסער חסידישער שול האָט מען מורא געהאַט פאַר צוקווינטן — פאַר נייע שטראָמען. דאָרטן איז אַלץ געווען „ניט", ווייל „יאָ" קאָסט געלט. און דאָרט האָבן געדאַוונט די גרעסטע גבירים פון שטעטל, צווישן זיי גרשון כהן.

אַ וואָרעמע, פאָלקסטימלעכע אַטמאָספער האָט

געהערשט אין דער מתנגדישער שול. מגידים און חזנים פלעגן דאָ אויפגענומען ווערן מיט ליבע און יראת־הכבוד. אין דער חסידישער שול פלעגט מען זיך היטן פון אַזעלכע אַנשיקענישן. דער חזן אין דער חסידישער שול אברהמל כהן, וועלכן מ׳האָט גערופן „אברהמל דער שמש״, איז געווען שיין, קלוג, אַנטוויקלט און האָט פאַרמאָגט אַן אָנגענעמע באַ־ריטאָן־שטימע. געווען אַ ווירטואָז אין זיין פאַך. דער חזן אין דער מתנגדישער שול שאול דער סופר (בוימעל) האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין דאַוונען קינסטלערישן אויסדרוק און התמדה. זיין זון, יעקב בוימעל, איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס חזן אין ניו־יאָרק. אין דער היים פלעגן מיר ליב האָבן אַרויסצורעדן דאָס וואָרט בוימעל עכט מוזיקאַליש — ב־מאָל. איך געדענק, אַז חזן יעקב בוימעל האָט געגעבן אַ קאָנצערט אין פּאַריטש, ער האָט דעמאָלט שטודירט מוזיק אין אויסלאַנד און איז געקומען קיין פּאַריטש אויף אַ באַזוך.

דער חסידישער רב אין פּאַריטש חיים שניאור־סאָן האָט געצויגן זיין יחוס פון דער באַרימטער שניאורסאָן־דינאַסטיע. זיין האַלטונג איז געווען עפּעס אַ געמיט פון אַנשטעל און נאַטירלעכער ווערדע.

דער מתנגדישער רב, רב חנוך הענדעל, איז געווען אַן איש צדיק ותמים, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עניוות און חכמה. ער איז געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן טויט. ס׳איז אים פּלוצעם ניט גוט געוואָרן אַן ערב־שבת אין מרחץ און איז געפאַלן אין חלשות. אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט אים געוואָלט אָפּמינטערן, האָט פון גרויס צע־מישטקייט און אויפרעגונג באַגאָסן אים מיט אַ שעפל זודיק וואַסער. אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך שווערע יסורים, איז דער אָפּגעבריטער הענדעל געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געשיקט רופן דעם בחור, וואָס האָט אים אָפּגעבריט. האָט אים געטרייסט און גע־בעטן ביי אים מחילה פאַרן עגמת־נפש און שם רע, וואָס דער בחור האָט צוליב דעם פאַל געהאַט אויס־צושטיין. רב הענדעל האָט אים געבענטשט, אַז ער זאָל דערפאַר באַפרייט ווערן פון פּריזיוו. מען דער־ציילט, אַז רב הענדעלס ווונטש איז מקויים געוואָרן.

ווי יעדער שטעטל, האָט אויך פּאַריטש געהאַט זיין הויפּט־אַפּיקורס. דאָס איז געווען מענדל הללס (הלל דעם משגיחס). פון מינסק, ווו ער האָט גע־לערנט שוין נאָך זיין פּריזיוו, האָט מענדל געבראַכט אין שטעטל אי די השכלה, אי דעם אומרו פון נאַ־ציאָנאַלע חלומות, וואָס האָט שפּעטער געגעבן דעם אָנהייב דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיין השפּעה אויף דער פּאַריטשער יוגנט און אויף דעם גייסטיקן לעבן פון פּאַריטש בכלל, איז געווען אומגעהייער גרויס. מענדל איז געווען שאַרפזיניק, אינטעליגענט און געהאַט אַ גוואַלדיקן חוש פאַר הומאָר. זיינע נאָענטע חברים און תלמידים זענען געווען נחמן און משה גאָרעליק. נחמן האָט שפּעטער אָרגאַניזירט די פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע אין פּאַריטש. ער איז געווען אַ שטאָלצער ייד, אַ באַגאַבטער, טעמפּעראַמענטפולער רעדנער. משה גאָרעליק האָט געהאַט ליטעראַרישע אַמביציעס. זיין ערשטער אַרויסטריט אין דער העברעישער ליטעראַ־טור איז געווען די דערציילונג „אחרי השריפה״, וואָס האָט געווונען דעם „הצופה״־קאָנקורס און איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דעם באַנד „קאָנקורס־דער־ציילונגען״. דעם ערשטן פּריז פון קאָנקורס האָט דאַן געווונען י. ד. בערקאָוויטש פאַר זיין דערציילונג „מאָשקעלע חזיר״.

ביידע חברים, נחמן און משה, זענען געשטאָרבן פון שווינדזוכט זייער יונג, אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר.

אויך זשאַמע מייזעלס, דער פּאַריטשער סקולפּ־טאָר און מאָלער, איז געשטאָרבן אין פּאַריז פון האַלדז־שווינדזוכט אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. זיינע אַן אַרבעט, אַ גרופּע פיגורן אונטער דעם נאָמען „גאָגאָל־טיפּן״, האָט געווונען אַ פּריז אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג אין מינסק.

אַ בכבודיקן אָרט אין דער פּאַריטשער געזעל־שאַפט האָט פאַרנומען לייבל שקלאָבסקי, לייבע דער שטומער. זיינע 13 קינדער זענען געווען דער שפּיגל פון דער פּאַריטשער אַסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ. הירש בער, דער עלטסטער זון, האָט געלעבט אין שווייצאַריע, געווען לעגינס אַ מקורב און האָט באַלד נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין רוסלאַנד.

זיין ברודער לייוויק איז געווען אַ באַוווסטער באָלשעוויסטישער טוער אין קיעווער און יעקאַטערי־נאָסלאַווער ראַיאָן. שלמה, דער ייִנגסטער, איז דער־מאָרדעט געוואָרן דורך ביעלאַכאָוויטשעס באַנדע

צווישן פאַריטש און באַברויסק. ער איז געשטאָרבן ווי אַ העלד און מאַרטירער, ער האָט זיך איבערגע־געבן צו דער באַנדע, באַקומענדיק דעם צוזאָג, אַז זיי וועלן שוינען די לעבנס פון די פּאַסאַזשירן פון דער שיף, אויף וועלכער ער איז געווען דער קאַפּיטאַן.

✶

דער פּאַריטשער „בונד" איז געגרינדעט גע־וואָרן דורך פּינע אָקון, אברהמל שעסטאַצקי און דעם שרייבער פון די שורות. לייוויק שקלאָווסקי האָט מיטגעאַרבעט מיט דעם „בונד", ווען ער פלעגט באַ־זוכן פּאַריטש, אָבער קיין בונדיסט איז ער קיין מאָל ניט געוואָרן. די גרינדונג פון „בונד" איז פאָרגעקומען ביי שמואל איטשע דעם רימער (אָקון) אין הויז. צווישן די 14 גרינדער זענען די אָקונס געווען פאַר־טראָטן מיט דריי: פּיניע, זיין שוועסטער רוזשע און דער אַלטער אַליין. דער אַלטער, אַזוי האָט מען אים אין דער באַוועגונג גערופן, איז געווען דער פּאַטריאַרך פון דער באַוועגונג אין דעם גאַנצן ראַיאָן. אַ גע־וויסע צייט איז ער געווען באַשעפטיקט אין דער באַוועגונג פּראָפעסיאָנעל. ער האָט אימפּאָנירט מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן הדרת־פּנים, אפילו אין דער שטאָט ניו־יאָרק, ווו איך האָב אים געטראָפן אין יאַנואַר 1924.

איך געדענק דעם געשלעג צווישן פּוע"צ און בונדיסטן צו ד"ר הערצלס ערשטער יאָרצייט. די ציוניסטן האָבן געוואָלט אַרויסצווינגען אויפן שטעטל אַ טרויער־טאָג און זענען אַרומגעגאַנגען און האָבן געפּאָדערט, מיט גוטן און בייזן, מ'זאָל פאַרמאַכן די קראָמען. די בונדיסטן, פון זייער זייט, האָבן געהאַלטן פאַר זייער „הייליקן חוב" קעגנשטעלן זיך דעם „שונא", און געשלאָגן האָט מען זיך, ווי גויים. זאָל דאָ געזאָגט ווערן למען האמת, אַז דער שרייבער פון די שורות איז דאַן אין שטעטל ניט געווען, וואָלט ער יאָ דאָרט געווע̇ן, וואָלט דער מיאוסער עפּיזאָד ניט פאָרגעקומען.

✶

איינער פון די מערקווירדיקסטע פּאַריטשער טיפּן איז געווען אריה דער בלינדער. ער איז געווען דער אמתער סגי נהור, דער וויטזעעוודיקער. סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, אפילו אין דער גרויסער שטאָט באָב־רויסק, פלעגט ער טרעפן די גאַס און די מענטשן, וואָס ער האָט געזוכט. ער איז געווען דער פריילעכס־טער האַרעפּאַשניק, דער גרעסטער אָפּטימיסט, וואָס פּאַריטש האָט פאַרמאָגט, מיט דעם אויסנאָם, אפשר, פון דעם שטעטלשן וויצלינג און הומאָריסט משה נחמן דער בעל־עגלה. קיין אַרבעט איז אים ניט געווען שווער, ער האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו צדקה און האָט זיך געשלאָגן פאַר זיין רעכט אויף אַרבעט, ניט אַזוי צוליב פּרנסה, ווי אויס ליבע צו אַרבעט און אַקטיוויטעט. ער האָט געקענט אויסווייניק אַלע תפילות, גאַנץ תהילים. שבת, בין מנחה למעריב, האָב איך ניט איין מאָל געהערט ווי ער פירט דעם „תהלים־זאָגן" אין דער גרויסער חסידישער שול. ער איז פאַרויסגעגאַנגען פאַר די שטאָטישע לוויות מיט דער פּושקע „צדקה תציל ממות" און האָט אָנגעפירט מיט די שטאָטישע חתונות אויף דעם שול־הויף, קלאַ־פּנדיק אין אַ פּויק פון די שטעטלשע קלעזמאָרים. ער איז געווען אַ שומר אויף דעם מאַרק און אַ שומר אויף חתונות צו באַדעקן, ער האָט געוווּסט וועמען אַריינצולאָזן און וועמען אַרויסצוטרייבן. ער האָט אַלעמען געקענט און דערקענט לויט זייער שטים און גאַנג.

מענטשן פלעגן אים באַשטעלן, ער זאָל אויפוועקן צום פּאַראַכאָד (דאַמף־שיף) און ער פלעגט וויסן אין וועלכן הויז צו קומען און אין וועלכן פענצטער אָנצוקלאַפּן.

ברטה ניסמן

רשמי פאריץ'

זוכרת אני את ביתנו, שהיה אָפייני לחלק גדול מבתי העיירה. בשש מדרגות היו עולים למרפסת החי־צונית (Крыльцо), משם למסדרון (Передняя), שבו היו שתי דלתות. האחת — למזנון צרכי האוכל (Кладовая) והשנית — לדירה. באמצע רצפת המזנון היה פתח מכוסה בּמכסה־עץ ומן הפתח היו יורדים במדרגות למרתף. מתחת לגג היתה עליה ששימשה לתליית כביסה בחורף ובימות הגשמים.

הבית היה בנוי כולו עץ, ורק התנור היה עשוי לבנים. בצדו של התנור היתה כניסה לכעין חדרון, שבו השתמשו להחזקת עופות חיים, מעל לחדרון זה היה חלקו העיקרי של התנור. בתנור היו מכניסים גזרי־עץ מסודרים שכבות שכבות, כשבכל שכבה פו־נים הגזרים לעבר אחר. על גזרי־העצים היו מניחים שבבים להקל על הבערת האש. את הסירים ושאר כלי הבישול היו מוציאים מן התנור על־ידי מקלות ארוכים, שלקצותיהם הצמידו ווי־ברזל. לגריפת פח־מים ואפר שימשו יעים (Кочерга).

מקום חשוב בחיי העיירה מילא הנהר ברזינה. הוא שימש עורק תחבורה ראשי. מסילת־ברזל לא עברה בפאריץ'. ביחוד יש להזכיר את קשרי התח־בורה עם העיר בוברויסק, שהתנהלו בספינות על־פני הנהר. בקיץ ביחוד היו המונים מתאספים על גדות הנהר בשעה שהספינה היתה צריכה להגיע מבוברויסק. בימות החורף, כשקפא הנהר, היו נוסעים לבוברויסק בעגלות וב„בויד"ים (ה„בויד" — מין מר־כבה ארוכה מכוסה אברזין לשם הגנה מפני קור ושל־גים. היו נוסעים בה עד שלושים איש). את הנהר היו עוברים במעברה (Паром) על מנת להגיע לשצֶ'ד־רין או להורקי. לאחר מכן בנו עליו גשר והשימוש במעברה נפסק.

על גדות הנהר ועל הנהר עצמו היו בני הנוער עורכים את טיוליהם. חורשת האלונים בקרבת הבר־זינה שימשה מקום מקובל למפגשי צעירים ולכינוסי חברי מפלגות. במימי הנהר השתמשו גם לכביסת הלבנים. עקרות הבית עם משפחותיהן היו מעמיסות על גבן את חבילות הלבנים, הולכות אל הנהר ושוט־פות במימיו את כבסיהן במשך שעות ארוכות. בחורף היו בוקעים לשם כך את הקרח ועושים בו חורים עגולים בקוטר של מטר אחד.

הרחוב הראשי, רחוב פּוליבאיה, נמשך מברזינה עד למבואות הכפר קוזלובקה. ברחוב זה נמצאו שלושה בתי־כנסת: „די געמויערטע שול" — של המתנגדים, בנין בנוי מלבנים אדומות ובו חלונות צבעוניים, ו„די גרויסע שול" — לחסידים. שני אלה היו סמוכים זה לזה. רחוק יותר עמדה „די קליינע שול" ומולה — באר ציבורית. אחד הרחובות שהצטלב עם רח' פו־ליבאיה היה הרחוב הבוברויסקאי שהוביל לכפר ביי־ליצה. בין העיירה והכפר גדל יער ארנים, ולפניו בניני בית־המרחץ של העיירה וטחנת־הקמח.

מאחורי בית־הכנסת הגדול נמצא בנין ציבורי שבו התקיימו אסיפות, כינוסים, הצגות, וגם סרטי הראינוע הראשונים הוקרנו בו. הוא נקרא בשם „די־פו", והיו בו אולם גדול, חדר־המתנה ומקומות למזנון ולקופה.

בפינת הרחובות „פּוליבאיה" ו„קבצנסקאיה" I, מול בית סבי משה ניסמן, עמדו בחצר גדולה כמה בנינים מפוארים מוקפים עצים. היתה זו „הגימנסיה ע"ש אלכסנדר". לפני המהפכה למדו בה בנות ממשפ־חות אצילים, שחלק מהן, שבא ממקומות מרוחקים, התגורר בפנימיה. מול שער החצר התנוססה כנסיה. לאחר המהפכה הפכה הגימנסיה ל„בית־ספר בן תשע שנים" (Девятилетка). למדתי בגימנסיה זו וזוכרת אני כמה קפאנו מקור בחדרי הלימוד. החלונות היו פרוצים ולא היה במה להסיק את התנורים.

רוב תושבי העיירה היו יהודים, ובכפרים הסמו־כים התגוררו יהודים בודדים. היו רחובות בעיירה כגון „מישצ'אנסקאיה" I ו־II שבהם גרו יהודים ורו־סים. היהודים עסקו במסחר ובמלאכה (סנדלרות, חיי־טות, פחחות ונגרות וכו'). היו בעיירה כמה משפ־חות אמידות ולהם בתים מפוארים. בעיירה היו כמה „חדרים" מן הסוג הישן ובהם למדו רק בנים. זכור לי יפה, „וועלוול דער מלמד", איש עני, ישר ועדין־נפש ואב ל־12 ילדים.

כן זוכרת אני את הקבצן „אהרע דער בלינדער" (אהרן העיור), שהיה זוכר ומכיר, למרות עיורונו,

את כל תושבי העיירה. היה מתהלך ברחובותיה בעז־רת מקל, בא לחצרות, מתופף בתוף ומפזם פזמונים. טיפוס אחר היה מתבלט בימי הפורים בעת שהיה יוצא לבדח את החוגגים, כשהוא לבוש חלוק ארוך צבוע צהוב, ושר לו:

היינט איז פורים,
מאָרגן איז אויס,
גיט מיר אַ קאָפּיקע
און טרייבט מיך אַרויס.

בפאריץ' עצמה לא היו אף פעם פרעות, אך בסביבה הקרובה נפלו מפעם לפעם חללים יהודים. בעיירה הורקי, בדרך לשצ'דרין היו רק חמישה בתים יהודים, שהיו להם משקים קטנים. יום אחד נשחטו כולם בידי פורעים. בדרך לשצ'דרין נמצאו אכסניות יהודיות שהיו משרתות את איכרי הסביבה וגם את עוברי־האורח שנהגו לסעוד בהן את לבם ואף ללון שם. פעם התנפלו פורעים על אחת האכ־סניות הללו ורצחו את כל יושביה, לרבות עוברי הדרך ובעל ה„בויד" שהזדמנו למקום.

בתקופת השלטון הקומוניסטי (עזבתי את פאריץ' ב־1926 ואני כבת 13 שנים) היה הנוער היהודי מפולג. חלק נמשך לקומוניזם ומילא את שורות הקומסומול, וחלק אחר היה ציוני. התנועה הציונית התנהלה במחתרת, צעירים שמרו על האסיפות שלא תתגלינה למשטרה והעבירו דברי דפוס בלתי־ליגליים. היה קיים „חלוץ" בלתי־ליגלי וכן „החלוץ" ליגלי. ממנהיגי „החלוץ" זכורים לי נחמקין (כיום בירושלים) וחיים לוין (כיום בכרכור).

נח גאָלדבערג

די פּאַדקאָווע

ווען די באָלשעוויקעס זענען אָפּגעטראָטן פון פּאַריטש, האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן די פּוילישע „האַלערטשיקעס", דערשאָסן אַ פּאָר יידן און אָנגע־וואָרפן אַזאַ פּחד אויפן שטעטל, אַז מען האָט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז אין גאַס. די שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען זייער קאָמענדאַנט, אַ הויכער, דאַרער פּריץ, מיט לאַנגע פּאַרדרייטע וואָנצעס און גרינע, חיהשע אויגן, האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פּאַראָרדענונג, אַז „די היגע באַפעלקע־רונג זאָל פּינקטלעך אויספאָלגן די נייע געזעצן"...

מיטן אָנקומען פון דער פּוילישער מאַכט איז דער הונגער אין שטעטל ניט קלענער געוואָרן. פאַר־קערט, מיט יעדן טאָג האָט ער זיך נאָך רחבותדיקער צעלייגט אין איטלעכן געסל, אין יעדעס שטיבל, און די גויים פון די אַרומיקע דערפער האָבן גאָרניט געבראַכט צום פאַרקויפן. זיי האָבן געוווּסט, אַז די יידן וועלן דעם הונגער ניט אויסהאַלטן, סוף־כל־סוף וועלן זיי קומען צו זיי אין די דערפער און פאַר אַ קאַרטאָפל, צי פאַר אַ שטיקעלע ברויט, צאָלן וויפל מען וועט בעטן.

ערגער ווי אויף די אַנדערע יידן אין פּאַריטש, האָט זיך דער הונגער אָנגעזעצט אויף כאַצקל דעם קירזשנער, וואָס איז שוין איבער דריי חדשים גע־לעגן אין בעט אַן אָפּגעשוואַכטער פון דער דיזענ־טעריע, וואָס האָט דאָ אין שטאָט געבושעוועט, און אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך.

כאַצקל איז נאָך ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פינף און דרייסיק יאָר און שוין אויסגעזען ווי אַ זקן. ס'פּנים — איינגעפאַלן; די אויגן טיף אין קאָפּ; די הענט — דאַרע, ביינערדיקע, זענען מאַכטלאָז גע־לעגן אויף דער אָפּגעבליאַקעוועטער קאָלדרע. אַ ווײַלע האָט דער חולה געקוקט אויף זיין ווייב באַשע לאַהן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער דעם ערדענעם דיל, ווי אַ קוים־באַוועגלעכער שאָטן, דערנאָך האָט ער אַ קוק געגעבן אויף זייער עלף־יעריקן זון און אים צוגערופן:

— ברוכקע, מיר דאַכט זיך, אַז אויף דער פּאָליצע וואָלגערט זיך נאָך אַ פּאַראַיאַריקע קוטשמע. איז אפשר...

— טאַטע, די קוטשמע האָב איך שוין אַראָפּגע־נומען און אפילו אָן דיין וויסן געוואָלט היינט גיין אין דאָרף...

בײַ באַשע לאהן האָט די אונטערשטע ליפּ אַ צוק געטאָן. אַ מורא האָט אַרויסגעשלאָגן פון אירע גרויסע, ברוינע אויגן:

— כאַצקל, גאָט איז מיט דיר! די „האַלערטשיקעס” וועלן דאָך אים כאַפּן און אין דאָרף וועלן די שקצים אָנרייצן די הינט אויף אים...

אויך כאַצקל האָט זיך געשראָקן, וואָס ברוכקע דאַרף גיין אַליין אין דאָרף. דעריבער האָט ער אַ ווײלע געשוויגן, געישובט זיך און מיט ניט קיין דרייסטן קול געענטפערט:

— האָב ניט קיין זאָרג, באַשע לאה, גאָט וועט העלפן, קיין קינדער טשעפּען זיי ניט דערווײלע. די פּאָליאַקן האָבן מסתמא אויסגעשאָסן אַלע הינט אין די דערפער, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן דאָ אין שטאָט...

אין אַ ווײלע אַרום האָט שוין ברוכקע געשניטן דורך דעם דערבייאיקן וואַלד, פאַר וועלכן ער האָט שטענדיק מורא געהאַט. ער איז מער געלאָפן איידער געגאַנגען. געהיט זיך פאַר יעדן קוסט, פאַר איטלעכן בוים, אפילו דער געפלאַטער פון די פייגל, וואָס זענען אַרומגעפלויגן, געשפּרונגען פון צווייג צו צווייג און אָנגעפילט דעם טונקעלן אַרום מיט טרילנדיקע צוויטשערייען, האָבן אים אויך געשראָקן.

שפּעטער, אַז ער האָט דערגרייכט דעם דאָרף, איז ער כמעט אָן אָטעם אַריינגעלאָפן אינעם ערשטן הויף און, טרעפנדיק דאָרט אַ מיטליאָריקע גויע, וועלכע האָט געהאַלטן אין אָנגיסן פּוילע פאַר די חזירים אין דער שמאָלער, הילצערנער קאָרעטע, האָט ער אויף גיך אָנגעהויבן ריידן:

— באַלעבאָסטע, דער טאַטע איז קראַנק, ביי אונדז איז ניטאָ וואָס צו עסן, האָט רחמנות און קויפט אָפּ די קוטשמע...

צו ערשט האָט זי אים געוואָלט אַרויסטרייבן. נאָר ווען זי האָט דערזען די גרויע, געגרייפּלטע קוטשמע, וואָס האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי אַן אָפּיצירסקע, האָט זי דאָס גענומען אין די הענט, מיט די פינגער געגלעט די גרייפּעלעך, געטאַפּט דעם גלאַטן, סאַטינענעם אינעווייניק, אַפּנים געוואָלט זען, צי דאָרט איז פאַראַן גענוג וואַטע און צום סוף אָנגעמאָסטן די קוטשמע אויף זיך אַליין:

— וויפל ווילסטו?

— ברויט מיט אַ ביסל בולבע...

זי האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געגעבן אויפן ייִנגל, באַמערקט זיין דאַר, אויסגעבלייכט פּנימל, דעם הונגער אין די שוואַרצע, גרויסע אויגן און אין איר האָט זיך דערוועקט דער מוטער־געפיל. איז זי אַוועק אין כאַטע, אַרויסגעבראַכט אַ גלאָז מילך מיט אַ שטיקל ברויט. אין זיין זאַק אַריינגעשאָטן אַ קאָשיק קאַרטאָפל, אויך אַ לעבל ברויט אַריינגעלייגט אַהין און געזאָגט:

— עס אָפּ, וועסטו כוח האָבן צו טראָגן. זאָלסט זיך אָבער היטן, אַז אויפן וועג זאָלן דיך די פּאָליאַקן ניט כאַפּן. זיי וועלן דאָס צונעמען און אָנברעכן די ביינער.

פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָבן זיך אין ברוכקעס אויגן טרערן געשטעלט. דאָס זענען געווען גרויסע, קיילעכדיקע טרערן, וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער זיינע אָפּגעצערטע באַקן, אַריינגעפאַלן אין דער מילך און אויסגעמישט זיך מיט דער ווייסער פליסיקייט. אָבער צוליב דעם שטאַרקן הונגער האָט דאָס ייִנגל ניט געפילט די געזאַלצנקייט דערפון און געשלונגען אַ שלונג נאָך אַ שלונג.

דער וועג אויף צוריק איז געווען אַ סך שווערער, איידער פריער. דאָך האָט זיך ברוכקע געאיילט. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די היים. די משׂא איז אָבער געווען אַ שווערע. האָט ער זיך אַלע ווײלע אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער געשפּאַנט, אַלץ נענטער און נענטער צום שטעטל.

ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין פון וואַלד, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ מעטאַלענער זאַך, וואָס איז געלעגן אין מיטן וועג. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק פון די ביינערדיקע פּלייצעס, צוגעלאָפן צו דעם אָנגעווונקענעם אָרט, איינגעבויגן זיך, אויפגעהויבן נאָך כמעט אַ נייע פּאָדקאָווע און די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון איר שיינקייט.

ער האָט זי אָפּגעשטויבט, מיט אַ ביסל זאַמד אָפּגעשייערט, מיטן אַרבל פון דער וואַטאָווקע אָפּגעווישט און די פּאָדקאָווע האָט זיך צעבליאַסקעט. אירע דריי פּלאַטשיקע, געזונטע ציינער זענען יוסטע געזעסן אין דעם בלאַנקן, אויסגעבויגענעם שטאָל, זיבן פון אירע לעכלעך זענען געווען פּוסטע, פאַרשוואַרצטע און אויסגעזען ווי זיבן קליינינקע קראַטערלעך. אין דעם אַכטן לעכל האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אַן עלנט טשוועקל, מיט אַ ברייט פּירקאַנ־

טיק קעפּל פון אויבן און מיט אַ קרום פאַרדרייט פּיסל פון אונטן.

פונעם געפינס האָט ברוכקע אָנגעקוואָלן. ער האָט געוווּסט: אַ „פּאָדקאָווע איז מזלדיק", און אין דער מלחמה איז אַ שטיקל אײַזן, און איבערהויפּט נאָך אַ פּאָדקאָווע, מיט גאָלד צו גלײַך. דאָס ייִנגל האָט אָנגעהויבן צו פאַנטאַזירן, וויפל געלט ער וועט קריגן פֿאַר איר. נאָר אָט האָבן זיך אַהער דערטראָגן אָפּ־הילכן פון פֿערדישע קלאַפּן, וואָס זענען מיט יעדער רגע הילכיקער און בולטער געוואָרן. האָט ברוכקע קיין שהיות ניט געמאַכט, אַרײַן טיפער אין וואַלד און באַהאַלטן זיך הינטער אַ געדיכטן קוסט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און עס איז פאַרביי־געריטן אַן עסקאַדראָן „האַלערטשיקעס". אָנגע־שטרענגטע, מיט לאַנגע, בייזע פּנימער און רציחה אין די אויגן, זענען זיי געזעסן אויף די הויכע, אָנגעפרעסענע פערד, זיי האָבן צווישן זיך ניט גע־רעדט און ווען ניט דאָס פאָרכקען פון די פערדישע, פייכטע נאָזדרעס, מיטן טופּען פון זייערע קאָפּיטעס, וואָלט מען זיכער געמיינט, אַז דאָס רייטן שדים דורכן וואַלד אין אַ שלעכטער שליחות...

אומגעפער אין אַ שעה אַרום איז ברוכקע אַ פאַרמאַטערטער אַריינגעפאַלן צו זיך אין שטיבל. אַז ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער אַרויסגענומען דעם לעבל ברויט פון זעקל, אָפּגע־געבן דער מאַמען, אַרויסגעצויגן די פּאָדקאָווע פון בוזעם און געוויזן כאַצקלען:

— טאַטע, זע וואָס איך האָב געפונען! איך וועל דאָס פאַרקויפן דעם שמיד אָדער אַוועקטראָגן אין דאָרף, וועט מען מיר געבן דערפאַר אַוודאי צוויי לעבלעך ברויט מיט אַ גאַנצן זאַק בולבעס!

דער טאַטע זיינער, וואָס פלעגט אָפט גיין אין מאַרק און אַזוי אַרום כמעט געקאָנט אַלע היגע פערד־לעך, האָט גענומען די פּאָדקאָווע אין די הענט און ניט געקאָנט טרעפן, צו וועמען אַזאַ גרויסע פּאָד־קאָווע קאָן געהערן, אַז די עטלעכע סוסים, וואָס זענען נאָך אין שטעטל פאַרבליבן, זענען געווען קליינע, דאַרע, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קליבעס. זייערע ריפּן האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטער די אָפּגעבליאַקעוועטע פעלן, ווי הילצערנע רייפן פון פעסער, און פיס האָבן זיי געהאַט דינע, מיט קליינע קאָפּיטעס. סיידן־סיידן — האָט דער קירזשנער גע־טראַכט — אַז דאָס איז אַ מיליטערישע!

אין חשבון האָט ער זיך ווייט ניט אָפּגענאַרט, ווייל ווי נאָר ער האָט די פּאָדקאָווע איבערגעדרייט אויף דער לינקער זייט, איז זיין בליק געפאַלן אויף צוויי בוכשטאַבן: „א. פּ.", וואָס האָט מסתמא געמיינט „אַרמיאַ פּאָלסקאַ", און די הענט מיט די פיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן:

— גזלן איינער! וואָס האָסטו געבראַכט? די פּאָדקאָווע איז דאָך פון דער פּוילישער אַרמיי! אַז זיי וועלן, חלילה, געפֿינען, וועט מען דאָך אונדז אַלעמען דערשיסן!..

באַשע לאה האָט בלויז אויפגעכאַפּט דאָס לעצטע וואָרט „דערשיסן" און איז געל געוואָרן ווי וואַקס. זי האָט גלייך פאַרבראָכן די הענט און אָנגעהויבן וויינען:

— ווי איז מיר! אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן!

פאַרנאַכט האָט זי אָפּגעקאָכט אַ טעפּל קאַר־טאָפל, וואָס זענען פאַרפלאַמט געוואָרן פון אויבן און ווען זי האָט זיי אַריינגעשאָטן אין אַ טיפן טע־לער, זענען זיי צעפּוכניעט און צעפאַלן געוואָרן אויף מעל. תחילת האָבן די קאַרטאָפּליעס אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ געדיכטע בלויע פאַרע, וואָס האָט זיך געשפּאַרט צום נידעריקן סופיט. דערנאָך האָט די פאַרע אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן קוראַזש, געוואָרן אַלץ דינער, דורכזעעוודיקער און הכנעהדיקער. נאָר פֿונעם וואָרט „דערשיסן" איז דורכגעלאָפן אַזאַ שוי־דער איבערן שטיבל, אַז קיינער האָט ניט געהאַט קיין האַרץ אַוועקצוזעצן זיך עסן.

כאַצקל איז געלעגן אין בעט. זיין שפּיציקע נאָז האָט אויסגעזען ווי אַ מלמדישער טייטל. די אַפּלען פון די אויגן האָבן זיך ניט באַוועגט. די לאַנגע באָרד איז, דאַכט זיך, קירצער געוואָרן. אין דער אָוונטיקער טונקלקייט האָט זיין פּנים אָנגענומען די פאָרעם פון אַ פויגל — דין, שאַרף און שפּיציק. בלויז דער שוואַרצהאָריקער אינדזעלע, אין דער הויך, איבערן נידעריקן שטערן, וואָס איז ווי ספּעציעל „אויסגעבויט" געווען, אַז דער „של־ראש" זאָל דאָרטן קאָנען זיצן רויִק, האָט צו וויסן געגעבן, אַז דער פּנים איז אַ מענטשלעכער, אַ יידישער.

אין זיין צעטראָגענער פאַנטאַזיע זענען בילדער אָנגעלאָפן — איינער ערגער און שוואַרצער פאַרן אַנדערן. אָט זענען די „האַלערטשיקעס" ביי אים אין שטיבל. אויך דער קאָמענדאַנט איז דאָ. ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס. קייקלט אַרויף זיינע לאַנגע

וואָנצעס און שמייכלט מיט אַ סאַדיסטישן שמייכעלע:
„ווו איז דאָס פערד פון דער פּאָדקאָווע? און ווו האָסטו אַהינגעטאָן דעם סאָלדאַט פונעם פערד? געהרגעט, אַ? דו פּאַרך איינער!"...

איבער כאַצקלס רוקן איז אַ קאַלטער ציטער אַדורכגעלאָפן. ער האָט אַ שאַר געגעבן מיטן האַנט איבער דער קאָלדרע:

— באַשע לאה, וואָס טוט מען איצט? געדאַרפט אפשר די פּאָדקאָווע אַריינוואַרפן אין דעם ליידיקן ברונעם אויפן מאַרק. איך מיין, אַז דאָרטן וועט דאָס קיינער ניט זוכן. וואָס זאָגסטו?

צוליב דעם, וואָס קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צו די קאַרטאָפליעס, איז באַשע לאה געזעסן אַן אָנגעברוגזטע, אַ שווײַגנדיקע און אפילו ניט אומגעקוקט זיך אין זײַן זייט און כאַצקל האָט קוים דערלעבט, ביז זי מיט ברוכקען זענען שפּעט אין דער נאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן. דעמאָלט האָט ער פּאַמעלעך אָנגעטאָן די כאַדאַקעס אויף די פיס, די וואַטאָווקע אויף די פּלייצעס, פאַררוקט די פּאָדקאָווע אין גאַרטל און שטילערהייט אַרויס אין דרויסן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אויפן מאַרק דערהערט אַ מעטאַלענער קלאַפּ, וואָס האָט אָפּגעקלונגען ביי דעם קאָלבאַסניק אין שטוב, וועלכע איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם ליידיקן ברונעם. אַז דער גוי האָט דערהערט דעם קלאַפּ, איז ער אַ נייגעריקער צוגעלאָפן צו דעם פענצטער, און דערזעענדיק אַ יידישע פּלייצע אַוועקשלייכן זיך, איז ער הענדום־פּענדום אַרויס פון שטוב און אַוועקגעלאָפן צום קאָמענדאַנט.

אין דער פרי איז שוין דאָס גאַנצע שטעטל געווען אויף די פיס. זעלנער האָבן אַרויסגעשלעפּט אַלע יידן, ווייבער און קינדער פון די בעטן, און מיט קלעפּ געטריבן זיי אין מאַרק. אפילו דעם אַלטן רב, ר' דודלען, האָט מען געבראַכט צו שלעפּן און אַוועקגעשטעלט נעבן כאַצקל דעם קירזשנער, וואָס האָט זיך געטרייסלט ווי אַ בלאַט אין ווינטער.

אונטערן פרימאָרגן־הימל איז אויפגעגאַנגען אַ געוויין. אָבער די שורה סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אַנטקעגן דער עדה יידן, האָט די גרויליקע סצענע ווינציק וואָס געאַרט. אַדרבא, אַז מען האָט זיך צוגעקוקט, האָט מען געקאָנט זען, ווי זיי קוועלן אָן פון די יידישע צרות...

אויף זיין פלינקן פערד איז דערווייל געקומען צו רייטן דער קאָמענדאַנט. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף זיי. גלייך צוגעפאָרן צום רב און געגעבן אים אַ זעץ מיט דער נאַגייקע:

— דיינע פאַרשיווע זשידקעס האָבן נעכטן ביי נאַכט אַריינגעוואָרפן געווער אין ברונעם! גיב איך דיר צען מינוט, צו דערציילן, ווער דאָס האָט געטאָן. און אויב ניט — וועל איך אייך אַלעמען דערשיסן, ווי די הינט!

אַז די יללה איז נאָך גרעסער געוואָרן, האָט כאַצקל מיט ציטער אין די פינגער אָנגערירט דעם רבס אַרבל און מיט געוויין אין קול געזאָגט:

— הייליקער רבי! דאָס האָב איך אַריינגעוואָרפן אַהין די פּאָדקאָווע, וואָס מיין יינגל האָט געפונען אויפן וועג, גייענדיק אין דאָרף. איז אפשר זאָל איך אַרויסטרעטן פון דער ריי און דערציילן דעם אדון? הלמאי זאָל אַ גאַנץ שטעטל מיט יידן חלילה ליידן צוליב מיר?..

אַ הויכער, אַ הדרת־פּנימדיקער, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און דיקע זילבערנע ברעמען, אַן אָנגעטאָענער אין אַ זייער אַלטער, אָבער זויבערער קאַפּאָטע, האָט דער רב אַ מילדן קוק געגעבן אויף כאַצקלען און מיט האַרץ אָנגעהויבן רעדן צום קאָמענדאַנט:

— אדוני פּריץ! אויב איר זאָגט, אַז „עמעצער פון אונדז האָט אַריינגעוואָרפן געווער אין ברונעם", ווייסט איר דאָך וואָס איר רעדט... נאָך אַלעמען וועט דאָך די פּוילישע מאַכט ניט באַשטימען אַבי וועמען פאַר אַ קאָמענדאַנט... סיידן אַזאַ איינעם, וואָס איז אַ וויעלמאָזשנער און געלערנטער מענטש... איז, איידער איר הייסט אייערע סאָלדאַטן שיסן אויף אונדז, וואָלט איך אייך בעטן אַ קליינע טובה; איר זאָלט אַזוי גוט זיין און אַפריער אונטערזוכן דעם ברונעם און דערנאָך אורטיילן, ווי אייער גנאָד וועט אייך הייסן...

מעגלעך, אַז דעם רבס האַלטונג און זיין איידעלער אופן פון ריידן איז דעם קאָמענדאַנט געפעלן געוואָרן, מחמת זיין רויטער פרצוף איז אַ ביסל בלאַסער און מילדער געוואָרן, פון די אויגן איז די גרינע רציחה אַנטרונען, אַ ווײַלע האָט ער זיך געישובט וואָס צו טאָן, מיט די „איידעלע פינגער" געגלעט זיך די שאַרפע שפּיצן וואָנצעס. אַ צי געגעבן די לייצעס און איינגעהאַלטן דאָס פערד, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אונטער אים:

— דאָבזשע, זשידאָווסקי ראַבין! אָבער קיינער ניט פון אייערע. איר וועט דאָך מיר דעם אמת אַלץ איינס ניט דערציילן.

צום גליק האָט זיך אין מאַרק באַוויזן אַנדרעי דער קוימענקערער, וואָס האָט שטענדיק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. עס איז אָבער מעגלעך, אַז דאָס מאָל איז ער געווען ניכטער, ווייל גלייך ווי ער האָט באַמערקט די עדה יידן, דערהערט זייער געוויין און דערזען די סאָלדאַטן מיטן קאָמענדאַנט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עפּעס אַן אומגליק וועט דאָ היינט געשען, און געוואָלט אָפּטראָגן זיך פון דאַנען, נאָר דעם קאָמענדאַנטס בליציקע קוקערס האָבן אים גלייך דערשנאַפּט:

— העי, דו, הינטישער זון, קום אַהער!

צוויי סאָלדאַטן האָבן אים צוגעשטויסן צום קאָמענדאַנט. אַנדרעי האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ און צוליב דער געדיכטער סאַזשע, וואָס איז דאָרט געלעגן, האָט מען ניט געקענט וויסן, צי די האָר זיינע זענען בלאָנדע, שוואַרצע אָדער גרויע.

— הער נאָר, דו אויסוואָרף! — האָט דער קאָמענדאַנט אַ דראָע געטאָן מיט דער נאַגייקע — קריך אַריין אין ברונעם און שלעפּ אַרויס דאָס געווער, וואָס די פאַרפלוכטע זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן!

אַנדרעי איז געווען איינער פון יענע טעמפּע רוסן, וואָס האָט אַלץ געמיינט, אַז דאָ אין ווייסרוסלאַנד הערשט נאָך די צאַרישע מאַכט. האָט ער, ווי אַ סאָלדאַט, צוגעקלאַפּט אַ פוס צו אַ פוס, אויסגעגלייכט זיך, אַרויסגעשטעלט די דאַרע ברוסט, צוגעלייגט די רעכטע האַנט צום שטערן (אָפּגעגעבן „טשעסט”, הייסט עס) און אַ דערשראָקענער געענטפערט אויף זיין רוסישן שטייגער:

— וואַשע וויסאָקע בלאַגאָראָדיע! דער ברונעם איז דאָך אַ פאַרשאָלטענער! ניט־גוטע ווינען דאָרט! איך האָב מורא אַריינצוגיין אַהין!..

— גיי, זאָג איך דיר! — האָט אים דער קאָמענדאַנט מכבד געווען מיט דער נאַגייקע.

מיט אַ פאַרלאָפענעם שראָם אויף דער לינקער באַק, האָט דער קוימענקערער אַראָפּגעוואָרפן פון אַקסל די שוואַרצע שטריק מיטן קליינעם, קיילעכדיקן בעזעמל, וואָס האָט שוין כמעט קיין בלעטער ניט געהאַט אויף זיך. אויך די „באָמבע” אַראָפּגעשליידערט און אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן זיך אויפן לאַנגן לייטער, וואָס מען האָט דערווייל געבראַכט פון דעם קאַלבאַסניקס הויף.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער קוימענקערער איז צוריק אַרויסגעקראָכן פון ברונעם. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אייזערנעם רייף פון אַ פאַס, אַ בלעכענעם עמער אָן אַ דעק, אין דער אַנדערער — אַ געפּייגערטע קאַץ מיט אַן אָפּגעקראַכענער פעל און אַ בלישטשענדיקע פּאַדקאָווע. אַוועקגעלייגט דאָס אויף דער ערד און ווידער אָפּגעגעבן „טשעסט”:

— אַחוץ אַ ביסל שטיינער, איז דאָרט גאָרניט פאַראַן!

— דו לייקנסט! דו הינטישער זון! — האָט אים דער קאָמענדאַנט דערלאַנגט אַזאַ זעץ איבערן פּלייצע, אַז דאָס אָרעמע פויערל האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען — די פאַרשיווע זשידקעס האָבן דיך שוין אונטערגעקויפט, אַ?..

— וואַשע וויסאָקע בלאַגאָראָדיע! — האָט דער קוימענקערער געוויינט מיט ביטערע טרערן און אַלץ ניט צוגענומען די האַנט פון שטערן — איך זאָג דעם אמת, אַז מער איז דאָרטן גאָרניט דאָ!..

— הע, דו! — האָט זיך דער קאָמענדאַנט געווענדט צו איינעם פון זיינע סאָלדאַטן, — גיי אַראָפּ אין ברונעם און ברענג אַרויס פון דאָרטן די אַמוניציע, וואָס די זשידקעס האָבן דאָרט באַהאַלטן!

כדי ניט איינצושמירן זיין דריי־קאַנטיקע היטל, האָט דער זעלנער זי אַראָפּגענומען פון קאָפּ און צוזאַמען מיט דער ביקס איבערגעגעבן אַן אַנדערן. פלינק ווי אַן אַקראָבאַט אַראָפּ אין ברונעם, באַלד צוריק אַרויף און, פאַרהייבנדיק צוויי פינגער צום שטערן, ראַפּאָרטירט:

— דערלויבט מיר צו מעלדן, וויעלמאָזשני פּאַן קאָמענדאַנט, אַז אַחוץ אַ ביסל שטיינער און שמוץ איז אין ברונעם גאָרניט פאַראַן!..

פון רציחה, וואָס דער קאַלבאַסניק האָט אים אָפּגענאַרט, האָט דער קאָמענדאַנט ניט געקענט איינזיצן אין זאָטל. די בלויע שטריקלדיקע אָדערן אַרום האַלדז זענען נאָך בלויער און אָנגעצויגענער געוואָרן. די אויגן זענען מיט בלוט פאַרלאָפן. די רעכטע האַנט האָט זיך איינגעקרעמפּט אין דעם הענטל פון דער נאַגייקע. אפילו דאָס פערד האָט דערפילט דעם באַ־

לעבאָס כעס און איז אומרויק געוואָרן, אָנגעהויבן קאָפּען מיט די פיס אין דער ערד. און דער קאָמענ־דאַנט האָט אַ געשריי געגעבן:

— ווו איז ער דאָס, דער הונט?!

אין דער רגע האָט ער גאָר פאַרגעסן וועגן די יידן. איצט איז זיין איינציקע קרענקונג געווען דאָס, וואָס ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן צום נאַר און נאָך פאַר אַזוי פיל גויים אין די אויגן, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן אויפן מאַרק. אָבער איי־בערהויפּט האָט אים די נכפּה גענומען, וואָס זיינע אייגענע סאָלדאַטן האָבן צוגעזען זיין גרויסע באַליידיקונג.

איז ער מיטן פערד צוגעשפּרונגען צום קאַלבאַס־ניק, וואָס האָט זיך מיט אַלע כּוחות געלאָזט לויפן, און געגעבן אים אַזאַ כמאַל איבערן קאָפּ, אַז יענער איז, אַ פאַרבלוטיקטער ווי אַ חזיר, געבליבן ליגן אויף דער ערד, און דער קאָמענדאַנט האָט אַ צעיר־שעטער געשריען:

— מיך, דעם קאָמענדאַנט, די פוילישע מאַכט, גייסטו אָפּנאַרן? דו פּשאַקרעוו! נעמט אים! גיט אים פינף און צוואַנציק, ניין! גיט דעם אויסוווּרף פופציק שמיץ אויפן הוילן הינטן, וועט ער וויסן, ווי אָפּצוחוזקן פון דער פוילישער רעגירונג!..

דער גויישער עולם איז נאָך פאַרבליבן אין מאַרק, געוואָלט אַפּנים זען, ווי מען וועט שמייסן דעם קאַלבאַסניק, און, להבדיל, דער רב מיט די פאַריטשער יידן זענען אויסגעמאַטערטע, איבערגע־שראָקענע, צעבראָכענע און דאָך מיט אַזוי פיל בטחון אין דעם אייבערשטן, אַוועק אין שול דאַווענען און גומל בענטשן, וואָס זיי זענען ניצול געוואָרן פון אַ זיכרון טויט.

(נ. גאָלדבערג, „אויף צוואָרפענע וועגן", בוענאָס־איירעס, 1958, עמ' 40—48).

יעקב גאָרעליק

דער זעעוודיקער בלינדער

אין שטעטל פאַריטש איז געווען אַ ייד, „ארע דער בלינדער", וואָס איז פון געבוירן־אָן געווען בלינד אויף ביידע אויגן. וויי און ווינד איז, לא עליכם, צו אַ בלינדן. אָבער גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. ווען איינער פון די 5 מענטשלעכע חושים פעלט, ווערן די אַנדערע חושים פאַרשאַרפט און קאָמפּענסירן דעם ניט־אַנטוויקלטן חוש. אויך ביי אַרע דעם בלינדן פון פאַריטש זענען אַלע איבעריקע חושים פאַרשאַרפט געוואָרן. ער האָט מפרנס געווען זיך און זיין פאַמיליע פון אָננעמען באַשטעלונגען און צושטעלן עס צו די שטעטלדיקע קרעמער און באַלמעלאָכעס. נאָך די באַשטעלונגען פלעגט אַרע פאָרן מיטן „פּאַראַכאָד" (דאַמף־שיף), וואָס פלעגט קורסירן פון פאַריטש קיין באָברויסק. דאָרט, אין באָברויסק, האָט ער איינגעקויפט די סחורה און עס געבראַנגט מיטן „פּאַראַכאָד". אַרע האָט געוווּסט אַלע וועגן און שטעגן אין פאַריטש און באָברויסק. קיינער האָט אים ניט באַדאַרפט פירן אָדער זאָגן וווהין צו גיין. טאָמער האָט עמעצער אים געוואָלט העלפן, פלעגט ער גוטמוטיק זאָגן: „איך בין דען אַ בלינדער, וואָס דאַרף הילף? איך זע!" ער איז געווען באַרימט פאַר זיין גרויסער אָרנטלעכקייט. די קרעמער פלעגן אים אָנפאַרטרויען געלט פאָרויס אויף די באַשטעלונגען. פאַר זיין טרחה האָט ער גענומען אַ מינימום און פלעגט זיך אָפּזאָגן פון גרעסערע באַלוינונגען. אַרע פלעגט דערקענען מענטשן לויט זייער קול און האָט געהאַט אַ זעל־טענעם זכּרון. פון קאַנאַדע איז אין פאַריטש געקומען אַ מאָל אויף אַ באַזוך אַ פאַריטשער, וועלכער האָט שוין אַרען נישט געזען 37 יאָר, און ווען ער איז צוגעגאַנגען צום בלינדן און געזאָגט: שלום עליכם, ר' אַרע, האָט אים אַרע לויטן קול באַלד דערקענט און אָנגערופן אים מיטן נאָמען.

ש. ריבקין

העיירה פאריץ'

פעם, לפני המהפכה, התבלטו בפאריץ' בעשירותם סוחרי היערות רוגינסקי, קוגאן, רחמילביץ'. היו להם אניות־קיטור משלהם, עשרות סירות־משא וכמה מאות חוטבי־עצים, עושי־חבלים (לאזא קרוטן) ומו־בילי רפסודות, שהיו עומדים מחשכה עד חשכה במים עד ברכיהם ועסקו בטעינתן ופריקתן של אניות שלמות, קשרו רפסודות, ומעבודתם זו חיו עם בני משפחותיהם בדחקות ובמחסור.

ה„אינבנטר התרבותי" של פאריץ' לשעבר היה מורכב מ־5 בתי־מדרשים, 3 כנסיות וכעשרה „חדרים" ותלמודי־תורה.

תוך תכניות החומש של סטאלין, בהנהגתה היום־יומית של המפלגה והממשלה, השתנתה עיר־המחוז פאריץ' עד שאין להכירה. עוד ב־1926 הוקם על אדמת בעלי־האחוזות שהוחרמה הקולחוז האינ־טרנציונלי „אָקטיאַבר". בילורוסים ויהודים החלו לעבוד בידידות על אדמת הקולחוז ולכונן חיים חדשים.

— — בפאריץ' קיימים עתה 6 קואופרטיבים למלאכה, בהם עובדים למעלה מ־800 פועלים. בעיר פועל קומבינט חשמלי, המספק חשמל לא רק לעיירה, אלא גם לכפרים הסמוכים לה (קוזלובקה, סקאלה, ויסוקי פולק).

בפאריץ' נמצאים שני בתי־ספר תיכוניים גדולים, בהם לומדים 1300 תלמידים.

אנשי כשרון רבים נתנה העיירה למולדתו הסו־ציאליסטית. למעלה מ־160 מתושבי פאריץ' סיימו בזמן האחרון בתי־ספר גבוהים ותיכוניים. הם עובדים עתה כולם כמהנדסים, רופאים, מחנכים בערים ובכפרים שונים של מולדתנו. בנו של עושה־החבלים לשעבר לייזער גורליק עובד עתה כאיש־מדע במכון הפדגוגי במינסק, בנו של בעל־העגלה ביילין הוא עתה כנר בקונסרבטוריה במוסקבה.

התרבות הפכה לנחלתם של ההמונים העובדים. לפאריץ' יש עתה קולנוע, בית־תרבות, ספריה גדולה, מרכז־רדיו (אַ ראַדיאָ־קנופּ) ומוסדות תרבותיים אחרים. במקום שעמד פעם השוק, עם הביצה העיירתית המפורסמת, שהפיצה מחלות שונות, פורח עתה גן עירוני צעיר.

(„אָקטיאַבר", 12.6.1940)

שואת פאריץ'

ב־1941 כבשו הגרמנים את העיר פאריץ' את כניסתם אל העיר ציינו בראש וראשונה בשפטים אכ־זריים באוכלוסיה היהודית. הגרמנים ענדו לכל היהו־דים מגיני־דוד צהובים, ולאחר מכן אספום ברובע מוקף תיל דוקרני. לאחר שהתעללו בהם החלו פריצי החיות הפאשיסטיים־הגרמניים להשמידם. באוקטובר 1941 הוציאו הגרמנים את היהודים במכוניות אל מחוץ לעיר, ושם הרגום ביריות לאחר עינויים אכזריים ומעשי התקלסות. בסך הכל נרצחו ביריות למעלה מ־1700 יהודים. ההוצאה להורג בוצעה בשיטות אכזריות האָפייניות רק לגרמנים. את האנשים הניחו שורות שורות בבורות שנחפרו על ידם, והיו הורגים אותם במטחי יריות מתת־מקלעים. בין ההרוגים היו פצועים קל וקשה; הסאדיסטים הגרמנים קברום חיים באדמה. את הילדים היו מרימים על כידונים וזורקים לבורות. תושבת העיר פאריץ', שטיינבוק, הצליחה להיחלץ לאחר שהלכו הגרמנים, משום ששכבה בשו־רה האחרונה ונפצעה קל בידה.

בכדי להסתיר את עקבות פשעיהם הנתעבים הו־ציאו הגרמנים במארס 1944 את גופות ההרוגים, שפכו עליהם זפת ובנזין והעלום באש. יממה שלמה נראתה האש בכל האיזור.

(מתוך תעודת הועדה המחוזית בפאריץ' על חורבן העיר, Преступления немецко-фашистских оккупантов в Белоруссии, Минск 1963)

*

בשפת אנוש פשוטה אין למסור את אכזריותם של המרצחים — כותבת בתו של שלמה בלצר, נכדתו של זלמן מוטיה השוחט מפאריץ', על חורבן עיר מולדתה למזכיר חברת יוצאי פאריץ' בניו־יורק —

זה כחודש ימים שבאתי לפאריץ׳ ולא מצאתי אף בן־ית אחד. גדול וכבד הוא האבל בכלל וכאב לבה של אם בפרט. הדם קופא בעורקים לשמע המאורעות האיומים שאירעו בעיירה פאריץ׳.


יהודי יוא־שמים, שוחט, נשא דברו לפני לכתו למות. הוא אמר, שהשונא הגרמני יזכה למפלה, והאנית תנצח. עקרו לו את לשונו וקיטעו את ידיו. בעת שבאו אל אייזע הסנדלר עמד והתפלל כשהוא עוטה טלית ועטור תפילין וכך הלך כשהוא עטוף בטליתו. יהודים זקנים וטליתות מתחת לזרועותיהם הלכו אל הגיטו, שממנו הוציאום אל הקבר. בעת חורבן ירושלים לא זרם ולא רתח דם כה רב, והחרב לא פסקה מלגזור, ועתה אין הדם פוסק מלרתוח ולקרוא לנקמה.

(„פאָרווערטס", 29.8.1946)

שמחה גאָרעליק

א בריוו פון פאריטש

אויף דער בקשה פון מיינע פאַריטשער לאַנדס־לייט, ברענג איך דאָ די שוידערלעכע פאַקטן, ווי אַזוי די דייטשע מערדער האָבן אומגעבראַכט דעם יידישן ישוב פון אונדזער שטעטל. איך בין ניט קיין שרייבער, דאָך וואָלט איך וועלן, אַז מיינע פשוטע ווערטער, וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיטן פּיין און ווייטיק פון אונדזער פאַרשניטענעם פאָלק — זאָלן דערגיין צו דער וועלט.



מצבת־זכרון לקדושי פאריץ׳
דענקמאָל פאַר די קדושים פון פאַריטש

די יידישע באַפעלקערונג פון פאַריטש — אַן ערך צוויי טויזנט נפשות — האָט זיך מפרנס געווען פון יגיע כפּים — האַלץ־אַרבעט, בויערײַ, טישלערײַ, שניידערײַ, שוסטערײַ און ד״גל. די פאַריטשער קריסטן האָבן זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט, אַז זיי ווערן באַעוולט פון די יידן. פאַרקערט, די יידן האָבן גע־שטיצט און אַרויסגעהאָלפן זייערע נויטבאַדערפטיקע קריסטלעכע שכנים. די דייטשן האָבן אָבער אָפּגעסמט אָט די גוטע באַציונגען מיט זייער גיפטיקער פּראָ־פּאַגאַנדע און יידן־האַס, וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט צווישן די פינצטערע קריסטלעכע מאַסן.

דעם 18טן אָקטאָבער 1941 איז דאָס געווען. אַ בלוטיקער ספּעקטאַקל, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאַנגען, און אויף די גאַסן האָבן זיך באַוויזן דייטשן מיט געווער און קאַנטשיקעס אין די הענט, באַגלייט דורך דער אָרטיקער פּאָליציי און זייערע מיטהעלפערס. מיט געווער און שטעקנס, באַשלאָגענע מיט נעגל, אונטערן געוויי פון שיכורע זידל־ווערטער און חוצפּהדיקן געלעכטער האָבן זיי געטריבן די יידן צו דעם צוגע־גרייטן ברודער־קבר. דער געשריי פון די אומבאַ־שיצטע קרבנות האָט געשפּאָלטן די הימלען. די באַנ־דיטן האָבן אָבער קאַלטבלוטיק געטאָן זייער אַרבעט. דער רב האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע — ביים קבר: אונדזער בלוט — האָט ער געזאָגט — וועט

ניט פֿאַרשוויגן ווערן — דער פֿאַרשאַלטענער היטלער וועט קריגן די מפּלה, ווי המן. די מערדער האָבן אים דערפֿאַר אויסגעשניטן די צונג. אין גיכן האָט מען די יידן געלאָדן אין לאַסט־אויטאָס און געפֿירט צו די גריבער. מיטן ערשטן אויטאָ זענען ארויסגעפֿירט געוואָרן אפרים אייזיק דער בעל־עגלה, רפאל דער קצב, משה עלקינד, יוסף מייטין, דוד ווענדראָף און אַנדערע, וועלכע האָבן געגראָבן די גריבער אויף יענער זייט פֿון דאָרף וויסאָקי פּאָלק. אייזע דער שוסטער איז געשטאַנען אין טלית און תּפֿילין און האָט געדאַוונט, ווען די מערדער זענען אַריין צו אים אין שטוב, ער האָט געבעטן מען זאָל אים לאָזן גיין אַליין צום אומשלאַג־פּלאַץ.

לייזער שטויבצער האָט זיין ווייב ניט געלאָזט וויינען — זאָל דער שונא ניט זען אונדזערע טרערן — אונדזערע קינדער און יינגערע ברידער וועלן נעמען נקמה פֿאַר אונדז — האָט ער זי געטרייסט.

שיע שטיינבערג און זיין פֿרוי עלקע סאָקיריצער זענען געבליבן אין פּאַריטש, צוליב זייער קראַנקן יינגל. זייער טאָכטער ראָזע האָט מיט עטלעכע טעג פֿריער גענומען אירע צוויי יינגערע ברידערלעך, אַוועק מיט זיי אין וואַלד און לעבן געבליבן. שיע האָט אויסגעמיטן דעם טויט פֿון אַ דייטשישער קויל, ער איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־שלאַג, ווען מען איז געקומען אים נעמען... זיין פֿרוי, מיטן קראַנקן יינגל אויף די הענט, האָט מען מערדערלעך צעשלאָגן און אַריינגעוואָרפֿן אין גרוב. עלקע איז אַ פֿאַרווונדעטע געלעגן צווישן די מתים ביז ס'איז

געוואָרן גוט פֿינצטער. ביינאַכט איז זי אַרויס פֿון צווישן די מתים און זיך דערשלעפּט צו אַ נאָענטן דאָרף. זי איז אַריין צו אַ פּויער, זיך אַרומגעוואַשן און פֿון דאָרטן אַוועק קיין סאָקיריץ, דער דאָרף, וווּ זי איז געבאָרן געוואָרן — אַ ווייאָרסט 20 פֿון פּאַריטש. אַ דאַנק איר אַרישן אויסזען האָט זי געלעבט צווישן די פּויערים, געאַרבעט שווער און ביטער און קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז זי איז אַ יידישקע. סוף־כּל־סוף האָט מען זי געמסרט און די דייטשישע פּאָליציי־לייט האָבן זי דערשלאָגן צום טויט מיט שטעקנס.

יענטע בערנשטיין האָט זיך באַהאַלטן מיט אירע דריי קינדערלעך אין אַ דערבייאיקן וועלדל, אָבער מען האָט זיי געפֿונען. אויפֿן וועג צו דער קאָמענדאַנטור האָט זי זיך אַרויסגעריסן פֿון די פּאָליצייאישע הענט, אַריינגעשפּרונגען אין אַ ברונעם און דאָרטן געפֿונען איר טויט.

משה מאַליקין, משה בלייכער, אבא מאַכטון, יוסף אַלשאַנסקי און עטלעכע מיידלעך זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער און נקמה גענומען אין די דייטשן.

ראָזע עלקין איז געווען אין אַ פּאַרטיזאַנער־„אָטריאַד" מיטן מאַן און זייערע דריי קינדערלעך. בעת אַ שלאַכט צווישן די דייטשן און פּאַרטיזאַנער, ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד און זיי זענען געשטאַנען ביזן האַלדז אין בלאָטע, האָט אַ קינד זייערס גענומען וויינען און זיי האָבן אים געמוזט דערשטיקן, כּדי ניט אַרויסצוגעבן די באַהעל־טעניש פֿון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. ראָזע איז אומ־געקומען אַ חודש פֿאַר דער באַפֿרייונג פֿון פּאַריטש.

חיים ישינובסקי

ביקור בשצ׳דרין

משוט בארץ ומהתהלך בה באתי על לינת ליל אל מקום תושבי עברים באויעזד באָברויסק, גוברניה מינסק, עיר שצעדרין, עברתי חוצות מסודרים בין בתים בנויים במערכי חמדה, ראיתי בית־תפילה מהודר ונחמד למראה, ותכלה נפשי לדעת איכותה ומהותה. סרתי לבית אחד מאלה, שאלתי להכניסני כאורח. והנה סבבוני עדה, כולה מאחינו בני־ישראל, קראוני שלום וקבלוני ברעות ואחוה. והנה אחז בי איש לאמר: אלי יבוא האורח, ביתי רחב־ידים, ידי רב לי לעשות לו כטוב בעיניו, ד׳ חנני בכל טוב, מלאו אסמי בר, גם תבן גם מספוא לסוסיו אתן חנם אין כסף; ויפתח פיו השני ויאמר לי: המצוה הכנסת אורחים זאת גם אצלי ימצא מאויי נפשו. יאכל וישתה לשובע, ואחז בסוסי ועבדי והביא אותנו בחדריו, וברגע אחד עלה עשן הסאמאואר וריח מטעמים מהתנור עלה באפי. ויהי בהשליכי מעל כתפי בגדי חורף משא לעיפה, ובהנפש נפשי מעט מעמל הדרך, אמרתי: מה טוב ומה נעים המקום הזה, ושלושה אנשים עומדים לפני: „עברים אתם, אחינו, הגידו נא לי מי אתם פה ומה לכם פה, כי שם עיר שצעדרין לא שמעתי בלתי היום״. ויענו לי האנשים:

עובדי־אדמה אנחנו. מעת יצאה הפקודה בחסדי אדוננו הקיסר ניקולאי, עליו השלום, לתת לאחינו בני־ישראל אדמה לעבוד בה ולמצוא מחיה לנפשינו, אסף אותנו אדונינו הרב הגאון ר׳ מענדעל לובאַוויצער ויתן לנו המישור הזה, שקנה במיטב כספו, ויאמר: „הא לכם אדמה, קחו לכם איש איש חלק בארץ לעבוד אדמה, חזקו ידיכם והתאזרו במלאכתכם וד׳ יברך אתכם במעשי ידיכם״. ונשמעה לדברי צדיק אלה. באנו הנה וכל איש מאתנו לקח שדה חלקו לנחלה לו, ונעבד בה אנחנו, נשינו וטפנו, וה׳ הטוב והמטיב הריק שפעת ברכתו במעשי ידינו, אין מחסור לנו, גם בנה לנו הרב אדוננו בית־תפילה ונתפלל בה בוקר וערב: גם תורתנו לא נעזבה מאתנו. ובין אגודתנו נמצאים אנשים לומדי תורה ויחלקו לנו ולבנינו ידיעת תורת משה, גם משנה וגמרא. בין אחינו נמצאים בעלי־מלאכות, חייטים, סנדלרים וכל מעשי ידי־אמן. לא כן אנחנו כשארי עובדי־אדמה בימים שעברו, עברים אנחנו וזכרנו מאמר החכם שלמה „לכל זמן״: עת לעבוד אדמה, עת להתפלל ועת ללמוד תורה. בקהילתנו לא יבוא המוכיח להוכיח לנו לבל נשתה יין, כי שתית יי״ש לחרפה היא לנו — לחמנו במשקל נאכל ויין במשורה נשתה וחסדי אלהינו לא נשכח.

(„הכרמל״, י״ד אדר א׳ תרכ״ב)

ד״ר י. ל. קצנלסון

בשצ׳דרין

...בחול המועד סוכות של השנה ההיא (1864) נסעתי מפאריץ׳ להכפר הקרוב שצ׳דרין להתארח בבית אחד מקרובי. את הכפר הגדול ההוא קנו עשירי החסידים לאחוזת נחלה בשביל הצדיק ר׳ מנדלי שניאורסון מליובאוויץ׳, למען רכוש לו זכות אצילים (לאיזו מטרה לא אזכור עוד), ויושיבו בו יהודים לעבוד את האדמה ולשמרה. רק מעטים מיושבי הכפר עסקו באמת ובתמים בעבודת האדמה. בעלי הכסף שלחו במסחר עצים את ידם והעניים, שהתישבו שם רק כדי להיפטר מעבודת הצבא, מצאו את מחית ביתם בקשרם את עצי היער לרפסודות, לשלחן על פני הברזינה והדניפר ורק הנשים והעלמות לבדן עסקו בעבודת גני־ירק וגני־עץ. וכאשר יצאתי להתבונן אל מלאכתן, אדמו פניהן מבושת, וכמו בקשו סליחה ממני על אשר תתעסקנה בעבודה איכרית, שאיננה לפי כבוד נשים יהודיות. ובאכלי ביום ההוא תבשיל

של לפת ותפוחי־אדמה, שזה מעט נחפרו מן האדמה, ובטעמי אגסים ותפוחים מתוקים, שזה מעט נקטפו מעציהם, עלתה לראשונה על לבי השאלה: מדוע לא יהיו באמת גם היהודים לאיכרים, כמו שיעץ זאת בעל „התעודה בישראל״? השאלה הזאת לא חדלה לנקר במוחי ימים רבים, ורק שנים רבות אחרי זה הקדשתי לשאלה זו את סיפורי „שירת הזמיר״. ובהיותי לפני שנים אחדות בארץ יהודה, ובראותי בהמושבה היפהפיה והפורחת „רחובות״ גברים ונשים עוסקים בעבודת האדמה, ופניהם התאדמו לא מבושת, כי אם מרגשי גאון וחדוה, אז חשתי כאילו התגוללה אבן כבדה מעל לבי, וממעמקי נפשי קראתי: ברוך משנה עתים ומחליף את הזמנים...

(„מה שראו עיני ושמעו אזני״,
ירושלים תש״ז, עמ׳ 91)

ב. גאנקין, ד״ר ז. גארדין

די געשיכטע פון שטשעדרין

צווישן צוויי אַנגעזעענע שטעט אין ווייסרוס־לאַנד, באַברויסק און האָמעל, ליגט פאַרוואָרפן, ווי אָפּגעריסן פון דער גרויסער וועלט, אַ קליינער אָרע־מער סאָוויעטישער „קאָלכאָז״ שטשעדרין — 17 וויאָרסט פון דער אייזנבאַן־סטאַציע קראַסני בערעג און 12 וויאָרסט פון דעם שטעטל פּאַריטש. איצט איז שטשעדרין אַ קליין גויִיש דערפל, מיט חזירים און הינט, מיט מאָהילקעס (קברים), באַצלמטע און אָן צלמים. עטוואָס ווייטער פון דערפל, אויפן קיטשענעם וועג, ליגט אַן איינגעפאַלענער הילצערנער פּאַרקאַן פון צעפוילטע קלעצלעך — דער וועג פּאַר בהמות און חזירים איז אָפן: דאָס איז דער אַמאָליקער יידישער בית־עולם מיט זיינע איינגעפאַלענע מצבות און חרובע אוהלים. פון די אָפּגעריבענע, אויסגע־לאָשענע אותיות קען מען נאָך אויסלייענען ניט ווייניק נעמען. דאָ ליגן מער ווי דריי דורות שטשעד־רינער יידן.

ניט ווייט פון בית־עולם — צוויי גרויסע קופּעס ערד. קיין וועג פירט ניט צו זיי און קיין ביימער וואַקסן ניט אויף דעם אָרט. דאָס זענען די בלוטיקע קברים פון אַ גאַנצן יידישן ישוב; אַלץ, וואָס איז פאַרבליבן פון שטשעדרין. אין איין שעה זענען זיי אַלע אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריס־טישע חיות. אין צוויי גרויסע גריבער, וואָס מ׳האָט זיי געצוווּנגען אַליין צו גראָבן, האָט מען זיי אַריינ־געשליידערט. זיי ליגן דאָרט אין זייערע אָרעמע, פאַרבלוטיקטע בגדים. ניט איבערגעבליבן אפילו איינער, וואָס זאָל זיי באַוויינען...

*

אין דער צאַרישער צייט האָט שטשעדרין זיך אָפיציעל גערעכנט פאַר אַ יידיש דאָרף. אָן גויים־אייגנטימער, אָן אַ קלויסטער, אָן מאָהילקעס און אָן שקצים, וואָס אין אַלע יידישע שטעטלעך פלעגן זיי אַ מורא אָנוואַרפן אויף אַלע יידישע קינדער.

שטשעדרין איז באַרימט געוואָרן אַ דאַנק דער פאַרצוויַיגטער, רייכער פאַמיליע גאַלאַדעץ, וואָס האָט דאָרט געלעבט, זיי זענען געווען באַקאַנט אַלס גרויסע, ערלעכע וואַלד־סוחרים און גרויסע בעלי־צדקה. דעם „הויף״ פלעגן אָפט באַזוכן סוחרים, מעקלערס און שדכנים („וועלט־שדכנים״) און פאַרשידענע שנאָרערס. די אַנטשטייונג פון דער קאָלאָניע און פון דער פאַרוואַלטונג פון דעם האַלב־דאָרף, האַלב־שטעטל איז פאַרבונדן מיט דער פאַמיליע גאַלאַדעץ. און מיט זייער גורל איז אויך פאַרבונדן דער אונטערגאַנג פון שטשעדרין נאָך בעת דער רוסלענדישער רעוואָלוציע.

דער שטאַם־פאָטער פון די גאַלאַדעצעס איז געווען ר׳ חיים גאַלאַד. ווען ער איז געוואָרן רייך האָט ער געביטן זיין פאַמיליע־נאָמען אויף גאַלאַדעץ (גאַלאַד אויף רוסיש באַדייט הונגער). זיין אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע קען דינען אַלס טיפּישער באַווייז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אַנט־וויקלט אַ יידישער קאַפּיטאַל אין רוסלאַנד אַ דאַנק דער אויסערגעוויינלעכער ענערגיע פון יחידים.

אין דעם קליינעם שטעטעלע אָזאַריטש האָט געלעבט די אָרעמע משפחה גאָלאַד, מיט זייער זון חיים. ווען חיים איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ בעל־מלאכה. באַלד אָבער האָבן זיך אַרויסגעוויזן די גרויסע סוחרישע פעיקייטן פון דעם יונגן חיים.

אין יענער צייט — סוף פון ערשטן פערטל פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט — האָט זיך אין רוסלאַנד אַנגעהויבן אַנטוויקלען דער וואַלד־מסחר און חיים, כמעט אָן אייגענעם קאַפּיטאַל, האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט וואַלד. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן פּליטן אויף דער בעריאַזע און אויפן סאַזש אין דעם דניעפּער אַריין, ביז יעקאַטערינאָסלאַוו און ווייטער נאָך — ביז כערסאָן. ער פלעגט איינקויפן וואַלד ביי די פּריצים, אויסהאַקן, פאַרוואַנדלען אין קלעצער, בינדן פּליטן און זיי טראַנספּאָרטירן צום „ניז", ווו וועלדער זענען ניט בנמצא און געהילץ איז געווען אַ יקר המציאות. די עסקים זענען געגאַנגען מיט גרויס הצלחה און חיים איז געוואָרן אַ גביר.

אין יאָר 1841 האָט ר' חיים, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט, אָפּגעקויפט ביי אַ פּריץ אַ גוט, וואָס האָט געהייסן שטשעדרין. ר' חיים האָט באַקומען דעם וואַלד און דעם הויף, ווו דער פּריץ האָט געלעבט, און די גרופּע יידן — אַלע פעלדער אַרום, צו זייען תבואה און צו ציען חיונה פון דער ערד (ר' חיימס חלק האָט באַטראָפן 120 דעסיאַטין).

אַזוי ווי אָבער ניט יעדער ייד האָט געמעגט קויפן באָדן, האָט מען אויסגענוצט דעם געזעץ, וואָס אויף יידישע סוחרים, וואָס האָבן אַ גילדע, איז די גזירה ניט חל. אָבער סתם קויפן אויף אַ נאָמען פון אַ גביר איז ניט „מעשה סוחר", איז מען געפאַלן אויף אַ המצאה צו קויפן דעם גוט אויף דעם נאָמען פון ליובאַוויטשער רבי, ר' מענדעלע (דער „צמח צדק"), וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט פון אַ סוחר פון דער צווייטער גילדע. אויף אַזאַ אופן איז שטשעדרין געוואָרן דאָס אייגנטום פון דעם ליובאַוויטשער רבי. אין יאָר 1865, ווען ר' חיים האָט שוין אַליין באַקומען די גילדע, האָט ער זיין חלק איבערגעשריבן אויף זיין אייגענעם נאָמען.

די גאַנצע קניה פון שטשעדרין איז אָבער, ווי מען האָט געהערט רעדן, געווען אַ מקח טעות. דער פעלד־באָדן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ניט קיין פרוכטבאַרן, איז געווען זומפּיק. די גאָלאַדעצעס האָט עס אָבער ווייניק אַנגעריררט, ווייל צו יענער צייט זענען זיי שוין געוואָרן גבירים אדירים. די קאָלאָניסטן האָבן אָבער דערפון שטאַרק געליטן. אַ סך האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצוקערן צו אַנדערע פרנסות.

שפּעטער האָט ר' חיים אָפּגעקויפט אַ גרויסן גוט אין סורזשער קרייז, טשערניגאָווער גובערניע, ליאַליטש, וואָס האָט געהערט צו דער משפחה פון דעם באַרימטן פירשט זאַוואַדאָווסקי, דעם פאַוואָריט פון יעקאַטערינע דער צווייטער. די דאָזיקע קניה איז געווען זייער אַ געלונגענע. דער גרויסער, געדיכ־טער וואַלד, דער פרוכטבאַרער באָדן און די ברויערייען זענען געווען אַן אומאויסדערשעפּלעכער קוואַל פון עשי־רות. צו ר' חיימען איז איבערגעגאַנגען דער היסטאָ־רישער שלאָס פון ליאַליטש, וואָס דער באַרימטער איטאַליענישער אַרכיטעקט ראַסטעלי האָט אויסגע־בויט. דער שלאָס האָט אויסגעזען פונקט ווי דער פעטערבורגער טאַווערישער פּאַלאַץ, ווו די דומע איז געזעסן. יעקאַטערינע פלעגט זיין אַן אָפטע אורחטע אין שלאָס ביי זאַוואַדאָווסקין. גערעדט האָט מען אין שטשעדרין, אַז דער שלאָס פאַרמאָגט 356 חדרים: די קיסרין זאָל קענען יעדע נאַכט נעכטיקן אין אַן אַנדער צימער. אין דער אמתן זענען אין פּאַלאַץ געווען נאָר 120 צימערן. דאָס מעבל פון פּאַלאַץ האָט מען אַריבערגעפירט קיין שטשעדרין צו די גאָלאַדעצעס, און מען האָט דאָס מאַהאַגאָני־האָלץ איבערגעפאַרבט אויף אַ „שענערן" קאָליר.

דריי זין האָט ר' חיים געהאַט און נאָר איין טאָכטער. ר' לייב, ר' בער, ר' זלמן (אויך אונטער די אויגן פלעגט מען זיי רופן „רב") און די טאָכ־טער הינדע — די „מומע הינדע", ווי מען האָט זי אין „הויף" גערופן. מען האָט זי חתונה געמאַכט מיט אייזיל דעמיכאָווסקי, אַ בחור אַ בן־תורה. די מומע הינדע האָט קיין ירושה ניט באַקומען, ווייל פאַר אַ טאָכטער איז געווען דער נדן, וואָס מ'גיט איר. ר' זלמנס פרוי איז אַרויסגעקומען פון בעל־שמס משפחה — אַ זעקסטער, צי אַ זיבעטער דור. די גאָלאַדעצעס האָבן געטאָן זייער גוטע שידוכים. מ'האָט געזוכט דער עיקר ייחוס, געלט האָט מען אַליין געהאַט.

ר' חיים איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה.

קרובים, אפילו ווייטע, פלעגט ער שטאַרק מקרב זיין, זיי שטיצן און צונעמען אויף שטעלעס. אַ באַזונדערע ליבע האָט ער אַרויסגעוויזן צו לומדי־תורה. זיין פרוי זלאַטע, די „באָבע זלאַטע", האָט זיך אויסגע־צייכנט מיט איר אויסערגעוויינלעכער הכנסת אורחים. אין איר קבר האָט מען אַריינגעלייגט די ברעטער פון דעם טיש, אויף וועלכן זי האָט געטיילט צדקה. די דאָזיקע גוטע מעלות זייערע האָבן די אַלטע גאַלאַ־דעצעס איינגעפלאַנצט אין זייערע קינדער.

די צאָל איינוווינער אין שטשעדרין איז לכתחילה געווען אַ גאַנץ קליינע. דאָס זענען געווען בעיקר געוועזענע דאָרפסלייט, וואָס האָבן מיט דעם גאַנצן רצון געשטרעבט צו ערד־אַרבעט, נאָר אַלס יידן האָבן זיי עס ניט געקענט פאַרווירקלעכן אין די גוישע דערפער, ווו זיי האָבן געלעבט. די דאָזיקע יידן האָבן איצט אין שטשעדרין זיך גערופן מיט די נעמען פון זייערע פריערדיקע דערפער: בעלצער, פערסקאָדער, טשעלוסער, וואַראַטינער אאַז״וו. צו זיי זענען צוגע־שטאַנען אייניקע בעלי־מלאכות, ווי בערע דער שמיד, ישראל דער בויער מיט זיינע בנים, יקותיאל דער שניידער און אַנדערע, ווי אויך, פאַרשטייט זיך, כלי־קודש: אַ רב, אַ שוחט (שמואל דער שוחט) און מלמדים. אויסער די דערמאָנטע, האָבן זיך דאָרט באַזעצט גאַלאַדעצעס משולחים: די מיכלינס, בערע פינסקי, שלמה שיינדלין.

די פּיאָנערן האָבן צעטיילט צווישן זיך דעם באָדן אויף חלקים (פאַסן) און געשאַפן דעם „סכאָד" (קהל), ווי דאָס איז געווען אין יעדן דאָרף אין רוסלאַנד. די אייגנטימער פון די חלקים האָט מען איינגעשריבן אין אַ פנקס, וואָס איז איינגעלייגט געוואָרן ביים רב, אַזוי ווי עס פירט זיך אין אַלע יידישע קהילות. דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין „סכאָד" איז פאַרבליבן אויף תמיד אַלס פּריווילעגיע פון די פּיאָנערן, זייערע בנים און בני־בנים. מען האָט זיי גערופן „קהלס לייט". די שפּעטער־צוגעקומענע נייע תושבים האָט מען גערופן חוציקע און זיי האָבן קיין שום דעה ניט געהאַט אין קהלשע ענינים. די הויפּטפונקציע פון „סכאָד" איז געווען: וויילן אַ סטאַראָסטע. דער אַמט איז מיט דער צייט געוואָרן זייער אַ בכבודיקער און דערפאַר פלעגט דער וואַל־קאַמף צווישן די קאַנדידאַטן זיין זייער אַ הייסער. דאָך פלעגט יאָרן לאַנג אויסגע־קליבן ווערן אַלס סטאַראָסטע דער זעלבער אברהם כאַווקין, ווייל ער האָט געהאַט אַ סך קרובים צווישן די „קהלס לייט". די ערשטע סטאַראָסטעס זענען געווען עקיבא לייזער און דן פאליי, אָדער דן דער סטאַראָסטע.

דער „הויף" און דאָס „שטעטל" זענען געווען כמעט אין גאַנצן אָפּגעזונדערט און געלעבט „יעדער" לויט זיין באַזונדערן שטייגער. בלויז די כלי־קודש, דער רב, די שוחטים און דער דאָקטאָר זענען געווען בשותפות. ס'איז אויך געווען איין בית־עולם, הגם די גאַלאַדעצעס האָבן דאָרט געהאַט אָפּגעזונדערטע שור־רות קברים.

די יידישע מוזשיקעס זענען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט אַלע כוחות און פלייס. זיי האָבן געקויפט אַ ביסל פי (פערד, ציגן און בהמות), געגאַנגען מיט דער סאָכע, געזייט קאָרן, געזעצט בולבע (קאַרטאָפל), אַרבעס, קרויט און אוגערקעס און געקאָסיעט (גע־שניטן) היי. באַלד האָט איינער אויסגעבויט אַ ווינט־מיל (אַ בלינד פערד פלעגט דרייען די ראָד) צו מאַכן בוימל. די מוזשיקעס זענען ניט אָנגעקומען צו קיינעמס הילף און ניט געווען קיין מלאכה, וואָס זיי זאָלן ניט קענען אָדער, וואָס זאָל זיין צו שווער פאַר זיי. קיין גרויסע מזל־ברכה פון דער אַרבעט האָט מען אָבער ניט געזען. די סיבה איז געווען די, וואָס מיט דער ערד האָט מען ניט געטראָפן און דער יבול פלעגט זיין אַ קליינער. נאָך אַ חסרון איז געווען — שטשעדרין האָט זיך געפונען ווייט פון אַ שטאָט, פון אַ באַן און פון אַ טייך און צו פאַר־קויפן די תבואה איז געווען ניט לייכט. אַזוי אַז אין דעם טויטן ווינטער־סעזאָן האָט דער יידישער מוזשיק ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און פירן פון וואַלד האָלץ, מיט וואָס דער גוי פלעגט זיך מפרנס זיין, איז אויך געווען אוממעגלעך, ווייל קיין האָלץ איז ניט געווען. אָן אַ זייטיקער פרנסה איז געווען ביטער, בפרט, אַז דער ייד דאַרף האָבן מער פון דעם גוי. אמת, אַגראָנאָמען פון איק"א פלעגן פון צייט צו צייט קומען קיין שטשעדרין, אָבער קיין ממשותדיקע הילף האָבן זיי ניט געבראַכט. „און וואָס הייסט: נעמען פון פרעמדע מענטשן"? — אַמאָליקע האָבן עס ניט פאַרשטאַנען. ניט קיין וואונדער, דעריבער, וואָס אַ סך האָבן אויפגעהערט צו אַקערן און זייען און די קאָ־לאָניע האָט גיך אָנגעהויבן פאַרלירן איר לאַנד־ווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער. מ'האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינגען די פעלדער צו די אַרומיקע פּויערים און באַקומען דערפאַר אַ העלפט פון דער תבואה. אָבער

אויך די גויים איז שלעכט געגאַנגען, ווייל דער באַדן האָט ניט געטויגט און במילא זענען די רווחים פון די יידן געוואָרן אַלץ קלענער. ווען די יידן האָבן אויפגעהערט אַליין צו זייען, האָבן זיי אָבער די לייכטערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן ניט פאַר־וואָרפן און עס זענען פאַרבליבן אַפילו משפחות, וואָס האָבן בשום אופן ניט געוואָלט נעמען זיך צו אַנ־דערע פרנסות. זיי האָבן זיך עקשנותדיק „איינגע־שפּאַרט" אין דער ערד. דאָס זענען געווען אמתע מוזשיקעס, וואָס אין דער ערד האָבן זיי געזען זייער שפּייזערין. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן זלמן סטאַראָס־טופּיער, אַ ייד אַ למדן, וואָס איז ניט אַוועק פון דער ערד און אַלץ אַליין געטאָן. ממש פאַרקאָכט אין דער ערד, אַן אמתער אידעאַליסט, איז אויך געווען בערל לייוויקס, וואָס איז דורך און דורך געווען דער מענטש פון „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". איטשע דער געלער, אַ גרויסער אָרעמאַן, איז ממש געלעגן אויף זיין שטיקל פעלד און מיט גרויס ליבע האָט ער געטאָן יעדע אַרבעט. נאָך און נאָך טייערע יידן זענען געווען, וואָס האָבן פיינט געהאַט דעם האַנדל און געווען ווי באַשאַפן פאַר דער ערד.

דער „הויף", ווו דער פריץ האָט פריער געלעבט, איז געלעגן עטוואָס העכער פון דעם „שטעטל" און דאָרט איז אַ גאַנץ יאָר געווען טרוקן. די הייזער פון די גאַלאַדעצעס זענען געווען גרויסע, פּאַלאַצן. פאַר יעדן הויז — אַ פּאַליסאַדניק (אַ קליין גערטנדל), אויף יעדן הויף — אַ גרויסער סאָד, די טייערסטע בלומען. חוץ דעם איז אין „הויף" געווען אַ גרויסער סאָד מיט אַ וואונדערבאַרער ליפּען־אַלייע, וואָס איז איבערגעבליבן פון דעם פריץ.

אויף דאָס שטעטל איז זומער געווען אַ באַ־צויבערט ווינקל. פון איין זייט האָבן זיך געצויגן גרינע פעלדער פון קאָרן, קאַרטאָפל, אַרבעס און גערטנער אַ סך, ביז צום וואַלד; פון דער צווייטער, דער נידעריקער זייט, האָט זיך צעשפּרייט אַ פיל־פאַרביקער טעפּיך פון זאַפטיקן גראָז און פעלד־בלומען.

דאָס „שטעטל" האָט אָבער אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו פאַרלירן זיין דאָרפישן כאַראַקטער. עס איז לפי ערך גיך געוואַקסן און די צאָל איינ־וווינער האָט דערגרייכט דעם פערטן טויזנט. דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דער גרויסער צאָל משולחים און משולחימלעך און סתם יידן, וואָס האָבן זיך גע־דרייט אַרום דעם „הויף". „שאַצערס", וואָס שאַצן דעם וואַלד; משולחים אויף אַרויספירן די „סחורה" פון וואַלד; מענטשן, וואָס טרייבן פליטן; אָנגע־שטעלטע ביי דער מכירה אין די פאַרשיידנסטע מקו־מות אויפן דניעפּער און אין ריגע, און אויך אין דער שטאָט מעמעל. דער שטאָב מיטאַרבעטער האָט גע־האַלטן אין איין וואַקסן. במילא זענען צוגעקומען בעלי־מלאכות, קלייטניקעס, מלמדים א"א. די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער קאָלאָניע האָט זיך באַדייטנד געביטן. דער באַדן האָט זייער ווייניק גע־שפּייזט. קיין אינדוסטריע איז ניט געווען. קיין ברייטן האַנדל מיט די אַרומיקע דערפער האָט מען ניט געקענט איינשטעלן, ווייל די צאַרישע רעגירונג האָט ניט דערלויבט איינצופירן קיין מאַרק־טעג אין אַ יידישן דאָרף. געווען אַפילו „שקצים", יידן גראָבע יונגען, וואָס זיי האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ תפלה (קלויסטער) אַרום שטשעדרין, כדי זונטיק און חגא, ווען גויים וועלן קומען, וועט מען קענען פון זיי לייזן. מ'האָט אונטערגעשטעלט גויים און פון דעם איספּראַווניק באַקומען די דערלויבעניש „כמעט אין שטשעדרין" אויסצובויען אַ קלויסטער. אָבער דער ליובאַוויטשער רבי האָט צו דעם ניט דערלאָזן — „אויף יידישער ערד אַ מקום טומאה אויפשטעלן!" פון דעם גאַנצן פּלאַן האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. יידן אין שטעטל האָבן געלעבט אָרעם. די בעלי־מלאכות האָבן געהאַט ווייניק אַרבעט און געאַרבעט „אומזיסט". די קלייטניקעס האָבן פון דעם קלייט אַליין ניט געקענט מאַכן אַ לעבן; על־פּי רוב איז עס געווען אַ „זייטיקע פרנסה" פאַר דעם ווייב. און צוליב מאַנגל אין פרנסה זענען יידן געוואָרן פרי־סטאַוווניקעס. ווינטער פלעגן זיי אַרבעטן ביים טייך און, אַז דער טייך פלעגט „לאָזן", פלעגט מען — דרייען לאָזע אָדער דרייען זיך אַרום די פליטן...

צום רייכן שיכט פון שטשעדרין האָבן געהערט די משולחים. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין שטעטל אַ פיין ביסל געלט... כל זמן די גאַלאַדעצעס זענען געווען „גאַלאַדעצעס", און די משולחים האָבן „פעט" פאַרדינט, האָט „שטעטל" געלעבט. ווען אָבער אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט זענען די געשעפטן אין הויף אַוועק אויף „אַראָפּ", האָט מען עס אין שטעטל שטאַרק דערפילט און עס איז געקומען די גרויסע נויט. דעמאָלט איז „אַנטדעקט געוואָרן" אַמע־ריקע, וווהין מען האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער

צו עמיגרירן. ניט, חלילה, צו זוכן גליקן דאָרט, בלויז אַ שטיקל ברויט צו געפינען.

„גוט" האָט שטשעדרין געהאַט אַ קורצע צייט נאָך דער פאַריטשער שריפה, ווען גבירים פון דאָרט זענען געקומען אין שטשעדרין. באַלד אָבער זענען זיי געפאָרן צוריק קיין פּאַריטש און די גליקן האָבן זיך געענדיקט. אין די בעסערע צייטן, ווען יידן האָבן געהאַט פּרנסה, איז דער נאָמען אַמעריקע, ווו מען דאַרף אַרבעטן שבת, געווען פרעמד און אָנגע־וואָרפן אפילו אַ מורא אויף די שטעטלשע יידן.

די ערשטע אויסוואַנדערער זענען געווען די אַנט־לאָפענע פון פריזיוו. קיינער האָט ניט געוואָלט דינען דעם קיסר און דערצו נאָך עסן טריפהס. די גאַלאַ־דעצעס פלעגן שטיין אין סוראַש, קיינער פון זיי האָט ניט געדינט. אָבער די שטעטלדיקע, אַז עס פלעגט זיך דאָ ניט איינגעבן צו באַפרייען, פלעגן מוזן מאַכן פליטה קיין אַמעריקע. דער אַנטלאָפענער פלעגט זיך רעכענען פאַר דעם אומגליקלעכסטן, ווייל ער ווערט אָפּגעריסן, ווי מען האָט געגלייבט, אויף אייביק פון זיין משפחה. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך דער עולם „צוגעוווינט" צו אַמעריקע און מ'פלעגט שוין אויפהערן צו באַוויינען, ווי מ'באַוויינט אַ טויטן, אַזאַ איינעם, וואָס פאָרט אין דעם נייעם לאַנד.

ווען די גאַלאַדעצעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַר־קויפן זייערע הייזער און אַריבערפאָרן אין אַנדערע ערטער, איז דאָס שטעטל געבליבן אָן פּרנסה. די משולחים האָבן פאַרלוירן זייער ברויט. די קלייט־ניקעס זענען געבליבן אָן לייזונג, די בעלי־מלאכות האָבן אָנגעוואָרן זייער אַרבעט, די בעלי־עגלות האָבן ניט געהאַט וועמען צו „פירן", די קצבים האָבן ניט געקענט לעבן פון שחיטה. מענטשן האָבן דערפילט, אַז די ערד טרייסלט זיך אונטער זייערע פיס און מ'האָט ניט געוווסט פאַר וואָס „צו כאַפּן זיך". צום ערשטן מאָל האָבן טאַטעס אָנגעהויבן לאָזן זייערע טעכטער פאָרן קיין אַמעריקע. אַלץ מער שיפס־קאַרטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון אַמעריקע. מיט ווײ־טיק אין האַרצן פלעגט איטלעכער אָפּגעזעגענען זיך מיט שטשעדרין, און טייכן טרערן זענען פאַר־גאָסן געוואָרן ביים געזעגענען זיך...

ר' אברהם בער, דער קאַסיר, האָט פאַראַקערט דעם „הויף", און ער אַליין, דער אַלטער טרייער פּקיד, האָט זיך גענומען באַאַרבעטן די ערד.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די הערלעכע געשיכטע פון אַ יידישער קאָלאָניע, וואָס האָט זיך אַ לאַנגע צייט אויסגעצייכנט מיט אירע רויקע, באַשיידענע האָרעפּאַשניקעס, גאַנצע און האַלבע ערד־אַרבעטער און מיט אירע באַרימטע גבירים, גרויסע סוחרים און גרויסע בעלי־צדקה.

דער קריזיס אין „הויף" איז ניט געקומען פּלוצ־לינג. ער האָט זיך אַנטוויקלט שטופנווייז אַלס פּועל־יוצא פון צוויי סיבות: 1) די גרויסע וועלדער אין ווייסרוסלאַנד האָט מען ביסלעכווייז אויסגעהאַקט און דאָס פאַרקויפן פון די רעשטלעך איז געוואָרן שווערער צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ צווישן די וואַלד־סוחרים. דער מסחר מיט וואַלד האָט אָנגע־הויבן צו טראָגן פאַרלוסטן, און 2) צוליב דעם, וואָס עס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גרעסערע נעץ פון אייזנבאַנען, וועלכע האָבן פאַרבונדן דעם צפון מיטן דרום פון רוסלאַנד און מ'האָט אָנגעהויבן צו ליפערן אַלץ מער און מער געהילץ צום „ניז" פון די ריזיקע צפונדיקע אור־וועלדער.



מצבת־זכרון על קברותיהם של קדושי שצ'דרין
מ־כ"א אדר תש"ב (המצבה הוקמה ב־1963)
דענקמאָל אויף דעם מאַסן־קבר פון די קדושים אין
שטשעדרין פון 10 מערץ 1942

אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלטקריג האָט זיך די עמיגראַציע קיין אַמעריקע אין גאַנצן אָפּ־געשטעלט און דאָס ביסל יוגנט, וואָס איז נאָך פאַר־בליבן אין „שטעטל", איז זיך צעפאָרן איבערן גרויסן רוסלאַנד. נאָר עלטערע מענטשן זענען פאַרבליבן און אַ הייפל ערד־אַרבעטער וואָס האָבן ניט געוואָלט און אויך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו רירן זיך. אַ סך פון זיי פלעגן באַקומען שטיצע פון זייערע קרובים אין צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע און דרום־אַפריקע.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט די ראַטן־מאַכט געשענקט גרויס אויפמערקזאַמקייט די שטשעדרינער ערד־אַרבעטער און די אונטער־שטיצונג איז געווען אַ מערקבאַרע. אָבער ווען שטשעדרין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָל־כאָז, איז די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער געוואָרן אַ מיעוט צווישן די גויים, אַנגעקומענע פון די שכנותדיקע דערפער. לכתחילה זענען בראש פון דעם קאָלכאָז געשטאַנען יידישע שטשעדרינער בחורים, וועמעס „האַנט" איז מיט אַ באַזונדערער שווערקייט געפאַלן אויף די קעפּ פון די יידישע „לישענצעס".

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די היט־לעריסטישע רוצחים אויסגעהרגעט אַלע יידן. צווישן זיי: אברהם יוסף עקיבא לייזערס מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, נחום פינסקי, בערל סקאָרמאַן, די שוחטקע מיט אירע טעכטער און נאָך, וואָס קיינער וועט קיין מאָל ניט וויסן, ווי זיי האָבן געהייסן...

הונדערט יאָר האָט עקזיסטירט אַ יידישער ישוב, און אַזאַ ווּיסטער סוף!..

(„דער אַמעריקאַנער", 10.4.1953)

יעקב גאָרעליק

מעשהלעך פון מיין שטעטל (שטשעדרין)

דער ליובאַוויטשער ניגון

חסידיזם האָט געבראַכט התלהבות און געשאַפן גאָר אַ סך, אַ סך ניגונים און געזאַנגען. לויט דער מסורה, האָט דער אַלטער רבי שניאור זלמן זצוק"ל, פאַרפאַסט צען ניגונים כנגד די צען ספירות. ספּע־ציעל איינער פון די ניגונים ווערט אָפּט געזונגען פון ליובאַוויטשער חסידים איבער גאָר דער וועלט. דער ניגון רופט זיך טאַקע „דעם אַלטן רבינס ניגון". אין שטשעדרין, דעם חב"ד שטעטל, האָב איך דעם ניגון געהערט זינגען פון די ישיבה־בחורים אין דער ליובאַוויטשער ישיבה תומכי־תמימים. מיט דבי־קות, פייער און ברען האָבן די ליובאַוויטשער ישיבה־בחורים געזונגען דעם ניגון — אָנגעפאַנגען שטיל, פּיאַניסימאָ, און העכער, העכער, געשטיגן ביז אין די הויכע הימלען אַרויף...

דעם „רבינס ניגון" האָבן אָבער געזונגען ניט נאָר די ישיבה־בחורים, נאָר אויך עמך. אַ גאַנצע וואָך איז דאָס שטעטל מיט אירע האָרעפּאַשניקעס געווען פאַרנומען און שטאַרק געהאָרעוועט. קוים אָבער איז געקומען שבת, האָט מען פאַרגעסן אַלע דאגות פרנסה, אַריינגענומען אין זיך די נשמה יתירה, די שבתדיקע, און אונטערגעברומט דעם „רבינס ניגון". שבת פאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, האָט דער ליובאַוויטשער רב רפאל הכהן געזאָגט תורה ביים לאַנגן טיש אין אלקנהס שול. און דאָרט האָט מען אויך פאַרצויגן דעם „רבינס ניגון". איינער האָט אָנגעהויבן, שטיל, מיט דביקות, און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט און מיטגעזונגען.

ברכת כהנים

אין אלקנהס שול, ווו כ'פלעג גיין דאַוונען מיט מיין טאַטן ע"ה זענען געווען עטלעכע כהנים. טייל פון זיי געדענק איך גוט: דער שטעטלשער ליובאַ־וויטשער רב רפאל הכהן, מיין טאַטע אהרן ב"ר מרדכי, אַ שכן פון אונדזער באָד־גאַס, שלמה חיה־גאָלדעס מאַן און פיניע, אַ נידעריקער ייד מיט אַ סאָ־פּראַנאָ־קול. פאַרן „זאָגן" פלעגן די כהנים אויסטאָן די שיך, צוגיין צום כיור און לויים פלעגן גיסן וואַסער אויף די כהנימס הענט. דערנאָך פלעגן די כהנים צוגיין צו דער מזרח־וואַנט, שטעלן זיך מיט די

פנימער צו די מתפללים און זאָגן וואָרט ביי וואָרט, נאָך ישראל דעם חזן, דעם פסוק יברכך ה׳, ביז שלום. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָב איך נאָכ־געפאָלגט דעם אויפטריט פון די כהנים, ווייל כ׳האָב געוווסט, אַז באַלד, באַלד וועל איך ווערן בר־מצוה און וועל אויך דוכנען. כ׳האָב זיך געגרייט, אויס־געלערנט די דינים וועגן דוכנען. אויך ווי צו הייבן די הענט און צעטיילן די פינגער אין אַ קאָמבינאַציע פון פינף פענצטערלעך (מציץ מן החרכים — ה׳ חרכים).

דעם ערשטן מאָל בין איך שטאַרק באַרוישט גע־וואָרן פון דוכנען און געווען אַ ביסל דערשראָקן. אָבער זיך געשטאַרקט און הויך אויסגעזונגען דעם ברכת־כהנים. נאָכן דוכנען זענען צו מיר צוגעגאַנגען מתפללים און געזאָגט „יישר כוח". די גרעסטע פרייד מיינע איז געווען קומענדיק אַהיים, ווען מיין ליבע מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אין דער ווייַ־בערשער שול געהערט דאָס דוכנען און דערקענט דעם קול פון איר בן־יחיד יעקב.

דער שמחת־תורה־ייד

דער גרויסער, באַליבטער, אומשטערבלעכער, שלום־עליכם האָט דעם שמחת־תורה־ייד פאַראייביקט אין „מ׳הוליעט": „דאָס זענען יידן, דווקא שטילע מענ־טשעלעך און דווקא נישקשה פון אָרעמע־לייט, נאָר אַז עס קומט שמחת־תורה ווערט מען לעבעדיק־פריילעך". אַזאַ מין הוליאַקע איז געווען ביי אונדז אין שטעטל: אַ הויכער ייד, אַ בעל־משפחה, נאָר אַ קליינער גביר, אַלע מאָל פאַרזאָרגט וועגן פרנסה, געווען אומעטיק, שטיל, ערנסט אַ גאַנץ יאָר. אָבער שמחת־תורה איז ער געוואָרן גאָר אַ נייער מענטש, אַ טאַנצנדיקער, פריילעכער ייד. נאָך די הקפות פלעגט ער אַרויס אין גאַס און זינגען און טאַנצן. באַלד האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויסער עולם, דערהויפּט יונגוואַרג, און דער שמחת־תורה־ייד, צעוואַרעמט, פלעגט אויסשרייען: שישו ושמחו בשמחת תורה! — און צוטאַנצן דערביי. אַ טענצער איז ער געווען גאָר אַ וואַזשנער. צאן קדשים! — שרייט ער אויס, און מיר, יינגלעך, ענטפערן מיט אַ הילכיקן הוראַ! לשנה הבאה בירושלים! — נאָך אַ מאָל זעצן מיר אַרויס אַ הורא און אונדזערע הערצער קלאַפּן האַסטיק פון פרייד. מיר האָבן זיך דאַן געווונטשן צו האָבן אַזעלכע פריילעכע טעג עטלעכע מאָל אין יאָר, און ניט איין מאָל שמחת־תורה!

יוגנטלעכע שטיפערייען

ס׳איז געווען אַ מאָדע ביי אונדז אין שטעטל, אַז איין חדר פלעגט זיך שלאָגן מיט אַ צווייטן חדר אָדער, ווי מ׳פלעגט זאָגן: גיין „אַ חדר אויף אַ חדר". די געשלעגן פלעגן פאָרקומען הויפּטזעכלעך צוליב דעם יוגנטלעכן דראַנג „נאָך אַוואַנטורעס און מל־חמות". די דירעקטע סיבה פלעגט זיין — „לאָקאַלער חדר־פּאַטריאָטיזם". ד. ה., ס׳איז געווען גענוג, אַז איין חדר־יינגל זאָל ריידן מיט גרינגשעצונג אָדער שפּאָט וו׳עגן אַ צווייטן חדר — און באַלד פלעגט שוין פאָר־קומען אַ געשלעג פון איין חדר מיטן צווייטן. די מאָביליזאַציע און צוגרייטונגען צו דעם געשלעג פלעגן פאָרקומען שטיל אָדער אין געהיים, ווייל, ווי פּאַסט זיך עס פאַר סטאַטעטשנע חדר־יינגלעך זיך גאָר צו שלאָגן? מיין ערשטער רבי איז געווען ר׳ אברהמל לייוויק אָלשאַנסקי ע״ה, אַ שיינער ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד. ער האָט געפירט דעם חדר לויט האַלב־מאָדערנע מעטאָדן און מיר, חדר־יינגלעך, האָבן אים רעספּעקטירט און ליב געהאַט. און אָט האָט מיין חדר איין מאָל באַשלאָסן מלחמה צו האַלטן מיט אַ צווייטן חדר (לייוויק אברהמקעס חדר). די אָנפירער זענען געווען די עלטערע יינגלעך און דער גאַנצער חדר האָט זיך פיבעריש געגרייט צום גרויסן מאָ־מענט... אין אַ באַשטימטן טאָג האָבן זיך ביידע חדרים באַגעגנט און פאַרפירט אַ געשלעג. פיל חדר־יינגלעך זענען אַרויס פון דער „שלאַכט" צעבלו־טיקטע און מיט צעריסענע בגדים. באַלד נאָך דעם האָט אונדז שוין פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה. צו מאָרגנס זענען מיר געקומען אין חדר פאַרשעמטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער רבי איז געווען בלאַס און האָט מיט אַ שטרענגער שטימע אונדז געזאָגט, אַז ער איז זייער דערשלאָגן, צוליב דער געשעעניש — זיין חדר, מיט וועלכן ער איז אַזוי שטאָלץ, זאָל זיך גאָר גיין שלאָגן ווי „בני עשו?" צי ווייסן מיר גאָר־ניט פון „ואהבת לרעך כמוך" און פון „רשע למה תכה רעך?" — גרויס דאַרף זיין די שטראָף — האָט דער רבי געזאָגט — אָבער אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט דאָס ערשטע מאָל, וועלן מיר אָפּקומען נאָר מיט אַ „סימבאָלישער" שטראָף — יעדעס יינגל זאָל

צוגיין צו דער הרובע און צען מאָל זי אַ קוש טאָן.

איינער נאָכן אַנדערן זענען מיר געגאַנגען צו דער הרובע, אַ קוש געטאָן און אין האַרצן האָבן מיר באַשלאָסן, מער ניט מצער זיין אונדזער ליבן רבין מיט יינגלשע שטיפערייען.

אַ חתונה אין שטעטל

אין מאָנאָטאָנעם לעבן פון מיין שטעטל פלעגט אַ חתונה זיין אַ גרויסע פּאַסירונג און פלעגט ברענגען פרייד און יום־טוב ניט נאָר פאַר חתן־כלה און זייערע משפחות, נאָר כמעט פאַרן גאַנצן שטעטל. איבערהויפּט פאַר דער יוגנט.

די חתונות פלעגן מערסטנטייל דורכגעפירט ווערן פרייטיק. חתן־כלה פלעגט מען פירן מיט גרויס פּאַראַד, באַגלייט פון דער שטעטלשער קאַפּעליע,



ה„כליזמרים" של שצ׳דרין — די קלעזמער פון שטשעדרין

איבער דער „גרויסער גאַס" (הויפּט־גאַס) צום שול, ווו אונטערן פרייען הימל איז צוגעגרייט געוואָרן די חופּה.

דער אָרטיקער רב, ר׳ רפאל הכהן ז"ל, אַ ליובאַוויטשער מוסמך, אַ גרויסער למדן אין נגלה און נסתר, איז געווען דער מסדר־קידושין. איך הער נאָך איצט זיין לירישע שטימע און דעם ניגון פון די שבע־ברכות, וואָס ווערן געזאָגט ביי דער חופּה.

אין די פריערדיקע צייטן פלעגט שלום דער חזן (אָדער, ווי מען האָט אים גערופן, שלום דער זינגער), — אַ באַגאַבטער חזן, זינגער און אויסטייטשער פון חסידישע ניגונים — זינגען, אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, די שבע־ברכות.

מוצאי־שבת פלעגט מען פראַווען די חופּה־וועטשערע און די יוגנט פלעגט טאַנצן אַ קאַדריל, „טו סטעפּ", אַ ווענגערקע, קראַקאָוויאַק, קאַזאַטשקע און אַנדערע טענץ. שמואל (מונינקע) דער בדחן (געווען אין דער יוגנט אַן אַרויסהעלפער ביי דעם באַרימטן בדחן אליקום צונזער) און זיינע משפּחה־מיטגלידער, אַ גאַנצער אָרקעסטער, האָבן געשפּילט אויף אַ פידל, קאָרנעט, קלאַרנעט, טרומפּייט און פּויק.

די הייזער זענען געווען מערסטנטייל קליינע, פלעגט מען דעריבער איינלאַדן נאָר די משפּחה און נאָענטע פריינד. דאָס הויז פלעגט אָבער זיין באַלאַגערט פון נייגעריקע, וואָס פלעגן שטיין הינטער די פענצטער און אַריינקוקן.

דער אוריאַדניק

דער פאַרטרעטער פון קיסר אין שטשעדרין איז געווען דער אָרטיקער פּאָליציי־באַאַמטער, דער אוריאַדניק, וועלכער איז געווען דער קליין־קייסערל, אַל־הערשער אין שטעטל. אָנגעטאָן אין זיין עפּאָלירטן אוניפאָרם, אין היטל מיט דער קאָקאַרדע, מיט אַן אָראָפּהענגענדיקער שווערד, אַ בייז פּנים, מיט אַ קליין עטוואָס גרויליך בערדל און וואָנסעס (מיין חדר־חבר אָרע, וועלכער האָט געהאַט אַ שאַרף אויג — פלעגט זאָגן, אַז ווען דער אוריאַדניק ווערט אין כעס, זענען די וואָנסעס זיינע אויך בייז און שטעלן זיך אויף, ווי שאַרפע נאָדלען...).

פלעגט דער אוריאַדניק שפּאַנען איבער דער הויפּט־גאַס פון זיין שטעטל־מלוכה. זיין געהילף, דער סטראַזשניק, פלעגט גאַנץ אָפט מיט אים מיטגיין. ער האָט געהאַט אַ „שוואַכקייט" צו געבן אַ קלאַפּ, ווען נאָר עס איז געווען אַ געלעגנהייט. ווען ער פלעגט באַמערקן אין גאַס אַ רעדל מענטשן, פאַרזאַמלט אַרום אַ געקריג אָדער שיכורים פון אַ דערבייאיקן דאָרף — פלעגט ער באַלד אויסשרייען: „ראַזאַידיס"! (פונאַנדערגיין זיך). ער פלעגט אָנהייבן שלאָגן דעם, ווער עס איז נאָר געווען נאָענט צו אים — און ערשט דערנאָך אויספאָרשן, וואָס ס׳האָט פּאַסירט און פאַראורזאַכט דאָס געזאַמל. איין מאָל האָט ער שטאַרק צעשלאָגן עלטערע פּויערים פון אַ דערבייאיקן דאָרף און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז דער אוריאַדניק אַליין זאָל פאַרזוכן דעם טעם פון קלעפּ. ווען דער אוריאַדניק איז דורכגעפאָרן לעבן זייער דאָרף, זענען זיי פּלוצעם אַרויסגעשפּרונגען אויף זיין קליינער קאַרעטע, אָנגעטאָן אים אַ זאַק אויפן קאָפּ און אים גוט אָנגעקלאַפּט די ביינער...

אַ מאָרד אין שטעטל

דאָס יידישע שטעטל שטשעדרין איז אין 1909 אויפגעטרייסלט געוואָרן צוליב אַ גרויזאַמען מאָרד. אין אַ זומער־נאַכט איז כמעט די גאַנצע משפחה פון רפאל מאַטע, דער אייגנטימער פון אַ גרויסער מאַנו־פאַקטור־קראָם, דערמאָרדעט געוואָרן. 2 יונגע פויערים פון שכנותדיקן דאָרף סקאַריגע האָבן געוואָלט באַ־רויבן די קראָם. ניט קענענדיק אַריין אין קראָם, ווייל די טיר און לאָדנס זענען געווען געשלאָסן, זענען זיי אַריין אין וווינונג, וואָס איז געווען הינטערן געשעפט, ווו עס זענען געשלאָפן די באַלעבאָסטע, אַ זון, 2 טעכטער, אַ דינסט און אַ גאַסט. דער באַ־לעבאָס אַליין מיט נאָך אַ זון זענען גראָד ניט געווען אין הויז. זיי זענען געפאָרן איינקויפן סחורה. די קינדער האָבן דערהערט די טריט פון די רויבער און האָבן אָנגעהויבן שרייען. אָבער זייער געשריי איז באַלד פאַרשטיקט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי אַלעמען דערמאָרדעט. זיי האָבן צעראַבירט די סחורה פון געשעפט און זענען אַנטלאָפן.

אין דער פרי האָט אַן אָנגעשטעלטער אַנטדעקט די בלוטיקע דראַמע און געמאַכט אַ גוואַלד. באַלד זענען אָנגעקומען העכערע פאָליציי־באַאַמטע און מען האָט אָנגעהויבן זוכן די מערדער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט באַגלייט די דערמאָרדעטע משפחה צום בית־עולם, ווו מען האָט זיי קובר געווען אין איין קבר. אויפן קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל פון ציגל, אויף וועלכן מען האָט אויסגעקריצט אַ פסוק פון ירמיהו ל״א: „קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה״.

די פאָליציי האָט ענערגיש געזוכט די מערדער און טאַקע געפונען איינעם אין אַ טראַקטיר, ווו ער האָט, זייענדיק שיכור, זיך באַרימט מיטן מאָרד איבער דער יידישער משפחה. ער איז באַלד אַרעסטירט גע־וואָרן צוזאַמען מיט זיין אַרויסהעלפער. דאָס געריכט האָט זיי פאַרמשפט צו לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע אין סיביר.

דער שטעטלדיקער בית־עולם

דער בית־עולם, וואָס מ'האָט גערופן: „בית־עלמין״, „בית־הקברות״, „בית־החיים״ און דאָס „אייביקע אָרט״, איז אין אַמאָליקן יידישן שטעטל געווען אַ וויכ־טיקער און „לעבעדיקער״ ענין. אין פאַרשיידענע צייטן פלעגט מען גיין צום בית־עולם — באַזוכן דאָרט די נאָענטע קרובים, בעטן, זיי זאָלן זיין „גוטע בעטער״ פאַר אַ רפואה אָדער הילף אין אַן עת־צרה. בעת אַ חתונה פון אַ יתום אָדער אַ יתומה פלעגט מען „איינלאַדן״ די מאַמען אָדער דעם טאַטן צו דער חתונה; ביים אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אָדער לאַנד פלעגט מען גיין צום בית־עולם גע־זעגענען זיך מיט די נאָענטע דאָרט. די ערשטע עט־לעכע יאָר נאָך דער גרינדונג פון שטשעדרין איז דאָרט קיין בית־עולם ניט געווען און די מתים פלעגט מען פירן מקבר זיין אויפן בית־הקברות פון שכנות־דיקן שטעטל פאַריטש, ביים טייך בערעזינאַ.

ס'האָט אָבער פאַסירט, אַז די בערעזינאַ האָט פאַרפלייצט דעם אַרום און מען האָט ניט געקענט צוקומען עטלעכע טעג צום פאַריטשער בית־הקברות מיט אַ מת פון שטשעדרין. און דאַן האָט מען גע־גרינדעט דעם בית־עולם אין שטשעדרין אויף אַ גרויסן שטח, אַ קילאָמעטער ווייט פון שטעטל, ווו עס זענען געוואַקסן הויכע ביימער. ס'האָט זיך אויך געגרינדעט אַ חברה־קדישא און עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ פנקס. מיטן וווקס פון שטעטל איז אויך גע־וואַקסן דער בית־עולם... און גאָר אָפט זענען נייע מצבות דאָרט צוגעקומען. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַן אוהל אויף אַ משפחה־קבר פון אַ גאַנצער פאַמיליע שטעטלשע קדושים, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוליב רויב. אַ יונגער פויער פון דערבייאיקן דאָרף קוטשין, וועלכער פלעגט פאַשען זיינע פערד לעבן בית־עולם, האָט גאַנץ אָפט פאַרשוועכט דעם אוהל און אים פאַראומרייניקט. דער פויער פלעגט אַרויף אויפן אוהל און דאָרט טאָן זיינע באַדערפענישן... ביז ער האָט זיין שטראָף באַקומען. איין מאָל, ווען ער איז אַרויף אויפן אוהל, האָט ער פלוצעם גענומען שרייען, אַז ער זעט אַ מת גיין צו אים... ער האָט באַלד געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון אוהל און אַנט־לויפן, אָבער אַראָפּשפּרינגענדיק איז ער געפאַלן אויף אַ שטיין, פאַרוואונדעט דעם קאָפּ און געבליבן ליגן אַ טויטער ביים אוהל.

דעמאָנסטראַציע פון יוגנט־בונד

אין פאַריטש איז געווען אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פון יוגנט־בונד, וועלכע האָט באַשלאָסן דורכפירן

אַ דעמאָנסטראַציע אין דעם נאָענטן שטעטל שטשעד־רין, ווו ס׳איז אויך געווען אַ יוגנט־בונד.

אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג, תשעה־באָב, האָט זיך אויף דער גרויסער גאַס פון שטעטל פלוצעם באַוויזן דער פּאַריטשער יוגנט־בונד — אַ גרויסע צאָל יונגע חברה, וועלכע האָבן מאַרשירט און געזונגען די בונדישע „שבועה", „וויכרי וראַזשדיעבניע" און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. זיי האָבן מאַרשירט ביז אלקנהס שול און זיך צעגאַנגען. אין שטשעדרין האָט מען געגאַפט אויף דער בראַווקייט פון יוגנט־בונד — דורכפירן אין מיטן העלן טאָג אַ דעמאָנ־סטראַציע קעגן צאַר! — און מען האָט גערעדט וועגן דער „היינטיקער יוגנט", וואָס האָט פאַרלוירן די „מורא".

משה שייע זאַנוולס

די השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנ־גען אין דייטשלאַנד, איז אויך דערגאַנגען צו די יידישע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד. אין דייטשלאַנד איז די השכלה (אויפקלערונג, בילדונג) מער געניינגט געווען צו אַסימילאַציע; אין רוסלאַנד האָט זי זיך מער געווידמעט דעם ציל צו בילדן און פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן. דער קאַמף צווישן פרומע יידן און די משכילים איז טייל מאָל געווען אַ שאַרפער. עס זענען אָבער אויך געווען משכילים, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ סינטעז פון אמונה און השכלה, און זיי האָבן אָפּגעהיט „יידישקייט" — גע־דאַוונט, געטראָגן אַ באָרד און אַז״וו.

אין מיין שטעטל שטשעדרין איז געווען אַ ייד, וואָס האָט אויסגעלאַכט אָט דעם טיפּ „פרומע מש־כילים". משה שייע זאַנוולס האָט מען אים גערופן — אַן אָריגינעלע און פאַרבנרייכע פערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ מלמד, אַ חזן אין שטעטל, און געגעבן פּריוואַטע לעקציעס אין רוסיש.

ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס פּעדאַגאָג, פאַר־פאַסט אַ קינדער־דראַמע אין העברעיש „החמסן הקטן", אַרויסגעלאָזט אַ ביכל „יסורים של אהבה" און „שירי מועד", געווען אַ גזעלשאַפטלעכער עסקן. זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געוווינט אין קאַנאַדע און איז געשטאָרבן אין הויכן עלטער פון נייניציק יאָר.

בריוו־טרעגער

די מערסטע איינוווינער פון מיין שטעטל שטשעד־רין האָבן געהאַט נאָענטע און ווייטע קרובים אין אַמעריקע און קאַנאַדע. די עלטערן, בעיקר די מאַמעס, פלעגן מיט אומגעדולד וואַרטן אויף דעם בריוו־טרע־גער. אַז אַ דערוואַרטעטער בריוו האָט זיך, חלילה, פאַרשפּעטיקט אָדער פאַרלוירן געגאַנגען אין וועג, האָבן מאַמעס אויסגעוויינט די אויגן פון צער.

אין מיין משפחה זענען דריי קינדער אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע, און מיין מאַמע ע״ה פלעגט זאָגן, אַז מיט יעדן קינד, וואָס פאָרט אַוועק, גייט מיט אַ טייל פון איר הארץ, — איז זאָל מען, לכל הפּחות, איר שרייבן ניט פאַרגעסן. דריי בריוו־טרע־גער, אין פאַרשידענע צייטן, געדענק איך אין שטעטל: מאָטל, ישראל מאיר און אהרן מאיר קיווע לייזערס. די בריוו־טרעגער, אָדער „ראַזנאָשטשיקעס" — ווי מען פלעגט זיי רופן, זענען געווען פריינטלעכע מענטשן. די מאַמעס פלעגן פאַר זיי אויסקלאָגן די שווערע הערצער זייערע, ווען פון די קינדער איז קיין בריוו ניט געווען, און די בריוו־טרעגער פלעגן זיי טרייסטן: דאַגהט ניט, דאַגהט ניט, — מאָרגן, אי״ה, וועט אָנקומען אַ בריוו!

אַלע שוסטערס גייען באָרוועס!

איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אין שטשעד־רין איז געווען דער בריוו־טרעגער אהרן מאיר. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין דער שטעטלדיקער פּאָסט ביז די לעצטע יאָרן פאַר דעם חורבן־שטשעדרין, אין 1942 (פאַר אהרן מאירן זענען אויך געווען פּאָ־פּולערע בריוו־טרעגער — מאָטל און ישראל מאיר). די שטעטלדיקע פּאָסט איז געווען דער לעבעדיקער נערוו, וואָס פלעגט פאַרבינדן דאָס שטעטל מיט אירע קינדער, וועלכע זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע וועלט־טיילן, וווהין זיי זענען זיך צעפאָרן צוליב פרנסה. נאָך דער רעוואָלוציע זענען אויך צוליב פרנסה. נאָך דער רעוואָלוציע זענען זיך אויך פיל שטשעדרינער אַרויסגעפאָרן אין די גרעסערע שטעט פון רוסלאַנד לערנען זיך און אַרבעטן.

מיט גרויס נייגעריקייט פלעגט מען זיך צונויפ־מענקלייבן ביי דער פּאָסט יעדן פאַרנאַכט און וואַרטן ביז דער בריוו־טרעגער פלעגט אַרויסקומען און אויס־

רופן די, פאַר וועמען עס איז דאָ אַ בריוו, קאַרטל, פעקל, געלט־אַנווייזונג אָדער צייטונג. דער בריוו־טרעגער אהרן מאיר איז געווען אַ שטאַרקער „בריוואַ־פיל". מיט ליבשאַפט און צערטלעכקייט פלעגט ער יעדן בריוו אַ גלעט טאָן און אָפּגעבן דעם אַדרעסאַט. דער בריוו־טרעגער אַליין, אהרן מאיר, האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה, אָבער גראָד זענען זיי אַלע געווען אין שטעטל און קיינער פון זיין משפחה האָט ניט געדאַרפט שרייבן קיין בריוו, און דערפאַר פלעגט אהרן מאיר זיין אומעטיק ביים פונאַנדערטיילן די בריוו. איין מאָל, נאָכן אָפּגעבן די בריוו, האָט ער הויך אַ זאָג געטאָן: „אַלעמען טייל איך אויס בריוו, נאָר ניט זיך אַליין, אַלע שוסטערס גייען באָרוועס!"

מירעלע אפרת

„מירעלע אפרת", די דראַמע, פאַרפאַסט פון יעקב גאָרדין, און געשפּילט איבער דער גאָרער וועלט פון יידישע טעאַטער־טרופּעס און דראַמאַטישע ליבהאַ־בער־קרייזן, איז אויך געקומען אין מיין שטעטל שטשעדרין. קיין פּראָפעסיאָנעלער טעאַטער איז אין שטעטל ניט געווען, אָבער אַ דראַמאַטישער קרייז אונטער דער לייטונג פון שמואל אליעס, פסח דראָפּ־קין (דער אַרטיקער אַפּטייקער), אויך פון מאַריאַ־סינען (אַ טעאַטראַל פון דעם נאָענטן שטעטל פּאַ־ריטש) און פון אַנדערע — האָט מיט פייער און פלאַם אויסגעפירט אַ צאָל דראַמעס און קאָמעדיעס: „מירע־לע אפרת", „כאַסיע די יתומה", „מענטשן", „גאָט פון נקמה" און אַנדערע.

די הויפּט־שפּילערין פון דראַמאַטישן קרייז איז געווען חנה רחל האנעלין; און אין שטעטל האָט מען זי געהאַלטן פאַר אַ הויך באַגאַבטער שוישפּילערין. אין „מירעלע אפרת" האָט חנה רחל געשפּילט אַלס „מירעלע", אויף די אימפּראָוויזירטע בינעס אין די געביידעס פון „באַלניצע" און „פּאָזשאַרנע־דעפּאָ" האָבן די טאַלאַנטירטע מיטגלידער פון דראַמאַטישן קרייז אויסגעפירט זייערע ראָלעס און די צושויער, וואָס זענען געזעסן אויף האַרטע בענקלעך — האָבן מיטגעשפּילט...

ביי דער סצענע, ווען מירעלע אפרת האָט גע־מוזט פאַרלאָזן איר אייגן הויז צוליב דער מרשעת, איר שנור שיינדעלע, און אַוועקגיין, האָבן די צו־שויער פאַרגאָסן ביטערע טרערן און הויך אויפן קול אויסגעשריגן „דריי עטאַזשנע" קללות אויף שיינדע־לען, דער שלעכטער און פאַרדאַרבענער שנור.

ב. גאנקין און ד"ר ז. גארדין

יידיש לעבן אין שטשעדרין

ביי די גבירים אין „הויף" האָט מען גוט געגעסן און טיי מיט וואַרעניע פלעגט מען טרינקען אַלע טאָג. זומער פלעגן די גאַלאַדעצעס אַרויספאָרן אין די בעדער קיין אויסלאַנד, דער עיקר קיין קאַרלסבאַד, אויף אַראָפּצונעמען דאָס שמאַלץ. ווינטער פלעגט דרייען דער קאָפּ, ווי אַזוי אַרויסצופירן די „סחורה" פון וואַלד און זומער פלעגט זיין גרויס שרעק, וואָס מיט די פליטן וועט זיין. אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר איז דער קאָפּ געווען פאַרנומען אויף צו טאָן גליקלעכע, יחוסדיקע שידוכים...

אין „שטעטל" האָבן די האַלבע „מוזשיקעס" געאַרבעט שווער. די בעלי־מלאכות זענען געווען גרויסע קבצנים. נאָר די צווישן זיי, וואָס האָבן גע־אַרבעט אין „הויף", זענען געווען שטיקלעך יחסנים. די קלייטניקעס האָבן זיך געמאַטערט. קרעמער, וואָס אויף זיי האָט מען געזאָגט, אַז זיי שטייען גוט, זענען גאָר... מקנא געווען די משולחים, וואָס האָבן געמאַכט אַ פיין לעבן.

ביי דער גאַנצער אָרעמקייט האָט דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע געהאַט אַ באַזונדערן חן פון היימלעכקייט און פרייהייט. קיין גויישע מאַכט איז בעצם ניט געווען, און די גאַנצע כלומרשטיקע פאַר־וואַלטונג איז געווען אַ יידישע: אַ יידישער סטאַ־ראָסטע און אַ יידישער סאָטסקי, וואָס זייביידן האָט מען געהערט, „ווי דעם קאָטער". אמת, עס איז אויך געווען אַן אוריאַדניק, אַ גוי, אָבער מיט אים

פלעגט מען קענען דורכמאַכן „פּאַר אַ קלייניקייט".

זומער און ווינטער האָט דאָ געהערשט אַ דאָר־פישע רויִקייט, די גאַלאַדעצעס פלעגן אַ מאָל אַריינגיין אין קאַנטאָר, נאָר אַליין האָבן זיי ניט געאַרבעט. אין קאַנטאָר זענען געזעסן דער בוכהאַלטער טריוווש, אברהם בער, דער קאַסירער ביי די גאַלאַדעצעס, און אפראַס — ביי די „איידעמס".

אין „שטעטל" פלעגן די בעלי־מלאכות ניט איבעריק זיין פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, סיידן ערב יום־טוב. זיי פלעגן שטילערהייט אונטערזינגען אַ „מכלכל חיים" אָדער „וכל מאמינים". די קלייטניקעס פלעגן גאַנץ אָפט כאַפּן אַ דרעמל אין מיטן טאָג. קיין מאַרק־טעג זענען ניט געווען, און דער רעש פון פרנסה האָט זיך אין גאַס ניט געפילט. אין אַ פרייטיק און אין אַן ערב יום־טוב פלעגט אַ שכנותדיקער גוי זיך אַריינכאַפּן, צו פאַרקויפן אַ לעבעדיקן פיש אָדער, ווינטער, ברענגען אַ שליטעלע האָלץ. די קלייטניקעס פלעגן בשעת מעשה אַפּלייזן פאַר אַ הערינג אָדער אַ זעקל זאַלץ. דעמאָלט פלעגט אברהם יוסף, דער קאַנטאַרשטשיק, האָבן די הויפּט־לייזונג פאַר בראָנפן.

קיין פאַרברעכער אין דער קאָלאָניע זענען ניט געווען. קליינע גנבים: אַ הון צוגנבענען, הנאה האָבן פון יענעמס שמאַלץ — יאָ. מ'האָט שוין געוווּסט, ווער די גנבים זענען און ווי אַזוי די גנבות אָפּצושרייען.

אין בירגערלעכע ענינים — קיין אַנדערע זענען ניט געווען — איז דער רב געווען דער שופט. צו אים פלעגט מען אַנקומען מיט אַ דין־תורה.

צום זיעמסקי נאַטשאַלניק אין סטאַריע סטופּי פלעגט מען קומען אַ מאָל אַלס עדות. בלית ברירה פלעגט מען מוזן רעדן רוסיש, וויפל מ'האָט געקענט.

אנשי בוברויסק וצאצאיהם — כמה מאות משפחות, מעורים וקשורים במולדתם הישנה־החדשה, בארץ־ישראל. תמצא אותם כיום בכל העמדות החברתיות והכלכליות, בבית הנשיא ובנשיאות הכנסת, בועד הפועל של ההסתדרות, במרכזי מפלגות הימין ובקרב החרדים, שומרי קרן התורה. החוטים הקושרים אותם עם בוברויסק הולכים ונחלשים במשך הזמן. יהי נא ספר זה גל־עד ומזכרת למוצא המשותף ולעיר המכורה הרחוקה.

באברויסקער אין אמעריקע

די עמיגראציע פון באברויסק אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע האט זיך אנגעהייבן אין דער צווייטער העלפט פון נייצנטן יארהונדערט. איינצלנע, פאמיליעס און קליינע גרופעס האבן זיך געלאזט אין וועג צו זייער נייער היים. ווער צוליב פרנסה, ווער — כדי אויסצומיידן דעם צארס מיליטער־דינסט, און ווער — צו ראטעווען זיך פון פאליטישע פארפאלגונגען.

ישראל קאפעליאוו, וועלכער איז געקומען פון באברויסק קיין אמעריקע אין יאר 1882, דערמאנט אין זיין זכרונות־בוך „אמאל אין אמעריקע" (ווארשע, 1928) בלויז געציילטע באגעגענישן מיט זיינע לאנדסלייט. אבער אין די אכציקער און נייציקער יארן פון פאריקן יארהונדערט געפינען מיר שוין אין דער יידישער פרעסע אין רוסלאנד ידיעות וועגן עמיגראנטן־גרופעס, איבערהויפט בעלי־מלאכות און ארבעטער, אויפן וועג פון באברויסק קיין אמעריקע. אין 1888 שרייבט דער „המליץ", אין א קארעספאנדענץ פון באברויסק, וועגן דעם „דראנג צו עמיגרירן קיין אמעריקע". אין א בוך — "The Jews in Canada" (מאנטרעאל, 1930) ווערט דערציילט וועגן אברהם רודאלף, וואס איז אין עלטער פון 19 געקומען אין יאר 1888 פון באברויסק קיין מאנטרעאל און האט שפעטער געשפילט א פירנדיקע ראל אין דער יידישער קהילה. אין 1894 איז אנגעקומען די פאמיליע לאנדסבערג פון באברויסק קיין טאראנטא, וווּ רבקה לאנדסבערג האט זיך אין די קומענדיקע יארן אויסגעצייכנט מיט איר טעטיקייט אין דער קהילה.

אין סוף פון 19טן יארהונדערט איז שוין געווען א באדייטנדע צאל באברויסקער אין ניו־יארק — מערסטנס פון זיי רעליגיעז געשטימטע. אנקומענדיק אין נייעם לאנד, האבן זיי זיך געפונען אין א שווערער לאגע: איינזאם, פארלאזן, פרעמד אין לאנד און פרעמד אין שפראך. זיי האבן באדארפט זיך צופאסן צום נייעם לעבן און אויך לערנען א פאך.

די עקאנאמישע לאגע איז דאן געווען א שטארק געדריקטע, די ארבעט־שעהן לאנגע, דער געהאלט א קליינער; די פאבריקן — פינצטערע און פארשטיקטע. לאנגע שעהן האט מען געדארפט ארבעטן אויף חיונה און אויף אנקלייבן עקסטרא געלט, כדי וואס שנעלער אריבערצוברענגען די פאמיליעס פון דער אלטער היים. פיל פון זיי האבן ניט געקענט אויסהאלטן די אנגעשטרענגטע שווערע ארבעט און זיינען צוריקגעפארן. די מער מוטיקע זיינען פארבליבן.

די מערסטע אימיגראנטן האבן זיך דאן גרופירט אין געגנט פון אונטערשטן טייל (איסט סייד) ניו־יארק. ס'האבן זיך דאן אנגעהויבן שאפן לאנדסמאנשאפטן און חברהס, וועמענס הויפט־צוועק איז געווען — קעגנזייטיקע עקאנאמישע און גייסטיקע הילף.

א גרופע באברויסקער האבן אין 1898 געגרינדעט די „קאנגרעגיישן אנשי באברויסק" — פארזיצער משה יצחק גאלדמאן. אין זייער לאקאל, אויף הענרי סטריט, האבן זיי אויסער דאוונען דארט אויך פארנומען זיך מיט קעגנזייטיקער הילף: גמילת חסדים־קאסע, הילף אין פאל פון קראנקייט און קרקע פאר די נפטרים. אין 1938 האט די קאנגרעגיישן געציילט 315 מיטגלידער (פון זיי בלויז א העלפט אמתע באברויסקער). ביי דער קאנגרעגיישן איז געווען א פרויען־ברענטש („באברויסקער ליידיס אוקזיליירי"). ח. גארעליק איז געווען דער סעקרעטאר. די קאנגרעגיישן האט געהאט אן אייגענעם רב, א חברה קדישא און א גמילת חסדים־פאנד.

עטלעכע יאר נאך 1898 האבן א טייל פון די לאנדסלייט זיך איבערגעקליבן פון דער איסט סייד און זיך באזעצט אין א נייער יידישער געגנט אין ברוקלין. דארט איז געגרינדעט געווארן א צווייטע שול מיטן נאמען „חברה אגודת אחים אנשי באברויסק", אנגעפירט פון יעקב קינסטלער, הערי מאשרום און אנדערע.

אזעלכע פאראיינען, וואס האבן זיך קאנצענטרירט ארום אייגענע שולן, זיינען אנטשטאנען אויך אין אנדערע שטעט אין אמעריקע (למשל, „די באברויסקער קהילה" אין באלטימאר, געגרינדעט אין 1905; געציילט, אין אנהייב, 40 משפחות).

אין אנהייב פון 20סטן יארהונדערט, אין די טעג פון רעוואלוציאנערן אויפברויז אין רוסלאנד, האט די יידישע יוגנט פון באברויסק געשטראמט קיין אמעריקע; באזונדערס די, וואס זיינען געווען טעטיק אין רעוואלוציאנערע פארטייען און האבן זיך פארפלאנטערט מיט די מאכט־ארגאנען און פאליציי. כמעט אלע האבן זיי געשטאמט פון הארעפאשנע און פראלעטארישע

עלטערן. „ביים נאָסיפּ, לעם באָברולקע, אין כאַטקעס איינגעבויגענע, אויף סלאָבאָדע, אויף מינסקער פּלאַן, בערעזינער־דערציויגענע" — אַזוי האָט זיי כאַראַקטע־ריזירט אין אַ באַגריסונג־ליד הלל מייטין, אויך אַן עמיגראַנט פון באָברויסק. זיי זיינען געקומען פון „בונד", פון „איסקרא", „ס. ר.", „פּועלי־ציון" און „ס. ס.". בערל קאַצנעלסאָן, אין זיינע פאַרעפנטלעכטע בריוו, דער־מאָנט אַ סך זיינע חברים, וואָס זיינען, אַנשטאָט ארץ־ישראל, אַנגעקומען קיין אַמעריקע און דאָרט פאַרבליבן.

איינער פון די באָברויסקער עמיגראַנטן, אהרן גאָרעליק, האָט אין זיין זכרונות בוך „שטורמדיקע יאָרן" (ניו־יאָרק, 1945), באַשריבן די דאָזיקע עמיגראַציע־כוואַליע.

צוערשט זיינען די דאָזיקע ראַדיקאַלע עמיגראַנטן ניט געווען אָרגאַניזירט, אָבער ווען עס האָבן געגומען אָנקומען ידיעות וועגן דעם פּראָגרעס פון דער רעוואָ־לוציע אין רוסלאַנד, האָט זיך אַ גרופּע אָפּשטאַמענדיקע פון „בונד" און „ס. ד." אָרגאַניזירט אונטערן נאָמען „באָברויסקער רעוואָלוציאָנערן־פאַריין" מיטן צוועק צו שטיצן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין באָברויסק. דער פאַריין פלעגט פון מאָל צו מאָל שיקן געלט צו העלפן אַרעסטירטע חברים, קויפן געווער פאַרן זעלבסטשוץ און דג"ל.

מיט דער וואַקסנדיקער אַבסאָרבירונג אין אַמערי־קאַנער לעבן האָבן די באָברויסקער געגרינדעט מער און מער שטענדיקע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס. עס שיינט, אַז צוערשט איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע אויפגע־שטעלט געוואָרן אין 1906, אין שיקאַגאָ, אין דער ראַם פון „אַרבעטער רינג" (באָברויסקער ברענטש, 131 שיקאַגאָ) ; אין 1938 איז בראש פון ברענטש גע־שטאַנען ס. גאַרדאָוו.

אין 1907 האָט אין לאַנד געהערשט אַן עקאָנאָמי־שער קריזיס. די אַרבעטסלאָזיקייט איז געווען גרויס. אין יענער צייט האָט זיך אַ גרופּע באָברויסקער צונויפגע־געקליבן אין הויז פון וו. קעסטין און באַטראַכט זייער אַלגעמיינע לאַגע און באַשלאָסן, אַז יעדער איינער פון זיי זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַזוי פיל לאַנדסלייט, ווי מעגלעך, כדי צו שאַפן אַ ברענטש פון אַרבעטער רינג. אויף אַ פּיקניק, אַראַנזשירט פון דער „פרייער אַרבע־טער שטימע" אין יולי 1908, אין אַלמער פּאַרק, האָבן זיך געטראָפן 23 יונגע ענערגישע באָברויסקער, און אין יענעם שיינעם זונטיק איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט צו גרינדן דעם באָברויסקער ברענטש 206.

אין דעם ניי־געגרינדעטן ברענטש האָבן די לאַנדס־לייט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען יעדע צווייטע וואָך. אַלס ערשטער פינאַנס־סעקרעטאַר איז אויסגעקליבן געוואָרן וו. קעסטין. די מיטגלידערשאַפט איז באַשטאַ־נען פון סטודענטן, ישיבה־בחורים, אַרבעטער און אַנדערע. דער לאָזונג איז געווען: „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם".

אַלע האָבן אויסגעקוקט אויף יעדער פאַרזאַמלונג מיט פיל נייגעריקייט, ווייל צו יעדן מיטינג פלעגן צוקומען נייע לאַנדסלייט מיט פרישע גרוסן פון יענער זייט ים. דאָ האָבן זיי געקראָגן דעם ערשטן „ברוך הבא". צייטנווייז זיינען פאַרגעקומען הייסע דעבאַטן, אָבער ביים שלוס זיינען אַלע פאַרבליבן די בעסטע פריינט, פאַראייניקט.

„ברענטש 206" איז איינער פון די גרעסטע און אַקטיווסטע אין דער משפחה פון „אַרבעטער רינג". אין 1938 האָט ער געציילט 400 מיטגלידער און אין 1958 (צום 50־יאָריקן יובליי) — 465 מיטגלידער, צווישן זיי מער ווי פופציק יוגנטלעכע, געבוירענע אין אַמעריקע. איינער פון די איבערגעגעבנסטע חברים פון „ברענטש 206" איז געווען ראובן גוסקין — איינער פון די וויכטיקסטע עסקנים אין דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. נאָך זיין טויט, אין 1951, האָט דער ברענטש אַדאָפּטירט זיין נאָמען.

די פינאַנסיעלע סעקרעטאַרן אין דעם ברענטש זיינען געווען: דזשייקאָב גאָלדבערג, פעליקס זעלדין, אברהם פיקוס, לואיס שילדקרויט, איזי וואָלפסאָן און דזשייקאָב ניומאַן. די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז דער סעקרעטאַר געווען אַ הי־געבוירענער, וואָס לייענט און רעדט אַ פליסיקן יידיש — דער איידעם פון ראובן גוסקין, איזי גינזבערג. זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אַ טייל פון אונדזערע מיטגלידער זיינען טעטיק געווען אויף דעם קולטורעלן געביט: מיכל גאָרעליק, אברהם גאָרעליק, דזשייקאָב פּאַקסטאָוו ע"ה און לואיס קאַפּלאַן. זיי האָבן געגרינדעט אָדער אָנטייל גענומען אין גרינדן יידישע שולן פאַר קינדער.

נאָך דעם אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 איז די אימיגראַציע קיין אַמעריקע אָפּגעשטעלט געוואָרן. אין 1917 זיינען פיל יונגע מיטגלידער אַריין אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און, ביז זיי זיינען צוריקגעקומען, איז זייער מיטגליד־

General Relief Committee for Bobruisk

Chairman
N. HALPERIN
2175 Walton Avenue
New York 53, N. Y.
Tel. SEdgwick 3-1969

Vice-Chairman
H. SIGUNICK

Treasurer
N. KASDAN
5 West 86th St., N. Y. C.

Secretary
D. KOFF
17 East 22nd St., N. Y. C.
Tel. ALgonquin 4-1767

Trustees
I. SIEGEL
PH. BASS

ADVISORY BOARD
M. ELKIN
L. I. ESTRIN
JOSHUA L. GOLDBERG
Lieut. Comndr., ChC, U.S.N.R.
N. KASDAN
DR. J. MINKIN

EXECUTIVE COMMITTEE
PH. BASS
J. JACOBS
L. KAPLAN
N. KASDAN
N. KASINOWITZ
S. KASINOWITZ
W. LEFKOWITZ
D. KOFF
M. MARON
H. MATIN
J. MATLIN
R. PASHKOFSKY
A. PICKUS
H. SIGUNICK
L. SCHILDCROUT
I. SIEGEL
F. SPIEGEL
N. TEENYANOFF
A. WILLEN

דעם 8טן מערץ, 1945.

טייערער פריינד און לאנדסמאן!

דער אלגעמיינער באברויסקער הילף־קאמיטעט, וועלכער פארטרעט אלע שיכטן און ריכטונגען פון אונדזערע לאנדסלייט, ארגאניזירט א גרויסן

הזכרה מיטינג

אויף זונטיק, דעם 18־טן מערץ, 1945

2 אזייגער בייטאָג

אין דעם גרויסן באל־רום פון פראטוירנעל קלוב הויז, 110 וועסט 48־טע גאס, נ. י.

צווישן די פראמינענטע רעדנער, וואס וועלן אויפטרעטן פארן עולם, וועט אויך זיין אונדזער חשובער לאנדסמאן, ליוטענאנט קאמאנדיר, טשיף טשעפלעין פון יונייטעד סטייטס נעיווי רעזירוו — דזאשוא גאָלדבערג, ווי אויך אונדזער חשוב׳ער לאנדסמאן לאזאר י. עסטרין. די הזכרה וועט געמאכט ווערן פון בארימטן חזן משה׳לע גענטשאף.

עס איז די הייליקע פליכט פון יעדן לאנדסמאן בייצוזיין ביי דעם היסטארישן הזכרה־מיטינג, און לאמיר אלע צוזאמען טאָן אונדזער הייליקן הוב צו די טויזנטער קדושים אומגעקומענע פון די רוצחים און מערדער.

עס איז אויך די פליכט פון יעדן לאנדסמאן אונדזערן צו קומען אין פארבינדונג מיט פריינד און באקאנטע און זען אז זיי זאלן אומבאדינגט קומען צו דעם היסטארישן צוזאמענקום פון אלע באברויסקער לאנדסלייט.

קיין איין לאנדסמאן טאָר ניט פעלן.

לאמיר אלע צוזאמען אויסשטרעקן אונדזער ברידערלעכע האנט און לאמיר זיך ווארעם אפרופן אויף דעם וויי־געשריי פון די ליידנדע און צובראכענע פון די שארית הפליטה, וועלכע קערן זיך אום צוריק אין באברויסק.

אלגעמיינער באברויסקער הילף־קאמיטעט

נייטן האלפערין — טשערמאן
דוד קאפף — סעקרעטער
נייטן קאזשדאן — טרעזשורער.

227

שטייער באַצאָלט געוואָרן דורך דער קאַסע פון ברענטש.

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק דער „באָברויסקער רעליעף קאָמיטעט“ צו העלפן די לאַנדסלייט אין דער אַלטער היים, און אברהם פיקוס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם „רעליעף“, וואָס איז באַשטאַנען פון באָברויסקער שול, שיקאַגער באָברויסקער א. ר. ברענטש 131 און נאָך קלענערע „סאָסייעטיס“ און פאַראיינען. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע פון צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן. אין יאָר 1919 זיינען אויסגעוויילט געוואָרן צוויי ברענטש־דעלעגאַטן, פעליקס זעלדין און אברהם פיקוס, און פון דעם באָברויסקער בית־המדרש — אַ דעלעגאַט טוביה לאַפאַן, וואָס האָבן געדאַרפט געבן הילף די באָברויסקער. אָבער צוליב דעם קריגס־צושטאַנד אין געגנט פון באָברויסק האָבן די דעלעגאַטן ניט געהאַט די מעגלעכקייט דורכצופירן זייער הילף־מיסיע אויסצוטיילן פינאַנסיעלע הילף די נויטבאַדערפטיקע אין באָברויסק. אַ גרעסערער טייל פון דעם געזאַמלטן געלט איז צוריקגעבראַכט געוואָרן און צעטיילט געוואָרן צווישן ווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פון וועלכע די „הסתדרות“ האָט געקראָגן אַ באַדייטנדיקע סומע.

אין יענער צייט האָט דער באָברויסקער ברענטש אַראַנזשירט יעדן סוכות און פסח טאַנץ־בעלער און מאַסקאַראַדן, וועלכע פלעגן באַזוכט ווערן פון טויזנטער באָברויסקער לאַנדסלייט.

מיט דער צייט האָבן באָברויסקער עמיגראַנטן אַרויסגעגעבן פון זיך אַ גרויסע צאָל שרייבער, דיכטער, קינסטלער, וויסנשאַפט־לייט, עסקנים, ווי אויך, נאַטירלעך, ביזנעס־לייט, וואָס שפּילן אַ באַדייטנדע ראָל אין דעם יידישן און אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון אַמעריקע. למשל, ד״ר דש. שיינין (געקומען קיין אַמעריקע אין 1920), דירעקטאָר פון דעם באַוווסטן מעדיצינישן קאָלעדזש אין שיקאַגאָ; מענדל עלקין, לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון ייוו״א אין אַמעריקע; די דיכטערין ציליע דראַפּקין; דער שריפטשטעלער יוסף טונקל (דער טונקעלער); דער אויבנדערמאָנטער ראובן גוסקין; יהושע גאָלדבערג, הויפּט־ראַבינער אין אַמעריקאַנער פלאָט, און נאָך און נאָך — אויף פאַרשיידענע וויכטיקע געביטן.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באָברויסקער לאַנדסלייט אין אַמעריקע פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן הילף פאַר באָברויסק. עס איז אַנטשטאַנען דער „באָברויסקער רעליעף־קאָמיטעט פון אומפּאַרטייאישע לאַנדסלייט“, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן ניט אָנגעהערט ניט צו די רעליגיעזע קרייזן און ניט צום „אַרבעטער רינג“. אין שפּיץ פון דאָזיקן קאָמיטעט איז געשטאַנען וועלוול לעווקאָוויטש, איינער פון די ערשטע „פועלי־ציון“ אין באָברויסק.

דער קאָמיטעט האָט זיך שפּעטער פאַראייניקט מיט די עלטערע 2 פאַראיינען, און זיי אַלע האָבן געבילדעט דעם אַלגעמיינעם באָברויסקער הילף־קאָמיטעט, אונטער

דער אָנפירערשאַפט פון נחום האַלפּערין, איינער פון די צענטראַלע פיגורן אין „ברענטש 206״.

אין 1948, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן מדינת ישראל, האָט „ברענטש 206״ פיל בייגעשטייערט מיט פינאַנסיעלער הילף און אויך געקויפט (דער ברענטש און איינצלנע מיטגלידער) ישראל־באָנדס אין די טויזנטער דאָלאַרן.

דער ברענטש שטיצט פיל וווילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווענדן זיך צו אים נאָך הילף. שוין איבער 58 יאָר זינט דער ברענטש 206 (אָדער „באַבּרויסקער ברענטש״) האָט זיך געגרינדעט, אָבער די מיטגלידער פילן זיך יונג און טעטיק. דאָס איז צו פאַרדאַנקען אַ צאָל פון די מיטגלידער. איינער פון זיי, וואָס פאַרדינט גרויס אָנערקענונג, איז דער פאָרזיצער דוד קאָף. מיר האָבן ערשט געפייערט זיין 75־יאָריקן יובילי, עד מאה ועשרים! געקומען איז קאָף קיין אַמעריקע אַלס יונגער יינגל מיט גרויסע האָפענונגען און אַמביציע צו שטודירן און ווערן אַ דאָקטאָר. אָבער צוליב דער מלחמה און פינאַנסיעלע אומשטענדן האָט ער אויפגעגעבן זיין שטודיום און איז געוואָרן אַ דער־פאָלגרייכער געשעפטסמאַן.

פאַר די לעצטע 17 יאָר איז ער דער שטענדיקער פאָרזיצער פון ברענטש. די מיטינגען פירט ער מיט אינטעליגענץ, טאַקט און איז באַליבט ביי אַלע מיטגלידער. אונדזער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר איז אהרן מייזעלסאָן, אַ ישיבה בחור פון דער היים — קלוג, אינטעליגענט און זאַכלעך. זיינע פּראָטאָקאָלן זיינען אויספירלעך און קלאָר. אויך ער איז באַליבט ביי די ברענטש־מיטגלידער.

אַ צאָל באַקאַנטע פערזענלעכקייטן זיינען געווען און זיינען מיטגלידער פון באַברויסקער אַרבעטער רינג ברענטש: מענדל עלקין, יוסף טונקל (דער טונקעלער), ה. מייטין, ד״ר יהודה מינקין, דזשיי גרייסאָן (גראַייעווסקי).

לײדער, צוליב באַגרענעצטן פּלאַץ, איז ניט מעגלעך צו דערמאָנען אַלע אַקטיווע קולטורעלע און פינאַנ־



ועד־היובל של הסניף הבוברויסקאי ע״ש ר. גוסקין של ה„אַרבעטער רינג״ (1957)

דער יובל־קאָמיטעט פון דעם באַברויסקער גוסקין־ברענטש פון „אַרבעטער רינג״ (1957)

ערשטע שורה: פון רעכטס, זיצן: יצחק סאָלאָף, דזשאָ דזשייקאָבס, דוד קאָף, איזידאָר גינזבערג, נתן האַלפּערין, לואיס קאַפּלאַן.

צווייטע שורה: לואיס פישקין, איזידאָר ליפשיץ, לילי וועקסלער, ייעטאַ בערנשטיין, אַנאַ נאַרשין, אברהם נאַרשין, סאַם ווינִיקאָף, אַלעקס ווילען.

דריטע שורה: שלמה לאַזינסקי, אברהם פּיקוס, מאַקס האַלפּערט, ישראל קאָרן, היימאַן קאַנטאָראָוויטש, אפרים קאַסטאַנאָוויטש.

סיעלע ביישטייערער, וועלכע פאַרדינען אָנערקענונג.

ווען די באָברויסקער אין ישראל, בראש מיט קדיש לוז — פאָרזיצער פון דער כנסת, זיינען צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם „ספר בוברויסק", האָבן זיי אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט די באָברויסקער לאַנדסלייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דער פאַרבינדער איז געווען מאיר סאָלאָף, פון די ערשטע „פּועלי־ציון", וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט און איז עולה געווען קיין ישראל אין 1962. סוף 1963 איז געגרינדעט געוואָרן דער „אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַרן באָברויסקער יזכור־בוך".

דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט איז פון אָנפאַנג באַשטאַנען פון טשאַפּלין — יהושע גאָלדבערג (פאָרזיצער), ד"ר יהודה מינקין, נחום נעלסאָן, נחום האַלפּערין און דוד קאָף, געשטיצט פון ד"ר יצחק מיכלין, לאַזאַר עסטרין און יהושע (פעליקס) איטקין.

אין 1965 איז דער קאָמיטעט רעאָרגאַניזירט געוואָרן אויפן פאָלגנדן אופן:

ראַבאַי יהושע ל. גאָלדבערג — פאָרזיצער
ד"ר יהודה מינקין — פאָרזיצער
משה איטקין — סעקרעטאַר

מיטגלידער: פאָרשטייער פון ברענטש 206 דוד קאָף, אהרן מייזעלסאָן, נחום האַלפּרן, ישראל פיקוס, נחום נעלסאָן.

אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון לאַנדסלייט און ברענטש האָט טשאַפּלין־גאָלדבערג אַדרעסירט דעם עולם און געבעטן צו העלפן דער אונטערנעמונג פון אַרויסגעבן דאָס בוך וועגן באָברויסק דורך אַריינשיקן בילדער און אַנדערע מאַטעריאַלן און אויך מיטהעלפן פינאַנסיעל.


אַ דאַנק דער ענגער צוזאַמענאַרבעט צווישן די באָברויסקער אין ישראל און די באָברויסקער אין אַמעריקע — דערשיינט דאָס דאָזיקע בוך, וואָס וועט דינען אַלס דענקמאָל פאַר אונדזער געמיינזאַמער געבורטשטאָט באָברויסק אויף דער בערעזינאַ.



הועד האמריקאי להוצאת ספר „בוברויסק ובנותיה" **דער אַמעריקאַנער קאָמיטעט פאַרן בוך „באָברויסק און אומגעגנט"**
זיצן, פון רעכטס: **ראַבאי יהושע ל. גאָלדבערג, נתן האַלפּערן, ד"ר יהודה מינקין**
שטייען, פון רעכטס: **יהושע־פאלק איטקין, משה איטקין, נתן נעלסאָן, אהרן מייזעלסאָן, דוד קאָף**

שמעון גינזבורג

בעצם גמר סידורו של „ספר בוברויסק" הגיעה אלינו הידיעה על פטירתו של זקן יוצאי בוברויסק בישראל, ד"ר שמעון גינזבורג.



שמעון גינזבורג

שמעון גינזבורג היה בן למשפחה מיוחסת בעירו. נולד בשנת תרל"ט (1879) לאביו שמואל אלכסנדר ולאמו צֶ'סֶנָה (מכאן כינויו בעיירה — שמעונ'קע צ'עסנעס). בבית הוריו קיבל חינוך תורני וכבן 17 הוסמך לרבנות. אז החל ללמוד לימודי חול, עבר בחינות חיצוניות וקיבל תעודת בגרות. הוא נחשב כבעל סמכות גדולה בקרב הנוער המשכיל בעיר, היה בין מייסדי הספריה העממית היהודית והשתייך לחוגי הציונים (ר' התמונה בעמוד 437 בספרנו).

בראשית המאה יצא גינזבורג ללמוד בפוליטכניון בקיוב ובהתאם להשקפותיו הציוניות בחר ללמוד במח־לקה לחקלאות וסיים את חוק לימודיו בתואר ד"ר לכלכלה חקלאית. בשנות לימודיו התקרב לתנועה המהפכנית הרוסית, ולעתים הזכיר כי בדירתו התאכסן בעת ביקוריו בקיוב המהפכן הידוע ג. גרשוני.

עם תום לימודיו השתקע בקיוב, נשא לאשה את בת עירו רבקה אטינגר ושימש מנהל הסניף הקיובי של בית־המסחר הגדול למכונות חקלאיות „ראבוֹטניק". בראשית שנות העשרים צורף גינזבורג אל המשלחת המסחרית הסוביטית בברלין והיה ממונה בה על קניית מכונות חקלאיות. כעבור שנים מספר פרש מתפקידו ונשאר בגרמניה. עם עליית הנאצים לשלטון, בראשית 1934, עלה לארץ־ישראל וקיבל משרת מנהל הספריה המדעית בתחנה לחקר החקלאות ברחובות. בתפקידו זה שימש כעשרים שנה. היה חביב על צוות החוקרים והתלמידים במוסד והגיש להם עזרה והדרכה בביבליו־גרפיה מדעית. כן פירסם עשרות מאמרים במדעי החק־לאות והעבודה מעל דפי „דבר" (בחתימת אלכסנדרוני).

בן 74 יצא גינזבורג לפנסיה ומאז התגורר בבדידות בדירתו, כשהוא שוקד על ספריו ועוקב אחר התפתחות מדעי הטבע והחקלאות בארץ ובעולם.

זכרונו של ד"ר שמעון גינזבורג היה אוצר בלום של תולדות עיר מולדתו בסוף המאה הי"ט. כמה מרשימותיו באו בספרנו.


יהי זכרו ברוך.

שמעון אגין ז"ל

ביום ב' בסיון תשכ"ה (2.6.1965) נפטר שמעון אגין בן בוברויסק, חבר קבוצת דגניה ב' והרוח החיה במערכת ספר בוברויסק. אנו מביאים בזאת את הדברים שנאמרו על קברו על ידי חברו, חבר מערכת „ספר בוברויסק", קדיש לוז.

אסון מחלתו הפתאומית ומותו של שמעון ז"ל זיעזע אותנו עד עומק הנפש. כל מי ששמע לראשונה על מחלתו — ספק כפים והוכה בהלם של צער.

הוא היה במלוא אונו, במיטב פעילותו, בשיא חכמת בגרותו, והנה נגדע כאילן עבות, שופע פירות, תחת גרזן החוטב.



שמעון אגין

ראינוהו בעלומיו, בשפע עליזותו, כשהוא מנצח על המסיבות ומדביק בשמחתו את המסובים; וראינוהו אז גם בלהט עבודתו, במרצו הבלתי נדלה, בכושר ההתמכרות, ברצינות ההסתכלות ובראיה נוקבת של כל תופעה בחיינו ובחינתה לא כמצות אנשים מלומדה, אלא לפי המהות הפנימית והתוכן — הכל למען האדרת הקבוצה, קיום עקרונותיה, שיפור תחושתו של החבר וחיזוק המשק — גם אם יש לסטות מן הנוהג השגור והמושרש.

וכשהגיע לעמוד בראש ענפים ולמלא תפקידים, התגלה בכשרונותיו המזהירים וביכולת גדולה של תכנון וביצוע גם יחד. הוא ייסד את ענף האספסת, לאחר שנסיונות קודמים לא הצליחו — ועם הצלחת ארבעת הדונמים שלו מלאו העמקים שדות אספסת; הוא עיבד בהצלחה את גן הירקות; הכניס שיטות חדשות בניהול ענייני הכספים; הביא לאקטואליזציה של חשבונות המשק; עמד במרכז ההתרחשויות הכלכליות בקבוצה ובאיזור — כך תרם רבות

לפיתוח המשק האזורי והעזרה ההדדית, תוך חתירה לאמץ את קשרי השיתוף בין הקיבוצים. הוא הדריך את קבוצתנו ליעילות משקית מכאן ולדאגה לאדם מכאן, תוך חיפוש המזיגה היפה של רעיון וחזון, הישוב הקבוצתי לעצמו וחיי התנועה הרחבה.

הוא נדרש מדי פעם למלא תפקידים בחוץ והיה מתבלט בכשרונותיו ובמרצו בכל תפקיד: בהגנה, במפלגה, במשרד הבטחון. אך הוא נמנע מקשר לאורך זמן עם תפקידו מחוץ לעמק־הירדן — ומשמלאה, לדעתו, המכסה שחויב בה — חזר לקבוצה. הוא היה חוזר ממילוי תפקידים אל קיום ערכים, כי בעצם הקבוצה ראה את עיקר שליחותו.

הוא נאבק על ערכים וקיומם. היה נגד העבודה השכירה ותיכנן דרכי חידוש עקרון העבודה העצמית, גם אם זה ידרוש קרבנות משקיים ומאמץ גופני.

השנים האחרונות של חייו היו קודש לקיום ערכים והגשמה עצמית. סירב לכל הצעת תפקיד בחוץ, הקדיש עצמו לעבודה גופנית, ובגיל זקנה היה יוצא יום־יום, שנה־שנה, לשדה ולמטע — שלא לפי תקנת הקבוצה, המצמצמת את שעות העבודה של המזדקנים. ולאחר יום־עבודה ארוך היה מתפנה גם לעסקי ציבור.

תוך התגברות על סערת נפש היה מתהלך בינינו כאילו שקט ורגוע, מחונן בבינה יתירה, בחכמת הלב. שיחה שלו עם חבר השרוי במצוקה קבעה לפעמים את כיוון חייו של החבר. בעיני הכל הוא התעלה בשנותיו האחרונות לדמות מחנכת וקוסמת, הקוראת ללכת בעקבותיו.

זה שנים חיפש את חידוש הקשר הנפשי עם המורשת הרוחנית שינק בילדותו. יתכן שסיורו באירופה המזרחית ובברית־המועצות והמגע עם יהודים בגולה גרם לכך, ואפשר הקשר המחודש עם אמו המנוחה, שבמאמצים רבים הצליח להעלותה ארצה, ואולי — נוסף על שני אלה — תהליכים נפשיים, העוברים על אדם בהגיעו לתקופה של סיכום חייו, הישגיו וכשלונותיו.

לפני שבועות אחדים נסעתי אתו במכונית תל־אביבה, בלווית חברים, ולפתע הוא החל לדבר על חטאנו בהזנחת המורשת היהודית המקורית, היא שגרמה לניתוקם של בנינו ממנה. משהו מפורקן המאויים של חידוש הקשר מצא בעבודתו הקשה על הספר המוקדש לעירנו בוברויסק, שעברה עליה השואה. הוא קשר קשר אישי עם מאות יוצאי העיר בוברויסק. היתה לו חליפת מכתבים גדולה. הוא השקיע וריכז חומר רב ויצר יש מאין. ביום מותו קיבלתי מכתב מעורך הספר והוא כותב לי: „הידיעה על מחלתו של שמעון אגין זיעזעתני. הוא היה רומז מפעם לפעם כי דואג הוא לכך, שהספר מתעכב לצאת ויתכן שכמה מהעוסקים בו לא יזכו לראותו. האומנם התכוון לעצמו?"

וגם אני שואל: האומנם חש כי חולה אנוש הוא והעלים מכולנו, וסירב לפנות לרופא והמשיך — כמעט עד הסוף — לצאת מדי בוקר לשדה ולשוב עם ערב? מניין גבורה זו? בעמדי ליד מיטתו בעת גסיסתו, ראיתי על פניו מאמץ של מאבק עם מר המות, אך לפתע נרגע. פניו הוארו אור שלוה עליונה. שמא ברגעיו האחרונים כברק נגלו לו חייו, והשיג את שלמותם.

נזכור אותך באהבה, אחינו שמעון.

ק ד י ש

סוף דבר

לפני שנים התחלנו באיסוף החומר לספר בוברויסק ובעריכתו. עם סיום הדפסת הספר ברצוננו להביע תודתנו לכל אלה שסייעו לנו בעבודתנו.

בראש וראשונה נעלה את זכרו של שמעון אגין ז"ל, שהיה בין היוזמים הראשונים להוצאת הספר וטיפל במסירות ובנאמנות בכל פרטי הכנתו, כשהוא עושה ומְעַשה אחרים. פטירתו בלא עת פגעה קשות במהלך עבודתנו.

ומן המתים אל החיים:

תודתנו נתונה לכל בני בוברויסק וסביבתה בארץ־ישראל, בארצות־הברית ובשאר תפוצות ישראל, שסייעו לנו באיסוף החומר והעלו על הנייר את זכרונותיהם. לא יכולנו לנצל את כל החומר הרב שקיבלנו ונאלצנו להביא בספר רק חלק ממנו, ומאלה שלא באו דבריהם בספר — נבקש את הסליחה.

אחת הבעיות שהטרידו את המערכת היתה בעית השפות — עברית ואידיש. לאחר שיקול דעת רב החלטנו להביא את הרשימות ואת המאמרים בשפה שבה נכתבו, רק המונוגרפיה הכוללת על תולדות קהילת בוברויסק באה בשתי השפות.

אנו מודים לגב' חסיה טורטל, שעברה על העתונות היהודית של המאה העשרים בעברית, באידיש וברוסית וליקטה חומר רב־ערך לתולדות העיר בוברויסק. מר אורי גורביץ וגב' רבקה כצנלסון דובבו ורשמו מפיהם של בני בוברויסק את זכרונותיהם וחלק מחומר זה שולב בצורה זו או אחרת בגוף הספר. הסופר אהרן פישקין השקיע עמל רב בהגהה ובשיפור הלשון בחלק העברי של הספר. מר אליעזר פינס תירגם את המונוגרפיה „קהילת בוברויסק" לאידיש. מר ישראל רודניצקי ומר שמואל קאלאנסקי עשו מלאכה רבה בשיפור החלק האידי ובהתקנתו לדפוס. מר אברהם אהרוני הכין את המפתח לספר.

אנו מודים למוסדות ולאישים הרבים שסייעו לנו באיסוף החומר והתצלומים. בהם: בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי בירושלים, ארכיון העבודה, האוסף לתולדות הציונות הרוסית (מיסודו של מר א. רפאלי), ארכיון יוו"א וארכיון ה„בונד" בניו־יורק.

תודתנו נתונה למר יצחק קוטונסקי, מנהל הוצאת הספרים „תרבות וחינוך", שטרח בהבאת הספר לדפוס, ולמר בן־ציון אריאלי, בעל דפוס „ארזי", שטיפל אישית בעימוד הספר ובעיצובו.

יעמדו כולם על התודה ועל הברכה.

ה מ ע ר כ ת

ט"ו מנחם־אב תשכ"ז.

נחום נעלסאָן

צום אנדענק פון חיים קאצענעלסאָן

צוויי ברידער זענען זיי געווען — חיים און בערל קאַצענעלסאָן. דער יינגערער, בערל, האָט זיך אָפּגע־געבן מיט אַלטוועלטלעכע יידישע פּראָבלעמען, דער עלטערער, חיים, — מיט „פּראַקטישע ענינים״...

בערל, דער שפּעטער באַקאַנטער ציוניסטישער טוער, האָט שוין צו זעכצן יאָר געשמט אין באָברויסק אַלס עילוי. געהאַלטן אין איין דריבלען זיך אין וועלט־ענינים. און טאָמער האָט מען באַדאַרפט פאַר־ענטפערן אַ קשיה פון מאַרקס „קאַפּיטאַל״, צי פון דער מאַרקסיסטישער לערע בכלל, איז מען געגאַנגען צו בערלען, ווי פרומע מוסלמענער אין דער הייליקער מעקקא.

האָט מען אָבער געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ „סכאָד־קע״, צי דורכפירן אַ שטרייק — דאָס איז שוין געווען חיימס מלאכה. און אַז ס׳האָבן פלוצלונג זיך פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז עס דראָט מיט אַ פּאָגראָם אין אַ דערבייאיק שטעטל, איז חיים געווען דער ערשטער צו זאַרגן פאַר זעלבשוץ, צונויפשטעלן אַ גרופּע פון קאַמפּספּעיקע בחורים און בליץ־שנעל איבערשיקן זיי אַהין .ניט געווען קיין איין געביט אין דער רעוואָליר־ציאָנערער טעטיקייט פון דער באָברויסקער ס. ס.־פּאַרטיי, חיים זאָל אין דעם ניט נעמען קיין אַקטיוון אַנטייל: אויסבאַהאַלטן אַן אונטערערדישע דרוקעריי, אַריבערטראַנספּאָרטירן געווער, צוגרייטן אַ קאָנס־פּיראַטיווע קוואַרטיר, און וואָס ניט? אָפט מאָל האָט זיין פּאָטאָ־לאַבאָראַטאָריע (פּאָטאָ־אַטעליע) געדינט אַלס טרעפפּונקט פאַר געהיימע באַגעגענישן.

איך דערמאָן זיך, מיט וואָס פאַר אַ התפעלות כ׳פלעג קוקן אויף חיימען, ווען ער פלעגט זיך באַ־ווייזן אויף אַ פאַרזאַמלונג (כ׳בין דאַן אַלט געווען 16 יאָר) און פון ערגעץ אַ ווינקל פלעגט זיך דער־טראָגן זיין שטים: „האַלט זיך קאָרעקט״.

איך געדענק אַ סך עפּיזאָדן פון חיימס לעבן און פון זיין טעטיקייט אין יענע שטורמישע טעג. עטלעכע פון זיי וויל איך דאָ דערציילן און דורך דעם פאַר־אייביקן זיין אָנדענק.

דער פּאָליצמייסטער האָט אַ מאָל געזאָגט צו חיימען, אַז באָברויסק דאַרף ניט קיין צוויי פּאָליצ־מייסטערס, ער קלייבט זיך ניט צו רעזיגנירן פון זיין אַמט, טאָ זאָל בעסער חיים פאַרלאָזן באָברויסק... מען דערציילט, אַז דער פּאָליצמייסטער האָט דאָס זעלבע געזאָגט צו נאָכקען — איינער פון די שענסטע גע־שטאַלטן אין דער באָברויסקער „בונד״־באַוועגונג.

ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין האָמעל, אין יאָר 1905, האָט חיים, צוזאַמען מיט חברים פון „בונד״, אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ־גרופּע פון „שטאַרקע״ בחורים און זיי געפירט צו הילף די האָמלער יידן. אויפן וועג קיין האָמעל זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וואָס האָט זיי געצוווּנגען זיך צוריקקערן אַהיים. חיים האָט פאַר־שטאַנען, אַז אין באָברויסק וועט מען זיי אַרעסטירן, האָט ער באַפוילן, אַז אַלע זאָלן אַרונטער פון דילי־זשאַנס פינף ווייאָרסט פאַר באָברויסק און זיך אַריינ־באַקומען אין שטאָט דורך פאַרשיידענע זייטיקע וועגן.

אין באָברויסק האָבן אַלע יידישע פּאַרטייען — „בונד״, ס. ס., „פּועלי־ציון״ א״א געהאַט זעלבשוץ־גרופּעס („באָיעווקעס״). כדי צו באַוואָפענען די חברה מיט געווער, האָט מען געדאַרפט געלט. פלעגט יעדע פּאַרטיי אַרויסשיקן אַ דעלעגאַציע פון „שטאַרקע״ בחורים, וואָס פלעגט קומען צו די רייכע יידן „בעטן״ געלט אויף איינצוקויפן געווער. אין „בונד״ איז דער וואָרטזאָגער געווען נאָכקע, אין ס. ס. — חיים. האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז עטלעכע בחורים פון ס. ס.־פּאַרטיי זענען געקומען צו נאָכקעס פּאָטער נאָך געלט. נאָכקעס פּאָטער האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז ביז ער וועט ניט קריגן קיין באַפעל פון נאָכקען אליין, וועט ער קיין געלט ניט געבן. חברה האָט דאַן געענטפערט, אַז זייער רבי איז ניט נאָכקע נאָר חיים און געמאַכט אַ חורבן אין הויז. און דאַן איז עס געווען, ווען חיים האָט אויסגעשריען זיין פּאָפּו־לער ווערטל: „האַלט זיך קאָרעקט״.

אין איינעם אַווינטער־אָוונט איז חיים אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט געפונען אין זיינע קעשענעס אַ צעטל מיט אַ נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס דאַרף קומען צו אים 10 אַ זייגער ביינאַכט. מען האָט גע־בראַכט חיימען צו דער באַנסטאַציע, — דאָס אָרט

פון דער באַגעגעניש, — דער פּריסטאַוו מיט עטלעכע פּאָליציאַנטן זענען געזעסן אין אַ באַהעלטעניש און אַרויסגעקוקט אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווו חיים האָט זיך געפונען, כדי אין דער געהעריקער מינוט צו אַרעסטירן דעם גאַסט, ווען ער וועט זיך דערנענטערן צו חיימען. ווען חיים האָט דערזען ווי דער גאַסט איז אַרויס פונעם וואַגאָן פון אָנגעקומענעם באַן, האָט ער אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, דורכגעלאָפן פאַרביי אים און אויסגערופן: „קאַלט, פאָר ווייטער". אַזוי איין מאָל, צוויי מאָל, ביז דער גאַסט האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט, זיך צוריקגעקערט אין וואַגאָן און איז נעלם געוואָרן.

דאָס איז געווען אין 1905 אָדער 1906. איך בין דאַן געזעסן אין דער באָברויסקער טורמע. 12 פּאָליטישע זענען מיר געווען צווישן 120 קרימינעלע. איך בין געווען דער עלטסטער ביי די פּאָליטישע און דער פאַרטרעטער פון די קרימינעלע איז געווען אַ סיביריאַק, אַ קאַטאָרזשניק. די באַציונגען צווישן אונדז זענען געווען גוטע. די קרימינעלע האָבן אונדז רעספּעקטירט, געהאַט אָפּשייד פאַר אונדז, ביז מען האָט געבראַכט צו אונדז נאָך אַ חבר. מיט עטלעכע חדשים צוריק, אויף דער פריי, האָט דער דאָזיקער חבר אונדזערער, בעת אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, דעמאַסקירט צווישן די אָנוועזנדיקע אַ גנב, אויסרופנדיק: „היט זיך פאַר גנבים". איינער פון די גנבים האָט אים דערקענט, און פאַר אָט דער עבירה האָבן די גנבים באַשלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

איך בין דאַן אַוועק צום סיביריאַק, אַפּעלירט צו זיין געוויסן, ער זאָל ניט דערלאָזן צו קיין בלוט־באָד, אָבער מיינע ווערטער זענען געפאַלן אויף טויבע ווענט. „גיט אונדז אַרויס דעם פּאָליטישן, און די איבעריקע וועט גאָרניט געשען" — האָט דער סיביריאַק געפאָדערט קאַטעגאָריש. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ לייזונג איז געווען פאַר אונדז אויסגעשלאָסן. ווענדן זיך צום נאַטשאַלניק פון טורמע, איז אויך ניט קיין אויסוועג. מיר זענען געווען אַנטשלאָסן — ניט אַרויסגעבן אונדזער חבר, אָבער אונדזערע שאַנסן אים צו פאַרטיידיקן זענען געווען נישטיקע.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען געבראַכט אין טורמע חיימען. ווען איך האָב אים דערציילט, וואָס פאַר אַ געפאַר עס דראָט אונדזער חבר ,איז ער גלייך אַוועק צום סיביריאַק. ווייניקער ווי אַ שעה האָט געדויערט דער וויכוח צווישןביידע „פאָרשטייער" און דער אינצידענט איז אויסגעגליכן געוואָרן.

איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ כישוף חיים האָט אין זיך פאַרמאָגט, איך ווייס אָבער, אַז ס'איז געווען לייכט און זיכער צו לעבן און אַרבעטן האַנט ביי האַנט מיט אים.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

יזכור

לזכר קדושי קהלת

בוברויסק

ובנותיה

אזריטש, אוסיפוביטש, בערעזין
דאראגאנאוע, הלוסק, האלוי, יאסען
לאפיטש, ליובוניטש, סטאריע-דאראגי
סביסלוביטש, שצדרין,

מנציחים יוצאי בוברויסק ובנותיה

טבלת הזכרון לחללי בוברויסק ובנותיה בהר ציון, בירושלים
די אָנדענק־טאַבעלע פון באָברויסקער קדושים אויף הר ציון, אין ירושלים

אין ליכטיקן אָנדענק

פון

די באָברויסקער קדושים זכרונם לברכה

אומגעקומען

דורך די נאַצישע מערדער ימ״ש

חשון תש״ב — נאָוועמבער 1941

צום אייביקן אָנדענק

פון

אלע קדושים פון שטעטל שטשעדרין ז״ל

פאַרשניטן דורך די נאַצישע רוצחים ימ״ש

כ״א אדר תש״ב
דעם 10־טן מערץ 1942

צום אייביקן אָנדענק

אלע קדושים ז״ל

אומגקומענע דורך די נאַצי־מערדער ימ״ש

תש״ב — 1941-1942

אין

אָסיפּאָוויטשי, הלוסק, כאָלוי, ליובאָניטש, לאַפּיטש,
סוויסלאָטש, סטאַרע דאָראָגי, פּאַריטש און אַנדערע
שטעטלעך און דערפער

א י ן אָ נ ד ע נ ק

פון דער ליכטיקער פערזענלעכקייט

בערל קאצענעלסאן

באָברויסקער לאַנדסלייט
אין אַמעריקע

א י ן אָ נ ד ע נ ק

פ ו ן

מ ע נ ד ל ע ל ק י ן ע״ה
שרייבער און טעאַטראַל

י ו ס ף ט ו נ ק ע ל ע״ה
(„דער טונקעלער״)

ה י ל ל מ י י ט י ן ע״ה
לערער און שרייבער

צ י ל י ע ד ר אַ פ ק י ן ע״ה
שרייבערין און פּאָעטעסע

מ י כ ל ג אָ ר ע ל י ק ע״ה
לערער און געזעלשאַפטלעכער טוער

ר א ו ב ן ג ו ס ק י ן ע״ה
אָנפירער פון יידישן אַקטיאָרן־יוניאָן

ב אָ ב ר ו י ס ק ע ר ל אַ נ ד ס ל י י ט
אין אַמעריקע

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

הערשל און שרה יאָכע קרומער געשט. 1941

שוועסטער פון חנה נאכשין און מרים איטקין

געניע קוטיקאָף־הורוויטש געשט. 1952
איר מאַן שייע הורוויטש געשט. 1963
שרייבער און פעדאַגאָג

עלטערן פון וויכנע האכסטאט
איר מאַן משה און קינדער
זלאטע פוטטער, איר מאַן חיים און קינדער

דוד נידעלמאַן (מאַן פון פערלע קוטיקאָף) געשט. 1962
שיינע רחל קוטיקאָף־ארשער געשט. 1960
פרוי פון זושע ארשער געשט. 1927

עלטערן פון וויכנע רובינשטיין
איר מאַן דניאל און אייניקלעך
ריטא און נארמאַן מאָסס

מענדל עלקין געבוירן אין באָברויסק 1873,
געשט. ניו־יאָרק 1962
זיין פרוי רבקה געבוירן אין באָברויסק 1879,
געשט. ניו־יאָרק 1947

פאָטער און מוטער פון אסתר ווינאָגראַדאָוו

אייזיק סווערדלאָוו העברעאישער לערער,
זיין פרוי קיילעס עלטערן נחמיה און מלכה קראל

פאָטער און מוטער פון הערשי סווערדלאוו
און זיין פרוי שרה

דוד און שמעה איטקין געשט. אין צפת 1892
זאב וואלף יורזדיצקי געשט. אין באָברויסק 1915
זיין פרוי חייצע געשט. אין ניו־יאָרק 1929
נחום זלמן איטקין געשט. אין ניו־יאָרק 1932
זיין פרוי אלטע בת־שבע תרצה געשט. אין
ניו־יאָרק 1942
זייער זון פנחס איטקין געשט. אין ניו־יאָרק 1954

זיידע און באבע
זיידע
באבע
פאָטער
מוטער

פעליקס, מנוחה,
משה, שמעון,
זייערע פרויען
מלכה, מרים, כאשע
און אייניקלעך

ברודער און פאָטער פון איידא און דיאנא

ציליע דראפקין שרייבערין און פאָעטעסע,
טאָכטער פון פייגל און יוסף־יונה לעווין

מוטער פון דזאן דזשיי דראפקין

מאטעס רייכמאַן
און זיין פרוי סטישע

עלטערן פון אהרן יצחק, זיין פרוי עלקע
און די קינדער (אין די שטאַטן — פון 1905)

משה יצחק און סטישע גאלדמאַן

עלטערן פון ד"ר מאקס גאלדמאַן

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

מרדכי לייב און צביה ראזאווסקי — זיידע און באָבע
בערל און רחל ראזאווסקי — פאָטער און שוועסטער
קרבנות פון נאציס אין באַבי־יאַר 1941
רייזל ראזאווסקי (מיטעלמאַן) — מוטער
ראובן און שמעון ראזאווסקי — ברידער
אביגדור און עלקע מינקין — זיידע און באָבע
דוד און לאנע מינקין — נאצי קרבנות — פאָטער און מוטער
שרה־רחל און לאה מינקין — נאצי קרבנות — מומעס
נח, מאיר, זלמן, סאשע און באריס — ברידער

פון
קיילע ראַזאָווסקי־מינקין
זלמן ראזאווסקי
סאניע בערלינד
און ד"ר יהודה מינקין

פאַמיליע מאגולעסקי

ד"ר יהודה מינקין

יוסף און זיין פרוי ראשע גוסקאָוו (גוסקין)

עלטערן פון ברײנע און איר מאַן מייזעלסאָן

יהודה און חוה בעלענקי געשט. — ער 1934, — זי 1931
לעאָן און אננא לאזינסקי
יעקב (יאשע) לאזינסקי געשט. ניו־יאָרק, 1941

עלטערן, שווער און שוויגער און
דער מאַן פון מאניא בעלענקי־לאזינסקי

ברוך מרדכי און זיין פרוי ראזע מאזין געשט. 1941

עלטערן פון חנה לעווין (מאזין)

לייבע און כאשע לאקערניק (פּאַריטש)
עטל און ריקע לאקערניק

ברודער און שוועסטער פון גנעשע אלטשול

ברוך און חייענע עפראן
ישעיהו און עליע עפראן
שרה מינקין, העניע מאגולעסקי און חיה
איצע און עליע מינקין

עלטערן, ברידער, מומעס און פעטערס פון
אידע טענענבאום און איר מאַן בען עפראן

מארגאלין לייבע פייעס זיין פרוי איידל — עלטערן
(טאָכטער פון חיים לעווין), בנימין — מאַן
זלמן, שעפסל, שמעון און מרדכי — ברידער

חיה־שרה דעקעלבאום

משה יצחק מארשאק און זיין פרוי מאריאשע,
טאָכטער פון שמואל יצחק לעווין (פון די קרייטלאך)

עלטערן פון אירווינג מארשאק און כאשע
איטקין, איר מאַן שמעון און אייניקלעך

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

מאטל בן ניסן
רחל בת שעפּסל
מאיר בן זעליג
עלקע בת באדאנע
אהרן זעליג בן מאיר
שרה פרידע בת עלקע
מרים בת ישראל
סאידע בת ניסן

משפחה סאָלאָוויאָוו

ראובן ב"ר ישראל פרידמאַן (ליובאַן), נפטר תרצ"א — פאָטער
יאכע בת ר' מאנעס פרידמאַן און אירע טעכטער — מוטער
אלטע און ביילע און זייערע משפחות (ליובאַן) — שוועסטער

פון חיים פרידמאַן (אלבאַני)

בערל און דינה סטאַנאַוויץ און זייערע טעכטער
דבורה, מאשע און ראָזע (ליובאַן)

שוועסטער, שוואָגער און פלעמיאַניצעס
פון שפרה און חיים פרידמאַן

דבורה בת ר' משה זימל לעווין (ליובאַן), נפטרה תרנ"ט — מוטער פון שפרה פרידמאַן

זוסמאַן ראַזאָווסקי געשט. 1940
זיין פרוי ראָזע געשט. 1938
עלטערן, זיידע, באבע
זייער טאָכטער רחל און משפחה
און זייער זון ראובן — נאַצי קרבנות
זעליג ראַזאָווסקי, געשט. 1967

סאָניע ראַזאָווסקי,
לעאַ און זיין פרוי עריקא ראַזאָווסקי
דינה און איר מאַן זוסל בערקמאַן
מירה ראַזאָווסקי, קינדער און אייניקלעך

אין פייַנעם אָנדענק פון
ראובן ראַזאָווסקי — נאַצי קרבן

מאַן פון מירה ראַזאָווסקי,
פאָטער פון אסקאַר, זיין פרוי אידיט און קינדער

חיים אייזענשטאַט געשט. 1928
מאַשאַ אייזענשטאַט נאַצי קרבן

פאָטער און מוטער פון
מיקא און וואַדים וואָלף

חיים לעווין, דער כאַלויער רב, זיין פרוי ציפּע־שרה

עלטערן פון פויגל (לעווין) פרידמאַן

ישעיה יעקב בן זאב וואָלף קעסטין,
זיין פרוי פייע בת נחום,
ביילע בת אברהם

פאָטער, מוטער און פרוי
פון זאב וואָלף קעסטין

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

גארבאטשעווסקי אברהם און מאטל (נאצי קרבן)

פאָטער און ברודער פון פעני פעקעלני

פערלין רחל און שמואל געשט. 1931

עלטערן פון יעקב פערלין

נתן־נאטע און ליבע פיקוס, אברהם און יואל

עלטערן און ברידער פון ישראל פיקוס

אלטער אברהם מאיר דער סופר געשט. 1912
זיין פרוי נעשע געשט. (אין פאהאסט) 1895

עלטערן פון יעקב פרימאן
און זיין פרוי שרה

יהודה און חנה־רחל קאָף
סעם און אברהם קאָף

עלטערן און ברידער פון דוד קאָף
און זיין פרוי ברכה (סיגעל)

שיינע פייגע קאשדאן
און בן־ציון קאשדאן

עלטערן פון ניסן קאשדאן (אַמעריקע)

שרה און שמואל קאגען

זייער טאַטע און פליעמיעניק ניסן קאשדאן

אחינו משה חיים בר' דב־בר פריד,
אמנו זלדה בת משה (לבית שפירא),
אחינו ואבינו יוסף בר' משה חיים, גיסתנו אסתר,
אחותנו רוזה בת משה חיים,
ר' יעקב קמינר (מיוצאי חרקוב־דנציג)

רשמו בנותיהם, בנם, נכדתם ובתם בישראל:
סוניה ויעקב ליפשיץ, יעקב ואניה פריד,
חיה וישעיה קורצמן, רינה וראובן נוימן
ומשפחותיהם בישראל

הורינו היקרים יעקב ופסיה רוזובסקי
ואחינו אברהם, שנספו בידי הרוצחים בשואה

רשמו: סוניה וזליג רוזובסקי, בורים ופסיה
רוזובסקי, אסתר מאו, רפאל רוזובסקי,
בניהם, בנותיהם ונכדיהם

מיינע עלטערן מנדל און חאסיע אלטשול (פלוטקין),
מיינע ברידער אברהמ'ל, אליע און מיכל,
וועלכע זענען אומגעקומען אין לעצטן וועלט־קריג

פון לאה מוזס (אלטשול) אשקלון, ישראל

הורי היקרים קיילה וזאב גולדבורט ז"ל

רשם: בנם יהודה גולדבורט והילדים — רוסיה

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

הורינו **צבי הירש ואסתר (אסקה) לווינסקי**
מנחם מנדל וחנה קנטרוביץ

רשמו: קדיש ורחל לוז

אבי הרב **אלחנן בן־ציון הלוי בר' יחיאל ז"ל,**
אמי הרבנית **הניה** בת הרב **ר' מאיר פיימער,**
נכדתו של ר' יוסף מסלוצק,
אחי **שניאור ויחיאל (הרי) קרפ**
ואחותי **חיה אטל (אידה) קרפ**

נרשמו ע"י הדסה אפרתי לבית קרפ

הורי היקרים **יוסף ומוסיה כצנלסון**
ואחינו **שלמה** ובן־אחי **אליהו** שניספו בשואה
ואחי **בן־ציון** ז"ל

רשמו: רות, חיה ויעקב כצנלסון, ישראל

סבא וסבתא — **אידה ושמשון סלצובסקי,**
אמא ואבא — **פרידה וצבי סלצובסקי,**
בני יחידי **בנימין בן רחל וליפא סלע,**
שנפל במלחמת הקוממיות

רשמו: ליפא ונתן סלע (סלצובסקי)

הורינו היקרים
זאב בן יצחק תומשוב מת בבוברויסק — 1925
וחסיה בת גדליהו תומשוב — מתה בישראל — 1942

רשמו: משה ובניהו תומשוב,
חנה סילברמן־תומשוב, ישראל

זאב כצנלסון, נולד בבוברויסק — 1888, עלה ארצה ב־1914
היה חבר בכנרת ותל־ עדשים; השתתף בהגנת תל־חי, בין
עובדיו הראשונים של „המשביר". נפטר בחיפה, כ"ה אייר
תשכ"ו (15.5.66).

המשפחה

אבי **שבתאי בן משה רוזנברג**
ואמי **קיילה בת לייזר־לייב רוזנברג**

רשמה בתם מרים ברוקסון, חדרה

איטקה דוברס בת ברל וחסיה קגנוביץ'
נפטרה בחיפה, כ"ט בסיון תשכ"ד

רשמו: בעלה שמחה, בניה יעקב וזאב

לזכרון עולם
צום אייביקן אָנדענק

ר׳ דוד און באדאנע
זלמן הירש
זלאַטע
סענדער
עלקע
שרה לאה
חנה מרים
קיילע

פאַמיליע סאָלאָוויאָוו

מיין פאָטער עליע אפשטיין
און שוועסטער רעשע,
וועלכע זיינען אומגעקומען אין דער צווייטער
וועלט־מלחמה

רייע אפשטיין
סוניה מייזנער
ישראל מייזנער

לזכר אבי בנימין אייזנשטאט
ואמי חיה,
אחיותי מלכה, רוזה וחנה
ואחי איסר

הרושמת:
סוניה אייזנשטאט-כצנלסון, חיפה

לזכר דויד שלמה קצנלסון מאוסיפוביץ׳
ואשתו שרה גיטל בת אחיו של מרדכי צבי מאנבי
(דער בלינדער פרוש)
שנפטרו בישראל

נרשמו על־ידי בנם
שמואל קצנלסון בתל־אביב

יזכור

איך ווידמע די פאָלגנדע שורות דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיינע ליבע עלטערן **ראובן** און **שרה ריווע גאָרפינקל**, דעם אָנדענק פון מיינע טייערע דריי ברידער און צוויי שוועסטער: **זשאמע** און זיין פרוי **חיה שרה**, **עליה**, **לייבע** און זיין פרוי **חיה**, **פרומע** און איר מאַן **יודל הווירסאן** און **רישע פאַקסטאָוו**.

זאָלן אויך פאַראייביקט ווערן די נעמען פון מיין פאָטערס צוויי שוועסטער און אַ ברודער: **ליבע** און **איר מאַן נאָטע פיקוס**, דער פאַרוואַלטער פון באָברויסקער „לינת הצדק" **לאה** און **איר מאַן מענדל דאָבקין**; **בנימין** און **זיין פרוי צירע קוזניצאָוו**, זיינע צוויי פלימעניקעס **אברהם פיקוס** און **יואל פיקוס**, וועלכער איז פאַרלאָרן געגאַנגען בעת דער רעוואָלוציע אין 1917.

עס טויכן אויף אין מיין זכרון דעראינערונגען פון מיינע קינדערשע און יוגנט־יאָרן. מיין פאָטער האָט מען גערופן אין באָברויסק רוווע דער שמיד. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז באַקאַנט געווען אַלס גוטער פאַכמאַן, איז אָבער דער דלות געווען גרויס אין הויז. מיינע צוויי עלטערע ברידער האָבן געמוזט יונגערהייט פאַרלאָזן דעם חדר און אָנפאַנגען אַרבעטן אין קוזניע ביים פאָטער.

איך זע מיין פאָטערס געשטאַלט מיט זיין הדרת פנים, צוויי ליכטיקע אויגן און אַ שיינע באָרד. איך דערמאָן זיך דעם טאָג, ווען ער האָט מיט התלהבות, צום ערשטן מאָל מיך אין חדר געפירט. איך געדענק ווי ער האָט מיך צו מיין ערשטן באַלעבאָס לערנען זיך פאַרבערייי געפירט, איך בין דאַן קוים צען יאָר אַלט געווען.

אָט זע איך מיין פאָטער ווי ער שטייט ביים עמוד און דאַוונט אין אברהם יודלס שול און זיין הילכיקע זיסע טענאָר־שטימע קלינגט אָפּ איבערן גאַנצן בית־מדרש. אין דער זעלבער שול האָבן געדאַוונט די לאָזינסקיס, עסטרינס, גאַלאַנטעס, האַלבערשטאַט און אַנדערע אָנגעזעענע בעלי הבתים פון שטאָט.

מיין מוטער איז געווען אַ צנועה, מיט אַ שייטל אויף איר קאָפּ און מיט אַ טיכל פאַרדעקט. זי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לחם עניים — פאַרזאָרגן מיט ברויט די נויטבאַדערפטיקע.

דעם ערשטן טראַגישן קלאַפּ אין לעבן האָבן מיר געקראָגן, ווען מיינע עלטערן און איך זיינען גרייט געווען צו פאַרלאָזן באָברויסק און פאָרן אין דער ווייטער שטאָט ניו־יאָרק, צו פאַראייניקן זיך דאָרט מיט דער פאַמיליע. פונקט דאַן איז מיין פאָטער פּלוצעם קראַנק געוואָרן און איז פון זיין בעט שוין ניט אויפגעשטאַנען. ניט באַשערט אים געווען צו שעפּן אַ ביסל נחת אויף די עלטערע יאָרן...

נאָכן אָפּזיצן שבעה זיינען מיר — איך און די מאַמע — אָפּגעפאָרן מיט שווערע הערצער, און בעת אונדזער צוזאַמענטרעף מיט דער משפחה אין ניו־יאָרק איז די פרייד געמישט געווען מיט טרערן... שווערע צייטן האָבן מיר דאַן דורכגעמאַכט, פונקט ווי אַנדערע אימי־גראַנטן, אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אויך דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט מיין מוטער, אויפן שטייגער פון דער אַלטער היים, אָנגעהאַלטן איר וווילטעטיקע אַרבעט צו באַזאָרגן נויטבאַדערפטיקע מיט חלה און פיש אויף שבת. און ווידער האָט אונדז געטראָפן אַ גרויס אומגליק. מיין ליבע מוטער איז דערהרגעט געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל גראָד דאַן, ווען זי איז געלאָפן דורכפירן אַ צדקה־טאָט. זי האָט ניט דערלעבט צו געניסן פון דער שפּעטער פאַרבעסערטער עקאָנאָמישער לאַגע.

איך בין דער יינגסטער און איינציקער פאַרבליבן פון אַ פאַמיליע פון אַכט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק און יישר־כח צו די אַלע וועלכע האָבן דערמעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס יזכור־בוך „באָברויסק".

אונדזער שטאָט באָברויסק האָט געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. בערך איבער פערציק בתי מדרשים זיינען דאָרט געווען. די שטאָט האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל פערזענ־לעכקייטן, וואָס האָבן אַ שם אין דער יידישער וועלט.

מיר פילן זיך גליקלעך, וואָס מיר האָבן דערלעבט די גרינדונג פון מדינת ישראל און מיר האָפן, אַז דאָס לאַנד וועט בליען, וואַקסן און זיין אַ מוסטער־מדינה פון דעת, פרייהייט און שלום.

שאול גאָרפינקל

(רוווע דעם שמידס זון)

מפתח השמות*

---

* סודר בידי א. אהרוני.

*PYW
(Bobruisk)
1907

cH

v.i